STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10175

TRAYST FAR DI IDEN

J. F. Rutherford

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

YIDDISH

COPYRIGHT 1925

ניימהען שמראוס דער גרינדער פון פּאסמעריזירמער מילך לאבאָראַמאָריע אין 1892, פּרעזענטירט דעם געזונדהייטס־דע־פּארטמענט, שטאָדט ניו יאָרק, 1920.

אלקסאנדריא ביי, נ. י.
קאַסא בלאַנקא
אויגוסט 14טען, 1925.

וועַרטער דזשאָזעף פּ. רוטהערפאָרד,
124 קאָלאָמביא הייטס,
ברוקלין, נ. י.

מיין טייערער ריכטער:

אייער רעדע „דעם אידענ'ס צוריקקער קיין פּאַלעסטינע", וואָס איז געווען דורך דער ראַדיאָ פארשפרייט, איז נאָר וואָס געבראַכט געוואָרען צו מיין אויפמערקזאַמקייט.

מיין פרוי און איך זיינען געווען דריי מאָל אין דעם הייליגען לאַנד. מיר זיינען שטארק פאראינטערעסירט אין איהר אויפבוי, זייענדיג הייסע ציוניסטען.

אייער אויסטייטשונג די נביאות פון דעם תנ"ך אפעלירט צו אונז שטארק — און באשטעטיגט אונזערע אייגענע איבערצייגונגען.

איהר ווייזט ארויס אן ערנסטע קענטניש פון דעם תנ"ך, וואָס קען ניט העלפען אנדערש ווי צו איבערצייגען וועגען דער גערעכטיגקייט פון מיין פאָלק אין וועלען צוריק באזיצען דאָס הייליגע לאַנד.

נעמט אָן די פארזיכערונג פון מיין פערזענליכען שעצען אייערע ליבעראַלען, גרויסמוטיגען שטאנדפונקט וועגען אונזער הייליגע מיסיע.

מיט גרויסער איבערגעבענקייט,
אייערער,
ניימהען שמראוס.

אַרויסגעבער'ס פאָרוואָרט.

דער אויפבוי פון פּאַלעסטינע ציהט די אויפמערקזאַמקייט פון אַלע אידען איבער דער גאַנצער וועלט. אייניגע פון די גוי'אישע וועלט־מאַכטען זיינען אויסערליך צו גונסטען דער באַוועגונג אָבער אויגענשיינליך צוליב עגאָאיסטישע אורזאַכען.

ריכטער רוטהעפאָרד, באַוואוסט איבער דער גאַנצער וועלט אַלס אַ פריינד פון אידישען פאָלק, שטיצט שטאַרק די תביאות פון די אידען אויף דעם הייליגען לאַנד. ער איז געגען שמד'ען די אידען, האַלטענדיג, אַז דאָס איז ניט נאָר פאַלש, נאָר געגען דעם תנ"ך. זיינע פאָרטראַגען פאַר צאָהלרייכע צוהערער, וואָס זיינען געווען דורך דער ראַדיאָ פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט וועגען „דעם אידענ'ס צוריקקער קיין פּאַלעסטינע", האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקען אינטערעס. עס איז דאָ אַ גרויסער אָנבאָט אויף זיי אין געדרוקטען פאָרם. ער האָט פאַרגרעסערט די דאָזיגע פאָרטראַגען און גיט זיי איצט אין בוך־פאָרם. דאָס דאָזיגע בוך וועט זיין פון טיפען אינטערעס פאַר אידען ווי אויך פאַר גוים. דאָס איז די ערשטע אומפּאַרטייאישע אָפּהאַנדלונג וועגען דער פראַגע פון דעם ביבלישען שטאַנדפּונקט, וואָס ווערט אַרויסגעגעבען.

די אַרויסגעבער גיבען אַרויס דאָס דאָזיגע בוך מיט'ן גלויבען אַז דאָס וועט ברענגען אַ סך גוטעס.

די אַרויסגעבער.

אָקטאָבער, 1925.



„בעט פאר'ן שלום פֿון ירושלים:
די וועלכע ליבען דיך זאָלען בליהען.״
— תהלים: קכ״ב

טרייסט פאַר די אידען

לאַנד און פאָלק.

קאפיטעל 1.

זיינען די אידען די ריכטיגע איינענטימער און ב'אמת באַרעכטיגט צום פולען און שטענדיגען באזיץ פון פּאַלעסטינע? וועלען די אידען צוריקגעבראַכט ווערען צום באזיץ פון ארץ־ישראל, אויפבויען דאָרט זייער שטענדיגע היים און גרינדען אַ רעגירונג, וואָס וועט ברענגען ברכה צו אַנדערע פעלקער פון דער ערד?

אויב די באווייזען, וואָס מען קען איצט באַקומען, שטעלען אונז צו אַ צופרידענשטעלענדען און באַשטעטיגטען ענטפער איבער די פראַגען, דאַרף אַזאַ ענטפער ברענגען טרייסט פאַר דעם הארץ פון יעדען אמת'ן אידען. נאָך מעהר, די דאָזיגע באווייזען וועלען אָנרעגען די אידען צו גרעסערען אייפער און טעטיגקייט צו דערוועקען און צוריק אויפבויען פּאַלעסטינע. נים נאָר די אידען, אפילו די גוים דאַרפען זיין שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע פון ווידער אויפבויען פּאַלעסטינע, ווייל אויב די צייט איז געקומען, אַז דאָס זאָל געטאָן ווערען, מיינט עס גרויסע ענדערונגען אין די געשעהענישען און די פיהרונגען פון דער וועלט. עס ווערט געבעטען, אַז מען זאָל עהרליך און אומפּארטייאיש די דאָ געבראַכטע באווייזען באַטראַכטען.

דאָס לאַנד.

דאָס לאַנד, וואָס ווערט דאָ באַטראַכט, איז דער טייל פון דער ערד וועלכער איז באַוואוסט אַלס דאָס הייליגע לאַנד. עס הייסט דאָס הייליגע לאַנד, ווייל דאָס לאַנד איז ערוועהלט געוואָרען פון גאָט יהוה אַלס דאָס טעאַטער פון די וויכטיגסטע געשעהענישען אין דער געשיכטע פון דעם מענש. ווען יהוה האָט ישראל'ן דורך משה'ן געגעבען די תורה, האָט ער דאָרטען געזאָגט

וועגען דעם לאנד: „דאס לאנד זאל ניט פארקויפט ווערען אויף אייביג, ווארים מיר געהערט דאס לאנד" (ויקרא, כ"ה, 23). דאס, וואס איז ספעציעל באשטימט פון יהוה פאר זיינע צוועקען איז הייליג; דערפאר ווערט עס מיט רעכט גערופען דאס הייליגע לאנד.

כנען איז געווען דער ערשטער נאמען פון דעם לאנד. דאס איז דאס לאנד, וואס גאט האט אברהמ'ען פארשפראכען. דר. אייזיק ליסער, אין זיין איבערזעצונג פון חומש, דערמאנט צום ערשטען מאל דאס לאנד פאלעסטינע, נוצענדיג דאס ווארט אין שמות ט"ו, 14. דאס באציהט זיך צו דעם טייל לאנד, וואס איז געווען באזעצט פון די פלשתים. אין עטליכע ערטער פון תנ"ך ווערט דאס ווארט פלשת געברויכט בנוגע דעם לאנד, נאר אין יעדען פאל איז דאס ריכטיג איבערזעצט פון דעם העברעאישען ווארט פלשת.

ערשטענס, האט מען ארץ־פלשתים גערופען דעם לאנגען שטיק ערד, וואס ליגט ביים ברעג פון מיטעללענדישען ים. דער דאזיגער פאס לאנד איז געווען דער דורכפאהר וועג צווישען מצרים, פעניציע און די אנדערע צפונ'דיגע לענדער. דער נאמען פאלעסטינע האט זיך ביסלאכווייז אנגעהויבען באציהען אויף אויף די לענדער ווייטער פון ים, ביז דער נאמען ווערט אנגעווענדט אויף אלע אידישע ערטער צום מערב און צום מזרח פון טייך ירדן. געוועהנליך ווערט מיט'ן ווארט פאלעסטינע באצייכענט דער גאנצער פאס לאנד, וואס איז באקאנט אלס דאס הייליגע לאנד. אין דער צייט פון דוד'ס און שלמה'ס מלוכה האט פאלעסטינא אדער דאס הייליגע לאנד ארייננענומען די גאנצע שטרעקע, וואס ליגט צווישען דעם טייך פון מצרים און דעם מדבר אין דרום, דעם לבנון און דעם גרויסען טייך פרת אין צפון און מזרח, און דעם מיטעללענדישען ים אין מערב. דאס נעמט ארייין א שטח פון 100,000 קוואדראט־מייל. פאר'ן חורבן האט דאס לאנד געמוזט זיין זעהר רייך און פרוכטבאר, ווייל עס האט אויסגעהאלטען מיליאנען מענשען. דאס לאנד, הגם עס איז חרוב געווארען, קען ווידער געבראכט ווערען צו אזא הויכע שטופע פון פרוכטבארקייט, אז עס זאל קאנען אויסהאלטען א סך מיליאנען מענשען.

דאָס פאָלק.

די אידען זיינען די דאָזיגע וואָס פאָדערען דאָס רעכט אויף פּאַלעסטינע און ווילען דאָרטען זייערע היימען אויפבויען. דאַן ווערט די פראַגע אויפגעהויבען, ווער איז אַ איד?

יעקב איז אן אייניקעל פון אברהם, וועלכער איז באַוואוסט אַלס „דער פאָטער פון די רעכטגלויביגע". יעקב האָט געקראָגען די בכורה און איבערגענומען די ירושה פון אברהמ'ען, לויט דעם ווי גאָט האָט אברהמ'ען פאַרשפּראָכען. ביי אַ געוויסער געלעגענהייט האָט דער האר געענדערט יעקב'ס נאָמען אויף ישראל (בראשית ל"ב: 28). ווען יעקב (איצט ישראל) איז אַלט געווארען און געהאַלטען ביים שטאַרבען, האָט ער זיינע זיהן צוזאַמענגערופען צו זאָגען זיי נביאות און דערצעהלען וואָס פאַראַ געשעהענישען וועלען אין דער צוקונפט פאָרקומען. פון דער דאָזיגער צייט פאַנגט זיך אָן דאָס פאָלק ישראל. „דאָס זיינען אַלע צוועלף שבטים פון ישראל, און דאָס איז וואָס זייער פאָטער האָט גערעדט צו זיי, און ער האָט זיי געבענשט, יעדען נאָך זיין פּאַסיגע בענשונג האָט ער זיי געבענשט" — (בראשית מ"ט: 28).

• יהודה איז געווען דער נאָמען פון איינעם פון יעקב'ס זיהן און ער איז געוואָרען דער הויפּט פון שבט יהודה. אַלע אָפּשטאַמער פון יעקב (איצט ישראל) זיינען פון דאַן אָן מיט רעכט באַצייכענט געוואָרען בני ישראל; אָבער ניט אַלע אָפּשטאַמער פון ישראל (יעקב) קאָנען פּאַסיג גערופען ווערען אידען. אַלע רעליגיעזע האָפנונגען פון ישראל'ס' אָפּשטאַמער פון דער צייט פון זיין טויט האָבען גערוט אין דעם שבט יהודה, צוליב דער ספּעציפישער נביאות וואָס יעקב האָט געשפּראָכען אויף זיין טויטען־בעט בנוגע דעם שבט יהודה: „דו יהודה, דיך וועלען דיינע ברידער לויבען, דיין האַנט וועט זיין אין דעם נאַקען פון דיינע פיינד, עס וועלען זיך בוקען צו דיר דיין פאָטער'ס קינדער. יהודה איז אַ יונגער לייב. פון פאַרצוקונג, מיין זוהן, ביסטו אוועקגעגאַנגען, ער האָט געקניט, ער האָט געהויערט אַזוי ווי אַ לייב, און אַזוי ווי אַן אַלטער לייב. ווער וועט איהם מאַכען אויפשטעהן? עס וועט ניט אָפּגעטאָן ווערען קיין רוט פון יהודה און קיין געזעצגעבער פון צווישען זיינע פיס ביז שילה וועט

קומען און צו איהם וועלען געהאָרכזאם זיין די פעלקער. (בראשית מ"ט : 8-10).

דאָ געפינט מען קלאָר און דייטליך די דערקלערונג, אז דער יעניגער צו וועמען פעלקער וועלען זיך איינזאמלען און וועלכער וועט זיין זייער געזעצגעבער, מוז אָפּשטאַמען פון שבט יהודה. יעקב איז געווען אַ הייליגער מענש, ווייל ער האָט געגלויבט אין גאָט און איהם געפאָלגט. עס איז געווען די קראַפט פון גאָט, וואָס האָט איהם באַוואויגען ארויסצוזאָגען די ווערטער פון זיין נבואה; דערפאַר דאַרפען די ווערטער באַטראַכט ווערען אלס די רייד פון גאָט יהוה. קיינער קען ניט צופרידענשטעלען גאָט אָהן דעם גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון יהוה, און אז ער, גאָט יהוה, איז דער אמת'ער און איינציגער גאָט און איז דער באַלוינער פאַר די וואָס זוכען איהם ערדיג.

דערפאַר איז אַ איד דער, וואָס איז דער נאַטירליכער אָפּשטאַמער פון יעקב (ישראל) און וואָס גלויבט אין די ווערטער וואָס יעקב האָט געשפּראָכען בנוגע יהודה'ן. אזעלכער וועט גלויבען אין אלע צוזאָגען, וואָס גאָט האָט פארשפּראָכען די בני ישראל דורך זיינע נביאים, וועלכע זיינען געווען די הייליגע מענשען פון אמאָל.

מען קאָן זיין אַ נאַטירליכער אָפּשטאַמער פון ישראל, און אפילו פון שבט יהודה, און דאָך ניט זיין קיין איד. אויב ער פאַרוואַרפט גאָט'ס פאַרשפּרעכען וועגען צוזאַמענקלייבען דאָס פאָלק ארום יהודה'ס אָפּשטאַמער, איז ער ווי איינער וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זיין טרייהייט צו זיין געבורטס-לאַנד און הערט אויף דערמיט צו זיין אַ בירגער פון לאַנד. אויב אן ענגלישער בירגער קומט קיין אמעריקע און זאָגט זיך אָפּ פון זיין טרייהייט צום ענגלישען קעניג און ווערט אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַטען, הערט ער אויף צו זיין אן ענגלישער. צוליב דערזעלבער אורזאַך, אויב אן אָפּשטאַמער פון יעקב, און אפילו א דירעקטער אָפּשטאַמער פון יהודה, וואַרפט אָפּ דאָס גלויבען אין גאָט'ס פאַרשפּרעכונגען, ווערט ער דערמיט אויס איד. עס זיינען דאָ אַ סך נאַטירליכע אָפּשטאַמער פון ישראל וואָס האָבען ניט קיין גלויבען אין גאָט און ניט אין זיין וואָרט. אזעלכע זיינען ניט קיין אידען אין דעם זין פון דער תורה.

עס איז פאַראַן אַ פּריסמער קלאַס צווישען די אידען אַזוי ווי ביי די אומות העולם. זעהר ווענינ פון די קלעריקאַלען זיינען אמת גלויבינע אין גאָט'ס וואָרט, ווייל זיי זיינען געוואָרען חכמים אין זייער אייגענער איינבילדונג, שפּייזענדיג זיך זעלבסט און ניט דאָס פאָלק, און האָבען זיך אָפּגעזאָגט פון דעם האר'ס וואָרט, אַזוי ווי דער נביא יחזקאל האָט עס פאָראויסגעזאָגט, אַז זיי וועלען דאָס טאָן (יחזקאל ל"ד: 1-10).

עס איז דאָ אַ קלאַס פון נאַטירליכע אָפּשטאַמער פון ישראל, אָדער יעקב, וואָס גלויבען, אַז יהוה איז דער איינציג אמת'ער און לעבעדיגער גאָט און אַז משה און די אַנדערע היילינע נביאים האָבען דעם תנ"ך געשריבען אונטער דעם דראַנג פון אַלמעכטיגען גאָט. די ווערען געהעריג אָנגערופען אָרטאָדאָקסישע אידען. אַ באַהויפּטונג פון זייער גלויבען פאָלגט:

איך גלויב מיט אמת'ן און וואָרהאַפטיגען גלויבען 1) אַז גאָט איז דער באַשאַפער און הערשער איבער אַלע בריאות און אַז ער האָט באַשאַפען אַלצדינג; 2) אַז דער באַשאַפער איז איינציג און אַז ער אַליין איז אונזער גאָט געוועזן און וועט אייביג זיין; 3) אַז דער באַשאַפער איז ניט קיין גוף, קען ניט באַגריפען ווערען פון קערפּערליכע איינגענשאַפטען און אַז עס איז ניטאַ קיין שום קערפּערליכער תמצית מיט וואָס מען קאָן איהם פאַרגלייכען; 4) אַז קיין שום זאַך איז געווען פאַר איהם און אַז זיין שטאַנד וועט בלייבען אויף אייביג; 5) אַז מען דאַרף בלויז איהם דינען און קיין אַנדערען; 6) אַז אַלע ווערטער פון די נביאים זיינען אמת; 7) אַז משה'ס נביאות איז אמת; אַז ער איז דער הויפּט פון אַלע קלוגע מענשען, וואָס האָבען אַמאָל פאַר איהם געלעבט און וואָס וועלען נאָך איהם לעבען; 8) אַז די תורה כולה וואָס איז איצט פאַראַן אין אונזער האַנט איז געגעבען געוואָרען פון גאָט אַליין צו אונזער משה רבינו; 9) אַז דיזעלבע תורה קאָן קיינמאָל ניט געענדערט ווערען און אַז קיין אַנדערע קאָן אונז ניט געגעבען ווערען פון גאָט; 10) אַז גאָט פאַרשטעהט אַלע געדאַנקען און מעשים פון די מענשען, ווי עס האָבען די נביאים געשריבען: „ער פורעמט זייערע הערצער גלייך און פאַרשטעהט אַלע זייערע ווערק"; 11) אַז גאָט וועט מיט גוטס באַצאָהלען די וואָס היטען זיינע געבאָט און וועט באַשטראָפען די, וואָס זיינען זיי עובר; 12) אַז משיח וועט קומען, און כאָטש ער זאַמט זיך, „וועל איך וואַרטען אויף איהם ביז ער וועט קומען"; 13) אַז די טויטע וועלען צוריק לעבעדיג ווערען, ווען דאָס וועט ווינשען גאָט, דער באַשעפער, וועמעס נאָמען איז געבענשט און געעהרט אויף אימער און אייביג, אמן.

דער מין נאטירליכע אפשטאמער פון יעקב, וואס האבען אזא גלויבען אין גאט און אין זיין ווארט, ווי אויבען דערקלערט, זיינען אמת׳ע אידען; און זיי וועלען געטרייסט ווערען איצט דורך באטראכטען אויפמערקזאם די נביאות פון גאט׳ס ווארט. אונטער נביאות פארשטעהט מען דאס פאראויסזאגען פון געשעהענישען, וואס דארפען באקאנט ווערען איידער זיי פאסירען. נביאות קאן פארשטאנען און ריכטיג אויסגעטייטשט ווערען נאך איהר דערפיהלונג אדער אין פארלויף פון איהר דערפיהלונג. די נביאות, וואס געפינט זיך אין גאט׳ס ווארט און געווארען געשריבען פון הייליגע מענשען פון אמאל, באגייסטערט דורך דעם אומזעהבארען כח פון יהוה. משה, שמואל, דוד, ישעיה, יחזקאל און דניאל זיינען באנוצט געווארען פון דעם אלמעכטיגען גאט צו זאגען נביאות און פארצייכענען זייערע נביאות פאר דעם וואוילגאנג פון די מענשען, וואס וועלען זיך געפינען אויף דער וועלט בעת די דאזיגע נביאות ווערען דערפיהלט, די פאקטען פון דערפיהלונג באצייכענען מיר אלס ממשות׳דיגע פאקטען.

למשל דניאל האט פאראויסגעזאגט, אז אין די לעצטע טעג וועט פארקומען א שטארקע לויפעריי און דאס וויסען וועט שטארק פארגרעסערט ווערען (דניאל י״ב: 4). מיר זעהען איצט די פילארטיגע מיטלען פון שנעלער טראנספארטאציע און די שטארקע פארגרעסערונג פון וויסען לאזט זיך זעהן אין מאדערנע ערפינדונגען, און דאס זיינען ממשות׳דיגע פאקטען, וואס באווייזען די דערפילונג פון דער נבואה.

די דא פארגעלעגטע ראיות וואס באשטעטיגען די פעסטע שלוסען זיינען באגרינדעט אויף נביאות פארשריבען פון אמאליגע הייליגע מענשען ווי עס איז פארצייכענט אין תנ״ך און אויף די ממשות׳דיגע פאקטען פון דערפיהלונג.

נאך שלמה׳ס טויט האבען צעהן שבטים פון ישראל מורד געווען און געגרינדעט די מלוכה אין צפון פאלעסטינע מיט ירבעם׳ען אלס זייער קעניג. דידאזיגע האבען זיך גערופען בני ישראל, און די אנדערע וואס זיינען געבליבען געטריי שלמה׳ס זוהן, רחבעם, האבען זיך גערופען בית יהודה (דאס הויז פון יהודה). די צפונ׳דיגע מלוכה איז געווען די ערשטע אריינצופאלען אין די הענט פון בבל, שפעטער איז דאס הויז פון יהודה

אוועקגעפיהרט געוואָרען אין געפאַנגשאַפט קיין בבל. צום סוף פון א משך זיבעציג יאָהר האָט כורש מלך פרס, אונטער יהוה׳ס איינפלוס, ארויסגעגעבען א פראקלאמאציע, ערקלעהרענדיג אז: „אלע קעניגרייכען פון דער ערד האָט דער האר גאָט פונ׳ם הימעל מיר געגעבען, און ער האָט מיר פארזאָגט צו בויען א הויז אין ירושלים וואָס איז אין יהודה. ווער איז צווישען אייך פון זיין גאַנץ פאָלק? זיין גאָט זאָל זיין מיט איהם, לאָז ער אויפגעהן קיין ירושלים וואָס איז אין יהודה און בויען דאָס הויז פון האר דעם גאָט פון ישראל (ער איז דער גאָט) וואָס איז אין ירושלים... אזוי זיינען די עלטסטע פון די פאָטערס פון יהודה און בנימין, און די כוהנים און די לויים מיט יעדען, וועמעס גייסט גאָט האָט דערהויבען, אויפגעגאַנגען צו בויען דאָס הויז פון גאָט, וואָס איז אין ירושלים" (עזרא א: 5,3,2).

אזוינאָך זעהט מען ווי די נאַטירליכע אָפּשטאַמער פון יעקב, וועלכע האָבען געגלויבט אין גאָט און אין זיינע הבטחות, האָבען ארויסגעוויזען זייער אמונה מיט זייער צוריקקערען זיך קיין ירושלים. פון דאַמאָלסט אָן ווערען זיי גערופען מיט׳ן אלגעמיינעם נאָמען אידען. א סך פון די צוריקגעקערטע זיינען געווען פון די פארשידענע שבטים, נאָר דער מיינסטער טייל פון זיי זיינען געווען פון שבט יהודה. דערפאַר האָט מען זיי ריכטיג גערופען אידען, צוליב זייער גלויבען אין גאָט׳ס פארשפּרעכונגען, לויט די נביאות, בנוגע דעם שבט יהודה.

איינינע באשטעהען פעלערהאַפט, אז די אנגלאָ־סאַקסישע פעלקער, די וואָס שטעלען מיט זיך צונויף די באפעלקערונג פון ענגלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטען, שטאַמען פון די צעהן שבטים פון ישראל וועלכע האָבען זיך ניט צוריקגעקערט און אז זיי זיינען די אויסדערוועהלטע פון גאָט. אזא באַהויפּטונג איז ניט באַגרינדעט פון דער תורה און ניט פון שכל׳דיגע פאַקטען. די, וואָס האָבען זיך נאָך כורש׳עס באַפעהל ניט צוריקגעקערט, האָבען זיך אויטאָמאַטיש אָפּגעריסען פון גאָט׳ס פאָלק צוליב זייער ניט גלויבען. די אנגלאָ־סאַקסען האָבען ניט קיין גלויבען אין גאָט׳ס הבטחות, ספּעציעל אין דער הבטחה, אז אלע פעלקער וועלען זיך צוזאַמענקלייבען אונטער שילה. אפילו ווען מען וואָלט אויסגעפונען, אז דער גרויסער טייל פון די ישׂראל

השבטים שטעלען צונויף די באפעלקערונג פון די אנגלא־סאקסישע לענדער, קאנען זיי ניט זיין דאס אויסדערוועהלטע פאלק פון גאט, ווייל זיי האבען אפגעזונדערט זייער צובונד צו גאט'ס פאלק און ווייל זיי פעלט גלויבען אין זיין ווארט. אלע צעהן שבטים, וועלכע האבען זיך אפגעזאגט פון גאט'ס פארשפרעכונג, זיינען אויטאמאטיש געווארען גוים.

בית ישראל איז געווארען דער נאציאנאלער נאמען פון די עשרת השבטים, דער נאמען איז שפעטער אנגעווענדט געווארען אויף די אלע, וואס האבען זיך פון גלות בבל צוריקגעקערט. צו בית יהודה געהערען די אלע, וואס זיינען נאטירליכע אפשטאמער פון יהודה און האבען די אמונה אין דער הבטחה בנוגע דעם דאזיגען שבט, אזוי ווי די ברכות וועלען אנקומען אויף כל בית ישראל דורכ'ן זאמען פון שבט יהודה, ווערען אלע אידען, וואס האבען אמונה אין גאט'ס פארשפרעכונג בנוגע דעם גואל צדקנו (דערלייזער), גערופען מיט רעכט אידען.

עס איז צו זעהן, אז דער תנ"ך לערנט אונז בפרוש, אז די גאולה (דערלייזונג) איז דורך די אידען, ווארים שילה דער משיח קומט ארויס פון שבט יהודה. ער וועט זיין די ישועה און דער דערלייזער פון דער מענשהייט — פריהער פון די אידען און נאכדעם פון די גוים. אהן אמונה איז אוממעגליך צופרידענשטעלען דעם האר. אהן דעם גלויבען אין גאט יהוה און אין זיין ווארט קאן קיינער ניט באקומען די ברכה פון זיין האנט.

די הבטחות פון גאָט.

קאַפּיטעל 2.

דער אויפבוי פון פּאַלעסטינע הויבט זיך איצט אָן און מאַכט היפּשע פאָרשריט. דאָס איז אין קלאָרען צוזאַמענהאַנג מיט די נביאות אלס גאָט'ס פאַרשפּרעכונגען. דער פאַקט אליין דאַרף אַרויסרופען ניט בלויז אַכטונגספולע אויפמערקזאַמקייט נאָר דעם טיפסטען אינטערעס ביי יעדען גלויביגען אין יהוה. גאָט יהוה האָט גערעדט דורך מענשען, וואָס האָבען פאָראויסגעזאָגט דאָס וואָס מיר זעהען איצט בנוגע פּאַלעסטינע. די זכיה צו לעבען אויף דער ערד בעת די דערפיהלונג פון די נביאות מוז הויך געשאַצט ווערען. מיטאַמאָל ווערט דער איד אָנגעזעהן און די געשיכטע פון אידישען פאָלק ווערט שפּאַנענדער פון וועלכע ניט איז פאַנטאַסטישע דערצעהלונגען.

ווייל גאָט'ס הבטחות ווערען ניט אַלעמאָל דערפיהלט אין דער צייט ווען מענשען דענקען אַז זיי מוזען דערפיהלט ווערען; אַ סך פאַרלירען בטחון אין זיינע פאַרשפּרעכונגען. זאָל יעדער באַגרייפען, אַז ווען דער אַלמעכטיגער גאָט פאַרשפּרעכט, וועט אבסאָלוט זיכער קומען די דערפיהלונג אין גאָט'ס צייט. רעדענ־דיג דורך זיין נביא זאָגט דער אויבערשטער:

„איך בין גאָט, איך ענדער ניט... קערט זיך אום צו מיר, וועל איך זיך אומקעהרען צו אייך, זאָגט גאָט צבאות" (מלאכי ג', 6-7). „ווייל איך בין גאָט און ס'איז קיין אַנדערער אַ חוץ מיר... מיין עצה וועט בלייבען און איך וועל טאָן מיין גאַנצען פאַרלאַנג... איך האָב דאָס געזאָגט, וועל איך עס אויך ברענגען, איך האָב עס אויסגעטראַכט און איך וועל עס אויך טאָן" (ישעיה מ"ו, 9-11). „אַזוי וועט זיין מיין וואָרט, וואָס געהט אַרויס פון מיין מויל, עס וועט זיך ניט צוריקקעהרען לידיג צו מיר, עס וועט טאָן וואָס איך באַגעהר; און עס וועט דערפיהלען דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג, און עס וועט בליהען אין דער זאַך וואו איך האָב איהם געשיקט" (ישעיה נ"ה, 11).

פון אלע פעלקער אויף דער ערד האבען די אידען די גרעסטע אורזאך צו גלויבען אין גאט יהוה און אין זיין ווארט. קיין אנדער פאלק האט געהאט אזא זכיה ווי די אידען. גאט האט זיי געגעבען א געלעגענהייט צו דערהויבען זיין נאמען. אלע וואס פארגרעסערען און עהרען דעם נאמען יהוה, ווערען פון איהם געעהרט. גאט וועט איצט זיך ערווערבען א נאמען אויף דער ערד, זאלען אלע פעלקער, באזונדערס די אידען, זיין אויף דער וואך.

אין דעם לאנד אור כשדים האט געוואוינט א מאן תרח מיט זיין זוהן אברם. תרח איז אוועקגעגאנגען מיט זיין זוהן און שנור קיין חרן. ווען אברם איז אלט געווען פינף און זיבעציג יאהר, בעת וואוינענדיג אין חרן, האט גאט צו איהם געזאגט:

„געה אוועק פון דיין לאנד, פון דיין געבורט־פאלק און פון דיין פאטער'ס הויז צו א לאנד וואס איך וועל דיר ווייזען און איך וועל פון דיר א גרויס פאלק מאכען, און וועל דיך בענשען און גרויס מאכען דיין נאמען און דו וועסט געבענשט זיין. איך וועל שעלטען די וואס שעלטען דיך און איך וועל אין דיר אלע אומות פון דער וועלט בענשען" (בראשית י"ב, 1־3).

ניט פילע דורות זיינען אוועק זינט דער באשאפונג פון מענש. נאכדעם האט משה פארשריבען, אז גאט האט דעם ערשטען מענשען אדם באשאפען פולקאם און איהם געגעבען די פולמאכט זיך מעהרען און אנצופיהלען די ערד. אברם האט געלערענט פון זיינע אבות, אז אדם איז באשאפען געווארען א פולקאמער מענש און צוליב זיין פארברעכען געגען גאט'ס געבאט איז ער מיט רעכט פאר'משפט געווארען צום טויט. ער האט פארשטאנען, אז אדמ'ס קינדער זיינען געבוירען געווארען נאכ'ן משפט און, אין איינקלאנג מיט דוד'ס ווערטער, זיינען זיי געבוירן געווארען אין זינד. אברם האט געוואוסט, אז די פארשפרעכונג וואס גאט האט איהם צוגעזאגט, באדייט, אז גאט וועט אין א געוויסע צייט און אויף א געוויסען אופן באשאפען א מיטעל צו דערלייזען דעם מענש פון טויט און צו פארפולקאמען אלע, וואס וועלען פאלגען גאט'ס גערעכטע געבאט. אברם האט פארשטאנען, אז ער איז פארבונדען מיט דער ברכה פון פאלק לויט גאט'ס פארשפרעכונג. אברם האט געגלויבט אין גאט'ס הבטחה און דאס איז געפאלען דעם האר. שפעטער האט גאט פארשפראכען אברמ'ען דאס לאנד און צו מאכען אים דעם פאטער

פון פילע פעלקער, משה האָט פאַרצייכענט דעם צוזאָג אין די ווערטער:

„און גאָט האָט געזאָגט צו אברם, (נאָכדעם אז לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון איהם): הויב נאָר אויף דיינע אויגען, און זעה פון דעם אָרט וואו דו ביסט, נאָך צפון, און נאָך דרום, נאָך מזרח, און נאָך מערב. דען דאָס גאַנצע לאַנד, וואָס דו זעהסט צו דיר וועל איך עס געבען, און צו דיינע קינדער ביז אין אייביג־קייט. און איך וועל מאַכען דיינע קינדער אזוי ווי דער שטויב פון דער ערד. קען אַ מאַן צעהלען דעם שטויב פון דער ערד? אזוי זאָלען דיינע קינדער אויך געצעהלט ווערען. שטעה אויף, און געה דורך דאָס לאַנד נאָך זיין לענג, און נאָך זיין ברייט, דען דיר וועל איך עס געבען" (בראשית י"ג, 14-17).

ווען גאָט האָט געמאַכט די דאָזיגע פאַרשפּרעכונג האָט אברמ'ען געפעלט אַ יורש. לויט משה'ס פאַרצייכענען איז גאָט צו אברמ'ען ערשינען אין אַ זעהונג און איהם געזאָגט, אז ער וועט האָבען אַ זוהן:

„און ער האָט איהם אַרויסגעפיהרט אין דרויסען, און ער האָט געזאָגט: בליק נאָר אויף געגען הימעל און צעהל די שטער־רען, אויב דו קאָנסט זיי צעהלען. און ער האָט געזאָגט צו אים: אזוי זאָלען זיין דיינע קינדער, און ער האָט געגלויבט אין גאָט, און ער האָט עס צוגערעכענט איהם פאַר אַ גערעכטיגקייט". (בראשית ט"ו, 5-6).

דאָס איז דער באַווייז, אז אבראמ'ס גלויבען האָט געפונען חן ביי גאָט. און דערפאַר איז עס קלאָר, אז יעדער איד, וואָס האָט אמונה אין גאָט געפינט חן וחסד ביי איהם. די וואָס וואַרטען אויף אַ ברכה פון גאָט, מוזען גלויבען, אז זיין וואָרט איז אמת. און כדי צו געבען אברמ'ען אַ פונדאַמענט, האָט גאָט געשלאָסען אַ בונד מיט איהם, ווי עס שטעהט געשריבען:

„און ער האָט צו איהם געזאָגט: איך בין דער גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעפיהרט פון אור כשדים, דיר צו געבען דאָס דאָזיגע לאַנד, צו ערבען עס. און ער האָט געזאָגט: האר גאָט! ווי קאָן איך עס וויסען אז איך וועל עס ערבען? און ער האָט געזאָגט צו איהם: נעהם מיר אַ דריי־יאָהריגע קאַלב און אַ דריי־יאָהריגע ציג, און אַ דריי־יאָהריגען ווידער, אַ טוירטעל טויב, און אַ יונגע טויב. און ער האָט גענומען אַלע די דאָזיגע, און ער האָט זיי צעשניטען אין דער מיטען און ער האָט געלעגט יעדען שטיק געגען איבער דעם אַנדערען, אָבער די פויגלען האָט ער

ניט צעשניטען, און די רויב־פויגעל האָבען אַראָפּגענידערט אויף די טויטע קערפּערס, אָבער אברם האָט זיי אַוועקגעטריבען. און עס איז געווען אַז די זון האָט געזאָלט אונטערגעהן, איז אַ טיפער שלאָף געפאַלען אויף אברם, און אַ שרעק און אַ גרויסע פינסטערניש איז געפאַלען אויף איהם. און ער האָט געזאָגט צו אברם: דו זאָלסט זיכער וויסען, אַז דיינע קינדער וועלען זיין פרעמדלינגע אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט זייערס, און מען וועט זיי מאַכען אַרבייטען, און מען וועט זיי פּייניגען פיר הונדערט יאָהר. און אויך דאָס פאָלק וואָס וועט זיי מאַכען אַרבייטען וועל איך ריכטען, און דערנאָך וועלען זיי אַרויסגעהן מיט גרויס פאַרמעגען, אָבער דו וועסט קומען צו דיינע עלטערען אין פרידען — דו וועסט באַגראָבען ווערען אין אַ גוטען עלטער, און אין דעם פערטען דור וועלען זיי אַהער צוריקקעהרען, דען עס איז נאָך ניט גאַנץ די זינד פון דעם אמורי ביז דאַן. און עס איז געווען, ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען, איז געקומען אַ דיקע פינסטערניש און אַן אויווען מיט רויך, און אַ פלאַם פייער איז דורכגעגאַנגען צווישען די שטיקער. אין דעמזעלבען טאָג האָט גאָט געמאַכט אַ בונד מיט אברם, אַזוי צו זאָגען: צו דיינע קינדער האָב איך געגעבען דאָס דאָזיגע לאַנד, פון דעם טייך מצרים ביז צו דעם גרויסען טייך — דעם טייך פרת" (בראשית ט"ו, 7-18).

שפּעטערדיגע ראיות ווייזען אַז דאָ האָט גאָט פאָראויסגעזאָגט, אַז אברם'ס אָפּשטאַמער וועלען זיין אַ לאַנגע צייט אין מצרים און וועלען דאָרטען זיין אונטערדריקט און נאָכדעם וועלען זיי אַרויסקומען מיט אַ גרויסען פאַרמעגען, און די דאָזיגע אָפּשטאַמער וועלען זיך צוריקקערען צו דעם לאַנד כנען. אַלצדינג איז אַזוי געשעהן. אברם האָט פאַרשטאַנען פון גאָט'ס ערקלערונג אַז ער (אברם) מוז שטאַרבען און גאָט וועט איהם שפּעטער צוריק אויפריכטען צום לעבען כדי צו דערפילען די הבטחה. דאָס איז אויך אַ דייטליך־קלאָרע דערקלערונג וועגען די גרעניצען פונ'ם לאַנד לויט גאָט'ס פאַרשפּרעכען צו אברמ'ען.

פופצעהן יאָהר שפּעטער האָט גאָט געענדערט דעם נאָמען אברם אויף אברהם, וואָס מיינט „פאָטער פון פעלקער". צו דער געלעגענהייט האָט גאָט געזאָגט צו איהם:

„מיין בונד איז מיט דיר און דו וועסט זיין דער פאָטער פון פילע פעלקער און דיין נאָמען וועט ניט מעהר גערופען ווערען אברם נייערט דיין נאָמען וועט זיי אברהם, ווייל פאַר אַ פאָטער פון פילע פעלקער האָב איך דיך געמאַכט. און איך וועל דיך פרוכטבאַר מאַכען זעהר פיל, און איך וועל דיך מאַכען צו פעלקער, און קעניגען זאָלען פון דיר אַרויסקומען, און איך וועל

באַשטעטיגען מיין בונד צווישען מיר און צווישען דיר, און צווישען דיינע קינדער נאָך דיר, צו זייערע געשלעכטער, צו אן אייביגען בונד, צו זיין אַ גאָט צו דיר און צו דיינע קינדער נאָך דיר. און איך וועל געבען צו דיר און צו דיינע קינדער נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין וואוינונג, דאָס גאַנצע לאַנד כנען, צו אן אייביגע ערבשאַפט, אויב איך וועל זיין זייער גאָט, און גאָט האָט געזאָגט צו אברהמ׳ען: און דו, מיין בונד זאָלסטו היטען, דו און דיינע קינדער נאָך דיר צו זייערע געשלעכטער. דאָס איז דער בונד וואָס איהר זאָלט היטען צווישען מיר און צווישען אייך און צווישען דיינע קינדער נאָך דיר, עס זאָל באַשניטען ווערען יעדער מאַנספּערזאָן (זכר) צווישען אייך" (בראשית י"ז, 4-10).

בעת די פאַרשפּרעכונגען פון יהוה צו אברהמ׳ען האָט אברהם ניט געהאט קיין קינדער, דאָך האָט ער געגלויבט, אז גאָט וועט איהם געבען אַ יורש. נאָכדעם ווי גאָט האָט אזוי נאָך אויסגעפּרואווט אברהם׳ס אמונה במשך פון 25 יאָהר, און ווען אברהם איז אַלט געוואָרען הונדערט יאָהר איז יצחק געבוירען געוואָרען. פון צייט צו צייט האָט גאָט באַלוינט אברהמ׳ס אמונה. דאָס זאָל זיין אַ מוסר־השכל פאַר יעדען איד, אַז גלויבען אין גאָט און אמונה ברענגען שכר און ברכות.

גלויבען מיינט צו האָבען אַ וויסען פון גאָט׳ס וואָרט און צוועקען און שטיצען זיך מיט בטחון אויף די הבטחות פון גאָט און לויט דעם לעבען. פון דעם פאָלגט, אַז יעדער מוז קענען גאָט׳ס וואָרט איידער ער קאָן גלויבען. עס איז נויטיג פאַר יעדען גוטען איד, כדי צו ווערען געבענשט, צו דערווערבען דאָס וויסען פון יהוה׳ס פאָראויסבאַשטימונג און זיך דערויף שטיצען. דאָס איז גלויבען.

פינף און צוואַנציג יאָהר זיינען פאַראיבער אז דער האר האָט אברהמ׳ען שטרענג אויסגעפּרואווט. אברהם האָט געליבט זיין זוהן יצחק און ער האָט געהאט אורזאַכען צו דערוואַרטען, אַז די פאַרשפּראָכענע ברכות וועלען דורך יצחק׳ן קומען אויפ׳ן פאָלק.

גאָט האָט איהם אָנגעזאָגט צו נעמען זיין זוהן יצחק אויפ׳ן באַרג מוריה און דאָרטען ברענגען איהם אַלס אַ בראַנד־אָפּפער. אזוי האָט גאָט געוואָלט פּרואווען אברהמ׳ס גלויבען. אברהם האָט ניט געזאַמט צו פאָלגען, ווייל ער האָט געהאט זיין פולען צוטרויען און אמונה אין גאָט. ער איז געגאַנגען צום באַשטימטען פּלאַץ און דאָרט געבויט אַ מזבח, געבונדען יצחק׳ן און איהם

געלעגט אויפ'ן מזבח, און האט גענומען זיין מעסער צו שחט'ען זיין איינציגען זוהן.

וואס פאר א פרואוו פון אברהמ'ס גלויבען. גאט האט באלוינט זיין אמונה אויפ'ן ארט, ווי עס איז פארצייכענט:

„און א מלאך פון גאט האט גערופען צו איהם פון דעם הימעל, און האט געזאגט: אברהם, אברהם! און ער האט געזאגט: דא בין איך! און ער האט געזאגט: דו זאלסט ניט אויסשטרעקען דיין האנט צו דעם יונג, און דו זאלסט איהם גארנישט טאן, ווייל איצט ווייס איך, אז דו פארכסט גאט, און דו האסט ניט פארמיטען דיין זוהן, דיין איינציגען פון מיר. און אברהם האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און ער האט געזעהן, א ווידער (א באראן) איז הינטערוועדטס אפגעהאלטען ביי זיינע הערנער אין די דערנער, איז אברהם געגאנגען און האט גענומען דעם ווידער, און האט איהם אויפגעבראכט אלס א בראנד־אפפער, אנשטאט זיין זוהן. און אברהם האט גערופען דעמזעלבען ארט „יהוה יראה", וואס ווערט היינט געזאגט — אויף דעם בארג וואו גאט ווערט געזעהן. און א מלאך פון גאט האט גערופען צו אברהם דאס צווייטע מאל פון דעם הימעל, און ער האט געזאגט: ביי מיר זעלבסט האב איך געשוואוירען — זאגט גאט — ווייל דו האסט די דאזיגע זאך געטאן, און דו האסט ניט פארמיטען דיין זוהן, דיין איינציגען. דארום וועל איך דיך בענשען און איך וועל זעהר פארמעהרען דיינע קינדער, אזוי ווי די שטערען פון דעם הימעל, און אזוי ווי דעם זאמד, וואס איז ביי דעם ברעג פון דעם ים, און דיין קינד וועט ירש'ענען דעם טויער פון זיינע פיינד, און עס וועלען זיך בענשען מיט דיין קינד אלע פעלקער פון דער ערד, ווייל דו האסט צוגעהערט צו מיין קול". (בראשית כ"ב, 11־18).

פון די פסוקים איז קלאהר, אז גאט האט געזאגט צו אברהמ'ען, אז ער האט באפעסטיגט זיין פארשפרעכען מיט זיין שבועה צו פארגרעסערען דעם זאמען פון אברהם ווי די שטערען אויף דעם הימעל און ווי דעם זאמד אויף דעם ברעג פון ים און אז אלע פעלקער פון דער ערד וועלען געבענשט ווערען אין דעם זאמען פון אברהם און ער האט דאס געטאן צוליב אברהמ'ס געהארכזאמקייט.

אברהם איז געשטארבען אין עלטער פון הונדערט פינף און זיבעציג יאהר. גאט האט איהם פארשפראכען דאס לאנד און די הבטחה באפעסטיגט מיט זיין שבועה.

אבער אברהם האט ניט באזיצט א פוס ברייט פון דעם

לאַנד אַלס זיינע. מיינט דאָס, אַז גאָט׳ס הבטחות זיינען ניט אמת? חו״ש, אברהמ׳ס צייט איז נאָך ניט געקומען אריינצו־טרעטען אין דער ירושה. גאָט׳ס הבטחות זיינען זיכער, דערפאַר מוזען מיר פאַרשטעהן, אַז דער צוועק פון גאָט איז צו ווידער־ערוואַכען אברהם׳ען פון טויט און איבערגעבען איהם און זיינע קינדער, וואָס האָבען אברהמ׳ס גלויבען, דאָס גאַנצע פאַרשפּראָ־כענע לאַנד. ווי די שפּעטערע פאַקטען וועלען באַווייזען איז יענע צייט ניט ווייט און יעדער איד קאָן זיך טרייסטען דערמיט.

יצחק האָט געבוירן יעקב׳ן, וועלכער האָט איבערגענומען די הבטחה אָדער בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט אברהמ׳ען. (בראשית כ״ה, 31,23-33). יעקב איז געוועזן דער פאָטער פון די צוועלף פּאַטריאַרכען אָדער דער הויפּט פון די צוועלף שבטים. גאָט דער האַר האָט ווידערהאָלט אברהמ׳ס הבטחה צו יעקב׳ן, ווי ס׳שטעהט געשריבען:

„און גאָט איז געשטאַנען לעבען איהם, און ער האָט געזאָגט: איך בין דער האַר, דער גאָט פון אברהם דיין פאָטער, און דער גאָט פון יצחק, דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דאַרויף, וועל איך עס צו דיר געבען, און צו דיינע קינדער. און דיינע קינדער וועלען זיין אַזוי ווי דער שטויב פון דער ערד, און דו וועסט דיך אויסברייטען געגען מערב־זייט, און געגען מזרח־זייט, און געגען צפון־זייט, און געגען דרום־זייט, און עס וועלען זיך בענשען אַלע משפחות פון דער ערד מיט דיר און מיט דיינע קינדער. און זעה, איך בין מיט דיר, און איך וועל דיך באַהיטען אומעטום וואו דו וועסט געהן, און וועל דיך צוריק ברענגען צו דעם דאָזיגען לאַנד. ווייל איך וועל דיך ניט פאַרלאָזען ביז איך וועל טאָן דאָס וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט״. (בראשית כ״ח, 13-15).

יוסף, דער געליבטער זוהן פון יעקב, איז פאַרקויפט געוואָ־רען קיין מצרים און איז דאָרט אַ גרויסער הערשער געוואָרען. שפּעטער האָבען זיך יעקב און זיינע קינדער באַזעצט אין מצרים. יעקב׳ס טויט איז שוין נאָהענט געווען. די דאָזיגע צייט ווערט באַצייכענט אַלס דער אָנהויב פון דער אידישער נאַציע, ווייל יעקב׳ס נאָמען איז איצט געווען ישראל לויט דעם באַפעהל פון גאָט. יעקב האָט זיינע זיהן גערופען צו זיך און זיי נביאות גע־זאָגט. דאָ האָט אברהמ׳ס הבטחה אָנגענומען אַ באַשטימטע פאָרם, בפרט דורך דעם נאָמען יהודה: אָט איז ריכטיג דער

פּרוש, אַז די ישועה וועט קומען דורך די אידען. דאָס מיינט, אַז די וואָס האָבען די אמונה פון אברהם און זיי גלויבען פולשטענדיג אין גאָט'ס הבטחות וועלען געבענשט ווערען, און וועלען זיין די מיטלען פון די ברכות. עס איז געווען אין דערדאָזיגער צייט ווען גאָט האָט געזאָגט בנוגע יהודה:

„עס וועט ניט אַפּגעטאָן ווערען קיין צעפּטער פון יהודה און קיין געזעצגעבער פון צווישען זיינע פיס ביז שילה וועט קומען; און צו איהם וועלען זיך פעלקער צונויפזאמלען” (בראשית מ"ט, 10).

שילה באדייט רוהיגקייט, וואָס גיט בטחון און ברענגט הצלחה. דאָס איז איינער פון די פילע נעמען וואָס באצייכענט משיח, וועלכער איז באקליידט מיט מאכט און איז א בר־סמכה און קומט אַלס גאָט'ס פאַרשטעהער צו פאַרווירקליכען זיינע צוועקען בנוגע דעם מענשן.

די דאָזיגע נבואה באווייזט קלאָהר, אַז די פון גאָט פאַרשפּראָכענע ברכות וועלען פאַרווירקליכט ווערען ווען משיח וועט קומען, אַז משיח איז אין זכות פון אברהם'ס זאָמען לויט דער הבטחה און אַז דער דאָזיגער זאָמען קומט הויפּטזעכליך דורך יהודה. איידער די פאַרשפּראָכענע ברכות וועלען פאַרווירקליכט ווערען, מוזען די אידען דורכגעהן א סך בייזע פּרואוון און די שווערע ערפאַהרונגען וועלען צום סוף זיין א טרייסט פאַר זיי און פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט, וועלכע היטען זיי אָפּ און ווערען דערביי ריכטיג באַנוצט.

טראָץ די גרויסע פּייניגונגען דורך הונדערטער יאָהרען איז מערקווירדיג ווי די אידען האָבען זיך געהאַלטען אָפּגעזונדערט פון אַנדערע פעלקער. זאָל יעדער איד זיך איצט ערמוטיגען און וויסען, אַז די פאַרשפּרעכונגען וואָס גאָט דער האר האָט געמאַכט צו אברהמ'ען, צו יצחק'ן און צו יעקב'ן און צו די אידען דורך די נביאים, זיינען אבסאָלוט זיכער צו דערפיהלט ווערען, נאָהענט איז די צייט, ווען די אידען וועלען באַגרייפען דעם פאַקט, אַז די פייערדיגע פּרואוון וועלכע זיי זיינען דורכגעגאַנגען וועלען געקרוינט ווערען מיט גוטס און ניט בלויז פאַר זייערע נוצען נייערט פאַר אַלע פעלקער פון דער ערד, וואָס האָבען דעם גלויבען פון אברהם.

די דערלייזונג פון מצרים

קאַפּיטעל 3.

נאָך יעקב׳ס טויט האָבען זיינע זיהן נאָך אין מצרים געוואוינט. בעת יוסף האָט געהערשט זיינען די אידען זעהר גוט באַהאַנדעלט געוואָרען. די גוטע צייט האָט זיך אָבער געענדערט.

„און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: איך שטאַרב, און גאָט וועט אייך געוויס דערמאָנען און ער וועט אייך מאַכען אַרויסגעהן פון דעם דאָזיגען לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרען צו אברהם, צו יצחק און צו יעקב. און יוסף האָט באַשוואָרען די קינדער ישראל׳ס זאָגענדיג: גאָט וועט אייך געוויס דערמאָנען, דאַן ברענגט אַרויף מיינע ביינער פון דאַנען. און יוסף איז געשטאָרבען הונדערט און צעהן יאָהר אַלט, און זיי האָבען איהם באַלזאַמירט און מען האָט איהם אַריינגעלעגט אין אַ קאַסטען אין מצרים״ (בראשית נ׳, 24-26). „און עס איז אויפגעשטאַנען אַ נייער קעניג איבער מצרים, וואָס האָט ניט געקענט יוסף׳ן״ (שמות א׳ 8).

דער נייער פּרעה, דער קעניג פון מצרים האָט שלעכט באַהאַנדעלט די אידען. ער האָט באַפוילען די קינדער צו הרג׳ענען, משה׳ן אָבער האָט גאָט געראַטעוועט. ער איז דערצויגען געוואָרען ביי פּרעה׳ן. לערנענדיג די הבטחות וואָס גאָט האָט געמאַכט צו משה׳ס אבות, האָט ער שוין ניט געקאָנט מעהר צוזעהן די יסורים פון זיינע ברידער. אַנשטאָט צו הייסען אַ זוהן פון בת פּרעה, געניסענדיג אַלע תענוגים פון דער גרויסער מלוכה איז ער אַוועק צו זיין פאָלק צו טיילען מיט זיי זייערע ליידען, ער האָט פאַרלאָזען מצרים צו דערפיהלען גאָט׳ס ווילען. די פּייניגונגען פון ישראל האָבען זיך פאַרמעהרט אונטער דעם בייזען פּרעה. גאָט האָט גערופען משה׳ן זאָגענדיג:

„איך בין דער גאָט פון דיינע עלטערען — דער גאָט פון אברהם, דער גאָט פון יצחק און דער גאָט פון יעקב... און גאָט האָט געזאָגט: איך האָב ריכטיג געזעהן דעם פּיין פון מיין

פאלק וואס איז אין מצרים, און זייער שרייען פון זייערע פלאגערס האב איך געהערט, ווייל איך האב דערקענט זייערע וועהטאגען, און איך האב אראפגענידערט איהם צו באשיצען פון דער פיין פון מצרים, און ארויפברענגען פון דעמזעלביגען לאנד, צו א גוט און ברייט לאנד, צו א לאנד וואס פליסט מיט מילך און האניג, צו דעם ארט פון דעם כנעני, דעם חתי, דעם אמרי, דעם פריזי, דעם חוי און דעם יבוסי. איצט איז דאס געשריי פון די קינדער ישראל געקומען צו מיר, און איך האב אויך געזעהן די אונטערדריקונג מיט וואס די מצרים אונטערדריקען זיי. און אצינד געה, איך וועל דיך שיקען צו פרעה'ן, און פיהר ארויס מיין פאלק, די קינדער ישראל פון מצרים". (שמות ג' 6-10).

דאן האט גאט געזאגט צו משה'ן, אז ער זאל דערשיינען פאר דעם קעניג פון מצרים און זאל פארלאנגען פון איהם אוועקצושיקען די אידען. דער האר איז ערשינען פאר אברהמ'ען, יצחק'ן און יעקב'ן אלס א מעכטיגער גאט: אבער איצט ערשיינט ער צום ערשטען מאל אלס יהוה, און ער זאגט משה'ן:

„איך האב אבער אויך באשטעטיגט מיין בונד מיט זיי, צו געבען צו זיי דאס לאנד פון כנען, דאס לאנד פון זייער וואנדערשאפט, וואו זיי זיינען געווען פרעמד. און איך האב אויך געהערט דאס געשריי פון די קינדער ישראל, וואס די מצרים האלטען אין קנעכטשאפט, און איך האב זיך דערמאנט אן מיין בונד". (שמות ו',4-5).

פרעה האט פארמעהרט די לאסט פון די אידען, דערפאר האט גאט געשיקט פארשידענע מכות אויף די מצרים. דאך האט פרעה ניט געוואלט פריי לאזען די אידען. ווידער אנדערע מכות האבען דערשלאגען די בכורים פון מצרים. דאמאלסט איז ערשט געפייערט געווארען פסח. דער האר האט באפוילען, אז אין דעם צעהנטען טאג פון דעם ערשטען חודש זאל איטליכער נעמען א לאם אהן א מום, א זכר איין יאהר אלט. דאס לאם זאל אויפגעהאלטען ווערען ביז צו דעם פערצעהנטען טאג פון דעם דאזיגען חודש, אין וועלכען טאג מען זאל איהם שחט'ען און דאס בלוט שפריצען אויף די צוויי ביישטידל און אויף דער אויבערטיר פון הויז-געזינד. דאס לאם זאלען זיי בראטען אין פייער און עסען מיט מצות און ביטערע קרייטער; און דאס הויזגעזינד עסענדיג דאס זאל האבען די לענדען געגורט, שיך אויף זייערע פיס און דעם שטעקען אין זייער האנט, אז אין מיטען

נאכט, ווען דער מלאך פון גאט וועט דורכגעהן דאס לאנד מצרים און וועט דערשלאגען דעם בכור פון מענשען און בהמות, זאל געשוינט ווערען דער בכור פון די אידען, אויב זיי האבען געשפריצט דאס בלוט אויף דער טיר.

די קינדער פון ישראל האבען אויסגעפאלגט דעם באפעהל, מיט דעם האבען זיי געצייגט זייער גלויבען אין גאט'ס הבטחות; זייערע בכורים זיינען געשוינט געווארען, אין דער שרעקליכער נאכט האט דער האר דערשלאגען די מצרישע בכורים, פון דעם קעניג'ס ביז'ן פשוט'סטען קנעכט'ס. איז געווען א געשריי אין מצרים, און איצט האט פרעה און זיין פאלק געמוזט אפלאזען די אידען. זיי האבען זיך אויסגעליים זילבער, גאלד און קליידער פון די מצרים; זייער צאהל איז איצט געווען ביז 600.000 נפשות און זיי זיינען אוועק צופוס צום ים־סוף. נאכדעם ווי פרעה האט שוין געהאט באוויינט דעם טויט פון זיין בכור, האט ער באפוילען נאכצויאגען די אידען און פארניכטען זיי.

ווען משה און אהרן זיינען ערשינען פאר פרעה'ן און געבעטען איהם, אז ער זאל אוועקשיקען די אידען און דינען זייער גאט, האט פרעה געפרעגט: „ווער איז דאס גאט, אז איך זאל הערע זיין שטים און אוועקשיקען ישראל? איך קען דעם גאט נים, און אויך ישראל וועל איך נים אוועקשיקען" (שמות ה', 2). האט גאט געזאגט צו משה'ן: „און די מצרים זאלען וויסען, אז איך בין גאט, ווען איך וועל געעהרט ווערען אן פרעה, אן זיינע רייט־וואגענס, און זיינע רייטער" (שמות י"ד, 18). גאט האט פארהילט ישראל מיט א וואלקען און מיט א פייער־זייל, גאט האט משה'ן באפוילען, אז ער זאל אויסשפרייטען זיין האנט איבער'ן ים, און דורך א שטארקען מזרח־ווינט האט גאט פאראורזאכט דעם ים זיך צוריקקעהרען. די קינדער פון ישראל זיינען אויף דער טרוקעניש געגאנגען אינמיטען פון ים, און ווען די מצרים האבען זיי נאכגעיאגט זיינען זיי פארשלונגען און פארניכטעט געווארען. אזוינאך האט גאט באוויזען די קינדער פון ישראל, אז ער איז זייער גאט און באשיצער.

ווען זיי זיינען אנגעקומען אויף דעם צווייטען ברעג פון ים, האט משה און זיין פאלק געזונגען א לויב געזאנג צו יהוה: „גאט איז מיין שטארקייט און מיין בעסטער געזאנג, און ער איז געוועזען צו מיר א הילף. דער איז מיין גאט, און איך וועל

איהם א וואוינונג מאכען, מיין פאטער׳ס גאט און איך וועל איהם דערהויבען. גאט איז א קריגס מאן, גאט איז זיין נאמען״ (שמות ט״ו, 2-3). ✱

גאט יהוה האט איצט אנגעהויבען צו לערנען די אידען דעם שכר פון אמונה. זייער וואונדערליכע דערלייזונג פון זייערע פיינד׳ס הענט איז געווען גענוג צו באפעסטיגען זייער גלויבען אין גאט. גלויבען און טרייהייט זיינען די שווערסטע לעהרערס וואס מענשען האבען צו לערנען. לויט דעם מענשען׳ס גלויבען קומט די באלוינונג און ברכה.

ביים באַרג סיני

קאַפּיטל 4.

אין דעם דריטען חודש נאָכדעם ווי די אידען זיינען דערלייזט געוואָרען פון מצרים, זיינען זיי געקומען צו דעם מדבר סיני און אויפגעשלאָגען זייער לאַגער ביים באַרג סיני. גאָט האָט אַרויפגערופען משה׳ן אויפ׳ן באַרג צו מאַכען גילטיג דעם אין מצרים געשלאָסענעם בונד.

אַ בונד איז אַ פייערליכער קאָנטראַקט געמאַכט צווישען צוויי אָדער דריי צדדים דורך וועלכען די צדדים פאַרפליכטען זיך צו טאָן אָדער ניט צו טאָן געוויסע זאַכען. אין דעם באַשטעטיגטען געזעצבונד האָט גאָט פאַרשפּראָכען ביים באַרג סיני צו טאָן געוויסע זאַכען, און ישראל האָט זיין וואָרט געגעבען צו טאָן אַלץ וואָס גאָט האָט זיי פאָרגעלעגט. גאָט האָט גערעדט דורך משה׳ן, דעם פאַרמיטלער פון ישראל. גאָט האָט פאַרשפּראָכען די אידען אַז אויב זיי וועלען זיין טריי צום בונד, וועלען זיי זיין גאָט׳ס הייליג פאָלק.

„און משה איז אַרויפגעגאַנגען צו גאָט, ווען גאָט האָט גערופען צו איהם פון דעם באַרג, זאָגענדיג: „אַזוי זאָלסטו זאָגען צו דעם הויז פון יעקב, און זאָלסט דערצעהלען די קינדער ישראל: איהר האָט געזעהן וואָס איך האָב געטאָן צו מצרים, און איך האָב אייך געטראָגען אויף אָדלער פליגלען, און איך האָב אייך געבראַכט צו מיר. און איצט, אויב איהר וועט פליסיג הערען צו מיין שטים און איהר וועט היטען מיין בונד, וועט איהר זיין ביי מיר אַ געשעצטע אייגענטום, מעהר פון אַלע פעלקער, ווייל מיינע איז די גאַנצע ערד. איהר זאָלט זיין ביי מיר אַ פּריסטער־רייך, און אַ הייליג פאָלק; דאָס זיינען די ווערטער וואָס דו זאָלסט רעדען צו די קינדער ישראל” (שמות י״ט, 3-8).

דאַן האָט גאָט געזאָגט צו משה׳ן, אַז ער זאָל גרייטען דאָס פאָלק, ווייל אויפ׳ן דריטען טאָג וועט ער אַראָפּנידערען און געבען זיי די תורה. דאָס פאָלק איז צונויפגעזאַמעלט געוואָרען ביים באַרג סיני; און אויפ׳ן דריטען טאָג אינדערפריה, צוויי־

שען דונער און בליצען און ווען שווערע וואלקענס זיינען גע־האנגען איבער דעם בארג, האט א קול פון א שופר געשאלט אויסערגעווערהנליך הויך און דער גאנצער בארג האט זיך אזוי געוואקעלט, אז דאס פאלק האט געציטערט פאר מורא. די ערד איז ערשיטערט געווארען ווען גאט האט געגעבען די אידען דורך משה'ן די תורה, וועמעס וויכטיגער טייל איז צונויפגעשטעלט ווי פאלגט:

„און גאט האט גערעדט אלע די ווערטער זאגענדיג: איך בין דער האר דיין גאט, וואס האט דיך ארויסגעבראכט פון דעם לאנד מצרים — פון דעם הויז פון קנעכטשאפט.

„עס זאלען קיינע אנדערע געטער ניט זיין ביי דיר פאר מיין אנגעזיכט.

„דו זאלסט ניט מאכען קיין געשניצט בילד און קיין בילד וואס איז אין הימעל פון אויבען און וואס איז אויף דער ערד פון אונטען, אדער וואס איז אין די וואסערען אונטער דער ערד. דו זאלסט זיך ניט בוקען צו זיי און זאלסט זיי ניט דינען, ווייל איך בין דער האר דיין גאט — א ראכע־נעמענדיגער גאט — וועלכער רעכענט צו די עלטערענ'ס זינד אויף די קינדער, אויף אור־אייניקלאך און אור־אור־אייניקלאך, צו מיינע שונאים. און א וואוילטאט ־טוער צו טויזענטע, צו די וואס ליבען מיך, און וואס היטען מיינע געבאט.

„דו זאלסט ניט אויסשפרעכען דעם נאמען פון דעם האר דיין גאט אומזיסט, ווייל גאט וועט ניט אומבאשטראפט לאזען דעם, וואס שפרעכט אויס זיין נאמען אומזיסט.

„געדענק דעם טאג פון שבת, איהם צו הייליגען. — זעקס טעג זאלסטו ארבייטען, און דו זאלסט טאן אלע דיינע ארבייט; אבער דער זיבעטער טאג איז שבת צום האר דיין גאט, דו זאלסט ניט טאן קיינערליי ארבייט, דו, אויך דיין זוהן און דיין טאכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט־מויד, און דיין בהמה. אויך דיין פרעמדלינג וואס אין דיינע טויערען. ווייל אין זעקס טעג האט גאט געמאכט דעם הימעל און די ערד, דעם ים און אלץ וואס איז אין זיי, און ער האט גערוהט אין דעם זיבעטען טאג, דער־פאר האט גאט געבענשט דעם טאג פון שבת, און ער האט איהם געהייליגט.

„עהר דיין פאטער און דיין מוטער, כדי דיינע טעג וואס דער האר גאט גיט דיר אויף דער ערד, זאלען לאנג זיין.

„דו זאלסט ניט טויט שלאגען.

„דו זאלסט ניט אויסגעלאסען זיין.

„דו זאלסט ניט גנב'ענען.

„זאלסט ניט זאגען פאלשע עדות נעגען דיין פריינד.

„דו זאלסט ניט געלוסטען דאס הויז פון דיין פריינד. דו

זאָלסט ניט גלוסטען דאָס ווייב פון דיין פריינד, אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט־מויד, אָדער זיין אָקס, אָדער זיין איי־זעל, איבערהויפּט אַלץ וואָס געהערט צו דיין פריינד.

„און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזעהן די דונערען און די פלאַמען און די שטים פון דעם שופר, און דעם רויכערדיגען באַרג, און דאָס פאָלק האָט עס געזען, און זיי האָבען געציטערט, און זיי זיינען געשטאַנען פון ווייטען. און זיי האָבען געזאָגט צו משה׳ן: רעד דו מיט אונז און מיר וועלען הערען, אָבער גאָט זאָל ניט רעדען מיט אונז, כדי מיר זאָלען ניט שטאַרבען. און משה האָט געזאָגט צום פאָלק: שרעקט אייך ניט, ווייל בלויז כדי אייך צו פּרובירען איז גאָט געקומען, און כדי עס זאָל אויף אייך זיין זיין שרעק, אז איהר זאָלט ניט זינדיגען. און דאָס פאָלק איז געשטאַנען פון ווייטען, און משה האָט זיך גענעהענט צו דעם נעבעל, דאָרטען וואו גאָט איז געוועזען. און גאָט האָט געזאָגט צו משה׳ן: אזוי זאָלסטו זאָגען צו די קינדער ישראל — איהר האָט געזעהן, אז איך האָב גערעדט מיט אייך פון הימעל. איהר זאָלט ניט מאַכען לעבען מיר קיינע געטער פון זילבער, און קיינע געטער פון גאָלד זאָלט איהר זיך ניט מאַכען. אַן אַלטאַר (א מזבח) פון ערד זאָלסטו מיר מאַכען, און דו זאָלסט אָפּפערען אויף איהם דיינע בראַנד־אָפּפער און דיינע פריד־אָפּפער, דיינע שאָף און דיינע רינדער, אַן איטליכען אָרט וואו איך וועל לאָזען דער־מאָנען מיין נאָמען וועל איך קומען צו דיר און איך וועל דיך בענשען. און אויב דו וועסט מיר בויען אַן אַלטאַר פון שטיינער, זאָלסטו זיי ניט מאַכען האַק־שטיינער, ווייל ווי דו הויבסט אויף איהם דיין אייזען־שווערד, האָסטו עס שוין פאַרשוועכט. און דאָ זאָלסטו ניט אויף שטאַפּלען אַרויפגעהן אויף מיין אַלטאַר, כדי דיין שאַנד זאָל ניט אויפגעדעקט ווערען אויף איהם״. (שמות כ׳: 1-26).

וועגען דער פאַרצייכענונג פון פאַרשידענע דינים און משפטים, וואָס גאָט האָט געגעבען די אידען, קאָן דער לעזער זיך ווענדען צום חומש שמות, קאַפּיטלען כ״א און כ״ב.

אָבער א סך פרעגען: פאַרוואָס האָט גאָט געשלאָסען א בונד מיט די אידען? דער ענטפער איז: גאָט האָט אָרגאַניזירט די אידען אַלס א נאַציע צוליב זיינע צוועקען. ער האָט פאַרשפּראָכען, אז פון יהודה׳ס שטאַם וועט אַרויסקומען דער גרויסער משיח, צו וועמען די פעלקער וועלען זיך צונויפזאַמלען און וועלכער וועט זיי געבען די ברכה לויט דער הבטחה וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמ׳ען. גאָט האָט געוואוסט די שוואַכקייט פון דעם מענש, און ביז די קינדער ישראל וועלען איצט זיין

שוים־ציל פאר זיינע פיינד; דאך וועט די תורה לערנען די אידען זיך צו האלטען אפגעזונדערט פון אנדערע פעלקער און זיי צוגרייטען צו מקבל זיין דעם גרויסען משיח אין דער פאסי־גער צייט. די תורה האט זיי אויך געלערנט די ריכטיגע באדייטונג פון די קרבנות, וואס זיי דארפען ברענגען, און וועלכע זיי וועלען אין א פאסיגער צייט פארשטעהן אינגאנצען איהר קלארען זין. די קרבנות זיינען בלויז געווען סימבאלען און רמזים, און שאטענס פון בעסערע זאכען, וואס דארפען קומען.

דער וויכטיגסטער כאראקטער־שטריך פון דער תורה איז, אז דאס פאלק זאל דינען גאט יהוה און נים קיין אנדערען. אויב גאט איז דער אלמעכטיגסטער און איז די פארקערפערונג פון ליבע, טא וואס איז די נויטווענדיגקייט פון אזא פונקט אין דער תורה? האט ער דען די תורה באשאפען צוליב א זעלבסטזיכטיגען צוועק, אז מענשען זאלען איהם דינען? ניין. ער האט דאס געמאכט צוליב ספעציעלע נוצען פאר די אידען און נאכדעם פאר דער גאנצער מענשהייט.

די איינריכטונג פון שטן.

עס שטעהט געשריבען אין דעם ספר איוב (ל"ח: 4—7), אז ווען גאט האט געלייגט דעם גרונד פון דער ערד אלס א וואוין־ארט פאר דעם מענשען, האט דער מארגענשטערען געזונגען פאר פרייד. לויט דעם תנ"ך באציהט זיך דאס ווארט מארגענשטערען אויף צוויי מעכטיגע הימעל־וועזענס: אויף מיכאל'ן (דאס ווארט) און אויף לוציפער'ן. דא וועלען מיר געבען דעם פרוש אויף לוציפער'ן און שפעטער בנוגע דעם דבר (לאגאס). לוציפער האט באוויזען צו ווערען גאט'ס אומטרייער זוהן, לאגאס אבער איז באצייכענט אלס „טריי און אמת'דיג". אזוי ווי די נבואה באציהט זיך אויף דעם לייגען דעם פונדא־מענט פאר דער ערד אלס א וואוין־ארט פאר'ן מענש, דערפאר איז נויטיג צו באטראכטען די מעשה פון בריאת אדם.

די מעשה פון באשאף וואס איז געשריבען געווארען פון משה'ן אונטער גאט'ס איינפלוס, דערקלערט, אז גאט האט איינגעריכט א זעהר שעהנעם טייל פון דער ערד, וואס האט געהייסען גן־עדן. אין דער מזרח זייט פון עדן האט ער געפלאנצט א גארטען און נאכדעם ווי ער האט באשאפען דעם

מאן און די פרוי האט ער זיי באזעצט אין גאט'ס גארטען. (בראשית ב': 8—15). גאט האט זיי געגעבען קראפט און פולמאכט זיך פארמעהרען און אנפיהלען די ערד מיט זייער מין.

לוציפער איז אויסדערוועהלט געווארען צו זיין א מושל איבער דעם מענשען בנוגע אויסצופיהרען גאט'ס פלאן פאר דער מענשהייט. לוציפער איז געווארען אן עסקן צווישען גאט און מענש. דערפאר איז זיין שייכות געווען פארטרויליך צו גאט און געטריי צום מענש. יחזקאל הנביא האט פארצייכענט בנוגע לוציפער'ן, אז ער איז געווען „אין גן־עדן פון גאט". דערזעלבער נביא זאגט ווייטער וועגען לוציפער'ן: „דו באדעקטער כרוב, וואס איך האב דיך אלס שוצער אנגעשטעלט, דו ביסט אויפ'ן געטליך־הייליגען בארג געווען און ביסט צווישען פייערדיגע שטיינער ארומגעגאנגען. דו ביסט אומ־שולדיג געווען אין דיין אויפפיהרונג זינט דו ביסט באשאפען געווארען ביז עס איז אין דיר אנטדעקט געווארען אומגערעכ־טיגקייט." (יחזקאל כ"ח: 14—15). דער נאמען „באדעקטער כרוב" באדייט, אז לוציפער האט פארנומען א לאגע פול בטחון און מאכט.

דאס גרעסטע פארברעכען וואס קאן באגאנגען ווערען, איז צו פארראטען א פארטרויען, וואס פאראורזאכט שאדען פאר אנדערע. דאס איז א האנדלונג פון פארראט. דאס צווינגט דעם עובר־עברה'ניק צו ווערען א פארברעכער. לוציפער איז שולדיג געווען אין דער דאזיגער זאך. ער האט געוואוסט, אז דער מענש איז באשאפען געווארען צו דינען גאט און וועט האבען אלע תענוגים פון גן־עדן און וועט האבען דעם רשות צו געבארען קינדער און אנפילען די ערד מיט דעם מענשליכען מין. לוציפער האט באקומען דעם חשק אנצואווענדען צו זיך זעלבסט דעם מענשען'ס דינסט, צו וועלכער גאט אליין איז מיט רעכט בארעכטיגט. ער האט בארעכענט, אז אויב ער וועט אפווענדען דעם מענשען פון גאט, וועלען אין א געוויסער צייט אדם און חוה און זייערע דורות דינען איהם; און אז דא־מאלסט וועט ער זיין געגליכען צום אויבערשטען. גאט'ס נביא זאגט וועגען לוציפער'ן:

„ווי ביסטו אראָפּגעפאַלען פון הימעל, דו באַריהמטער מאָרגענשטערען, ווי ביסטו אָפּגעבראָכען געוואָרען און געשטירצט צו דער ערד, דו אונטערדריקער פון פעלקער. און דו האָסט זיך געטראַכט אין דיין הארצען: צום הימעל וועל איך ארויפגעהן, איבער די שטערען פון גאָט וועל איך דערהויבען מיין זיץ, און איך וועל זיצען אויף דעם פארזאמלונג׳ס בארג, אין דער וויטסטער זייט פון צפון". (ישעיה י"ד: 12-14).

צו דערגרייכען זיין זעלבסטזיכטיגען און מיאוס׳ן ציל האָט לוציפער זיך גענומען צו פאַלשקייט, באטרוג און שקר און מאָרד. דערפאר איז ער געווען א מערדער און א ליגנער פון סאַמע אָנהויב פון דעם מענשענ׳ס געשיכטע. ער האָט באַנוצט די שלאַנג אין גן־עדן, דורך וועלכער ער האָט גערעדט צו חוה׳ן זי צו באַטריגען. גאָט האָט באַפוילען אָדמ׳ען און חוה׳ן, אז זיי זאָלען ניט עסען פון א געוויסען פרוכט. לוציפער, אין זיין כיטרען און פארשטעלטען געשטאַלט אָפּצונארען דעם מענשען, האָט גענעהנט צו חוה׳ן צוערשט און געזאָגט:

„האָט דען גאָט געזאָגט, אז איהר זאָלט ניט עסען פון אלע בוימער פון דעם גאָרטען? און דאָס ווייב האָט געזאָגט צו דער שלאַנג: פון די פרוכט פון די בוימער פון דעם גאָרטען מעגען מיר עסען. אָבער פון די פרוכט פון דעם בוים וואָס איז אינמיטען פון דעם גאָרטען, האָט גאָט געזאָגט: פון איהם זאָלט איהר ניט עסען, און איהר זאָלט איהם ניט אָנריהרען, כדי איהר זאָלט ניט שטאַרבען". (בראשית ג׳: 1-3).

איצט האָט לוציפער געוואוסט, אז כדי צו דערגרייכען זיין מיאוס׳ען ציל, דארף ער מאַכען גאָט אויסזעהן ווי א ליגנער און זיך ווי א וואוילטעטיגער. אזוינאָך האָט ער געענטפערט חוה׳ן:

„איהר וועט געוויס ניט שטאַרבען: ווייל גאָט וויים, אז אין דעם טאָג ווען איהר וועט פון איהם עסען, וועלען אייערע אויגען געעפענט ווערען, און איהר וועט זיין אזוי ווי גאָט צו דערקענען גוטס און שלעכטס. און דאָס ווייב האָט געזעהן, אז דער בוים איז גוט צום עסען, און אז ער איז א גלוסטיגקייט צו די אויגען, און עס איז אנגענעם דעם בוים צו באַטראַכטען, האָט זי גענומען פון זיינע פרוכט און זי האָט געגעסען, און זי האָט אויך געגעבען צו איהר מאַן מיט איהר, און ער האָט געגעסען". (בראשית ג׳: 4-6).

אזוינאָך נאָכגעבענדיג דעם פארפיהרערישען איינפלוס פון לוציפער, וואָס האָט געווירקט דורך דער שלאַנג, האָט חוה גע־

נעסען פון דער פרוכט און פארלעצט גאָט'ס געזעץ, און אָדם האָט דאָסזעלבע געטאָן.

דער אורטייל.

געבּענדיג דאָס געזעץ און אויך די שטראָף פאַר איבערטרעטען דעם געזעץ, זעהט גאָט אַז זיין פארפליכטונג זאָל אויסגעפיהרט ווערען. גאָט איז באַשטענדיג, דערפאַר איז ער זיך ניט סותר. אַלס אויספיהר פון זיין אורטייל (בראשית ג': 14—24) וועט זיין אַ פיינדשאַפט צווישען דעם זאָמען פון דעם ווייב און דעם זאָמען פון דער שלאַנג; אַז אין גאָט'ס ריכטיגער צייט וועט דער זאָמען פון ווייב צעטרעטען דעם קאָפּ פון דער שלאַנג; אַז די פרוי וועט מיט וועהטאָג איהרע קינדער געבּוירען; אַז דער מאַן זאָל ברויט עסען מיט דעם שווייס פון זיין פּנים ביז ער וועט זיך צוריקקערען צום שטויב פון וואַנען גאָט האָט איהם גענומען. כּדי אויסצופיהרען זיין אורטייל, האָט גאָט פארטריבּען אָדמ'ען און חוה'ן פון גן־עדן און פארהיט זיי זאָלען זיך ניט צוריקקעהרען צו עסען פון בּויב פון אייבּיגען לעבּען. עסענדיג די גיפטיגע פרוכט פון דער ערד האָבּען זיי זיך בּיסלאַכווייז דערנעהנטערט צום טויט.

דער נאָמען לוציפער באַדייט „ליכט טראָגער", און צוליב זיין רשעות האָט גאָט פארענדערט זיין נאָמען און איהם פארשידענע נעמען געגעבען: שלאַנג, דראַקאָן, שטן און אשמדאי. יעדער נאָמען האָט אַ ספּעציעלע באַדייטונג. שלאַנג הייסט באַטריגער, ווייל ער האָט געזוכט צו באַטריגען יעדען איינעם, וואָס פארזוכט צו טאָן רעכטס. דראַקאָן באַדייט איינשלינגער, ווייל ער האָט געזוכט איינצושלינגען אַלעמען וואָס ווילען טאָן גערעכטעס. שטן הייסט שנאה, ווייל ער האָט זיך אַנטקעגען געשטעלט דער גערעכטיגקייט. אשמדאי הייסט פארלוימדער, ווייל ער באַגעהט רכילות געגען גאָט און אַלעמען, וואָס זוכען צו זיין אין שלום מיט גאָט. גאָט האָט פאָראויסגעזאָגט אין זיין אורטייל, אַז ער וועט אין אַ געוויסער צייט פארניכטעט ווערען, ווי די נביאים האָבּען דאָס ערקלעהרט:

„דיין האַרץ האָט זיך דערהויבּען צוליב דיין שעהנקייט, די

האסט פארדארבען דיין קלוגקייט מיט דיין גלאנץ; איך האב דיך אויף דער ערד געווארפען און האב דיך איבערגעגעבען פאר קעניגען זיי זאלען דיך באקוקען. איבער דיינע פילע זינד און דיין אומגערעכטיגקייט אין האנדעל, האסטו פארשוועכט דיינע הייליגטימער; איך האב פון דיר זעלבסט ארויסגעבראכט א פייער וועלכער האט דיך פארברענט און געמאכט דיך ווי אש אינ'ם לאנד פאר די אויגען פון אלע יענע, וואס האבען דיך באקוקט". (יחזקאל כ"ח: 17-18).

„אבער דו וועסט אראפנידערען ביז צו דעם שאול, ביז צו די זייטען פון דעם קבר". (ישעיה י"ד: 15).

זיכער האט גאט געקאנט פארניכטען דעם שטן אויפ'ן ארט, אבער זיין חכמה האט געפונען א בעסערען וועג. גאט האט איהם דעם רשות געגעבען אויסצופראוווען די אמונה פון יעדען צדיק. אזוינאך קאן א מענש אויספיהרען זיין אייגענעם פרייען ווילען סיי צו טאן גוטס, וואס ווערט באלוינט פון גאט, סיי שלעכטס, וואס ברענגט אומגליק. שטן ווייזט אן דעם וועג צו שלעכטס. גאט — דעם וועג פון גוטעס און גערעכטיגקייט.

פון דער צייט אין גן־עדן ביז היינטיגען טאג איז דער שטן קעגענגעשטאנען יעדען שטרעבען פון דעם מענש צו טאן רעכטס. די, וואס האבען זיך באמיהט גאט צו פאלגען, זיינען שטענדיג געווען די שיס-צילען פון אשמדאי. ווען הבל האט געוואלט דינען גאט, האט אשמדאי געהעצט קין'ען צו הרג'ענען זיין ברודער. פון דאמאלסט הויבען זיך אן די רציחות ביי מענשען און די באמיהונג צו פארניכטען יעדען איינעם, וואס גלויבט און דינט גאט.

דער שטן האט אפגענויגט פון וועג א סך מלאכים פון הימעל און זיך אפגעקעהרט פון גאט ביז עס האבען זיך באוויזען מחנות שדים, וועמעס הויפט איז דער שטן. ער האט אויפגעשטעלט זיין ממשלה, וואס באשטעהט פון א בייזען הימעל און זינדיגער ערד. הימעל באדייט די אומזיכטבארע רעגירונג און ערד באדייט די ממשלה פון מענשליכע רעגירונגען.

אין נח'ס צייטען האט דער שטן פארפיהרט די מענשען, בלויז נח און זיין משפחה זיינען געבליבען גערעכט און אויפ־

ריכטיג. גאט האט געשיקט א גרויסען מבול אויף דער ערד און פארטיליגט אלע באשעפענישען א חוץ נח'ן און זיין משפחה. אזוי נאך האט גאט באוויזען זיין מאכט, כדי מענשען זאלען גלויבען אין איהם און וויסען, אז ער איז דער לעבעדיגער גאט. ווייניג מענשען האבען געגלויבט אין גאט אין אברהמ'ס צייטען. אברהם איז געווען איינער פון די גערעכטע, און דערפאר האט ער געפונען חן אין גאט'ס אויגען.

די תורה ערקלערט, אז עס איז געווען דעם שטנ'ס וועג איבערצורעדען די מענשען מען זאל איהם דינען דירעקט אדער אומדירעקט; און ווען ער האט זיי ניט געקענט באוועגען איהם צו דינען דירעקט, האט ער זיי געצוואונגען צו דינען עבודה זרה, נאר ניט יהוה'ן, דעם האר. דער שטן האט ארגאניזירט אלע פעלקער א חוץ אברהמ'ס אפשטאמער און באוואויגען זיי איהם צו דינען אדער זיינעם א שטעל־פארטרעטער.

ווען די אידען האבען געוואוינט אין מצרים, זיינען אלע פעלקער פון יענער צייט, א חוץ די אידען, געווען אונטער'ן איינפלוס פון שטן. פרעה איז געווען דער הויפט שטעל־פארטרעטער פון שטן אויף דער ערד. לויט דער תורה איז פרעה געווען א פאר־בילד פון שטן און דאס לאנד מצרים א פארבילד פון דער שלעכטער וועלט אונטער'ן שטן. ישראל איז געווען גאט'ס פאלק און דער שטן האט געזוכט זיי צו פארטיליגען, ווייל גאט האט ערקלעהרט, אז דער זאמען פון דער הבטחה וועט אין א געוויסער צייט דערשלאגען דעם שטנ'ס קאפ. גאט האט מיט וואונדער מציל געווען די אידען פון מצרים, באווייזענדיג דערמיט זיין מאכט און פעהיגקייט זיי אויסצולייזען.

גאט האט די אידען אויפ'ן בארג סיני געגעבען די תורה, דורך וועלכער זיי זאלען געשיצט זיין גענען די באטרוגען פון דעם שונא, דעם שטן. די תורה האט זיי אייביג געלערענט זיי זאלען פאלגען די געבאט און געהן אויפ'ן דרך הישר. גאט'ס צוועק איז געווען צו פיהרען זיי ביז משיח וועט קומען, צו וועמען די פעלקער וועלען זיך איינזאמלען און געבענשט ווערען לויט זייער הבטחה. דאס פאלק האט אבער אנגעפאנגען

עבודה זרה צו דינען און ברענגען אזוינאך קרבנות צו די שדים. און דאן האט גאט גערעדט צו משה'ן און באפוילען דורך איהם, אז די קרבנות זאלען געבראכט ווערען צו איהם:

„און זיי זאלען ניט מקריב זיין זייערע קרבנות צו שדים נאך וועלכע זיי זיינען פארפיהרט — דאס זאל ביי זיי זיין אן אייביג געזעץ פאר זייערע צוקונפטיגע דורות". (ויקרא י"ז: 7).

אויף אזא אופן איז פארענטפערט די פראגע, פארוואס גאט האט זיי אנגעזאגט אז זיי זאלען ניט דינען אנדערע געטער א חוץ איהם, ווייל ער האט געוואוסט, אז די איינציגע באשיצונג פאר די אידען איז אמונה אין גאט און איהם צו דינען, און דערפאר האט ער זיי געגעבען די תורה.

גאט'ס איינריכטונג.

לויט די ראיות פון דער תורה זיינען א סך ריינע און הייליגע מלאכים פאראן אין הימעל, וואס זיינען געטריי צו גאט יהוה. זיי בילדען דעם אומזעהבארען טייל פון גאט'ס גערעכטער איינריכטונג. ווען די קינדער פון ישראל זיינען ארגאניזירט געווארען אין איין פאלק און האבען געשלאסען א בונד מיט גאט יהוה, איז דאמאלסט דאס דאזיגע פאלק גע־ווארען א טייל פון גאט'ס איינריכטונג. ציון איז איינער פון די נעמען פון גאט'ס איינריכטונג. ישראל ווערט אפט דערמאנט אין דעם תנ"ך אונטער דעם נאמען ציון. די אורזאך דערפון איז, וואס ישראל איז געווען פאר א לאנגער צייט דער זעה־בארער טייל פון גאט'ס איינריכטונג אויף דער ערד.

דוד איז געווען דער געליבטער קעניג פון ישראל. ער איז געווען א מענש לויט גאט'ס איינגען הארץ. זיין נאמען באדייט באליבט. ער איז א פאר־בילד פון דעם קומענדען משיח. זיין זוהן שלמה איז א פאר־בילד פון דעם גלאריפיציר־טען משיח הערשענדיג אין כבוד און גדולה. א שטאדט איז פיל מאל באנוצט אלס א סימבאל פון אן איינריכטונג אדער רעגירונג, ווי ס'שטעהט אין מלאכים א', ח: 1:

„דאן האט שלמה פארזאמעלט די עלטסטע פון ישראל און אלע הויפטלייט פון די שבטים, די פירשטען פון די משפחות

פון די קינדער ישראל צום דעם קעניג שלמה קיין ירושלים כדי ארויפצוברענגען דעם ארון ברית פון האר פון דוד'ס שטאדט, וואס איז ציון".

דער תנ"ך ערקלערט, אז גאט וואוינט אין ציון, ווי עס איז געשריבען אין תהלים ט": 11 און אין קל"ב: 13:

„זינג לויבען צום האר, וועלכער וואוינט אין ציון: לאז וויסען צווישען די פעלקער זיינע מעשים." „ווייל דער האר האט אויסדערוויילט ציון: ער האט עס פארלאנגט אלס זיין וואוינ־ארט". אזוינאך איז עס באוויזען אז ציון איז דאס וואוינארט פון יהוה.

„פון ציון וואס איז די פולקאמענהייט פון שעהנקייט, האט גאט געשיינט". (תהלים נ': 2).

ישראל הייסט מיט רעכט ציון, ווייל עס איז א טייל פון גאט'ס איינריכטונג, זייענדיג די איינציגע רעגירונג אויף דער ערד, מיט וועלכער גאט האט אונטערהאנדעלט. זייענדיג דער איינציגער טייל פון גאט'ס זעהבארער איינריכטונג, איז לייכט צו פארשטעהן, פארוואס גאט האט איהם אפגעזונדערט מיט א פולקאמענעם געזעץ. ישראל איז געווען באליבט איבער אלע אנדערע פעלקער, ווייל גאט האט זיי אויסדערוועהלט פאר זיין פאלק.

דאס דארף פאר אלעמען זיין א מוסר-השכל, וואס גאט האט געלערנט די אידען, נעמליך, אז שטן איז דער פארפיה־רער; אז זיינע וועגען פיהרען צו צושטערונג און די וואס פאלגען איהם נאך באוואוסטזיניג וועלען פארטיליגט ווערען; אז גאט איז א גרויסער צדיק, און ער איז דער גאט פון חכמה, גערעכטיגקייט, ליבע און מאכט. און ער האט פאר־אויסגעזעהן דעם וועג צו לעבען אין אייביגע ברכות פאר אלע וואס פאלגען איהם, ווי דאס איז דורך גאט'ס נביא אויס־געדריקט אין תהלים קמ"ה: 20: „דער האר באהיט אלע, וואס ליבען איהם, אבער אלע רשעים וועט ער פארטיליגען."

דערפאר זיינען די אידען אין משך פון מעהר ווי 1800 יאהר באנוצט געווארען אלס ביישפיל פון א מוסר־השכל פאר דער מענשהייט. דער שטן האט שטענדיג געזוכט צו פאר־פיהרען דאס פאלק ישראל און אפקעהרען זיי פון גאט. איצט איז די צייט געקומען פאר די אידען איינצוזעהן, אז גאט'ס

צוועק איז געווען אונטערהאַנדלען מיט זיי צוליב זייערע אייגענע נוצען; און ניט בלויז זיי אַליין, נאָר אויך אַלע פעלקער פון דער ערד מעגען איינזעהן, אַז גערעכטיגקייט אַליין דערהויבט אַ פאָלק.

דערפאַר זיינען די אידען געווען, אין דער צייט פון גאָט׳ס אונטערהאַנדלונגען מיט זיי, אַ מוסטער־פאָלק. מוסטער־האַפט איז געווען זייער געזעץ, וואָס האָט געשטעלט אין שאָטען אַ סך קינפטיגע בעסערע זאַכען. משה האָט קלאָר זיך אויסגעשפּראָכען, אַז ער איז אַ פאָר־בילד פון דעם גרויסען משיח: „אַ נביא פון דיינע ברידער, אַזוי ווי איך בין, וועט דער האר דיין גאָט צו דיר דערהויבען, איהם זאָלט איהר האָרכען... איך וועל זיי אָנשטעלען אַ נביא, אַזוי ווי דו, פון זייערע אייגענע ברידער; איך וועל צו איהם רעדען און ער וועט זיי איבערגעבען אַלץ, וואָס איך וועל איהם באַפעהלען. (דברים י״ח: 15, 18).

ישעיה האָט נבואה געזאָגט, אַז ער און זיינע זיהן זיינען פאָר־בילדער פון קונפטיגע זאַכען: „זעה, איך און די קינדער, וואָס דער האר האָט מיר געגעבען, זיינען צייכענס און וואונדער אין ישראל, פון דעם האר צבאות, וואָס וואוינט אויף דעם באַרג ציון”. (ישעיה ח׳: 18, ליסער). מיט דעזלבען רושם האָט זכריה געזאָגט נבואה, אַז גאָט׳ס ווילען איז געווען צו באַנוצען ישראל אַלס אַ מוסטער־פאָלק (זכריה ג׳: 8).

וויסענדיג, אַז ישראל איז באַנוצט געוואָרען אַלס אַ פאָלק, וואָס שטעלט אין שאָטען קינפטיגע בעסערע זאַכען, דאַרפען אַלע פעלקער, אידען אָדער גוים, וואָס ליבען גערעכטיגקייט און באַגערען דאָס לעבען, שטודירען ישראל׳ס געזעץ און גאָט׳ס אונטערהאַנדלונגען מיט זיין פאָלק. מען וועט קלאָר זעהן, אַז דאָס וואָס איז באַקאַנט געוואָרען ישראל׳ן זיינען געווען ביישפּילען פאַר די יעניגע וואָס וועלען לעבען אויף דער ערד אין אַ צייט, ווען גאָט׳ס גנאַד וועט זיך צוריקקעהרען צו די אידען, און אפילו אין דער צייט אין וועלכער מיר לעבען איצט ביים סוף פון דער בייזער וועלט.

ווען מיר זעהען און פאַרשטעהען, אַז דער שטן האָט גע־

האט אן איינריכטונג פאר פילע יאהרהונדערטער, אז ער איז א געגנער פון גאט און גערעכטיגקייט און אז דאס פאלק ישראל איז געווען א טייל פון גאט'ס איינריכטונג א צייט, איז לייכט צו פארשטעהן, פארוואס האט דער שטן זיך באַ־שעפטיגט צו פארניכטען די אידען. איצט זיינען שוין קלאר א סך זאכען פון דער אידישער געשיכטע, וועלכע זיינען באופן אחר שווער צו פארשטעהן. מען קאן אויך זעהן, אז ווער עס גיט נאך דעם שטנ'ס באטרוגען, וועט פארלירען גאט'ס חסד; ווער עס וויל אבער האבען דעם רשות פון גאט'ס חסד, מוז זיך דערווייטערען פון שטן און פון זיין איינריכטונג און פלייסיג פארשען דעם האר, איהם פאלגענדיג. גאט האט קיין שום שלעכטען געדאנק ניט אריינגעבראכט אין עמיצענ'ס מוח, ער האט קיינעם ניט געפיהרט צו שלעכטע מעשים. אז דער שטן איז דער שונא פון גאט און איז דאס גרויסע שלעכטס, איז עס אבסאלוט זיכער, אז ער האט אריינגעבראכט אין די מוחות פון מענשען שלעכטע געדאנקען און שלעכטע פאר־לאנגען, וואס האבען געפיהרט צו אלע שלעכטע מעשים.

פון דער צייט ווען קין האט דער'הרג'עט הבל'ן ביז צום היינטיגען טאג, איז דער שטן געווען דער יעניגער, וואס האט געפיהרט צו אלע רציחות און רשעות. „גערעכטיגקייט דער־הויבט א פאלק, אבער זינד איז א שאנד פאר פעלקער“ (משלי י"ד: 34). די דאזיגע פאקטען באווייזען, אז גאט האט גע־געבען דעם פאלק ישראל א געלעגענהייט נאכצופאלגען גע־רעכטיגקייט און דערהויבען ווערען (שמות י"ט: 5-6). זיי האבען זיך געיאגט נאך שלעכטס, געפאלען אין זינד און גע־ווארען א פארוואורף. אזוי נאך שטעהט די אידישע געשיכטע ווי א דענקמאל, לערנענדיג אלע פעלקער און נאציעס פון דער וועלט.

פאַרוואָס זיינען די אידען פאַרוואָרפען גע־וואָרען ?

קאַפּיטעל 5.

מיט'ן פאָלק ישראל האָט גאָט באַשטעטיגט די אמת'ע אמונה; נעמליך, אַז זיי זאָלען דינען יהוה'ן אַלס דעם איינ־ציגען אמת'ען גאָט און ניט די אַנדערע אַ חוץ איהם. שטן, דער הויפּט־שד און דער אומזעהבאַרער הערשער פון די אַנ־דערע פעלקער, האָט באַשטעטיגט אַ פאַלשע אמונה, ד. ה. צו דינען שדים.

גאָט האָט באַשיצט ישראל דורך די געזעצען פון דער תורה. די תורה האָט פאַרשפּראָכען אַ שטרענגע שטראָף פאַר יעדען, וואָס וועט דינען די שדים. (שמות כ"ב: 18; ויקרא כ': 27,26; דברים י"ח: 9-14). די מיטגעמאַכטע ערפאַה־רונגען האָבען גרינדליך באַוויזען די אידען די נויטיגקייט פון אויפריכטיגער גערעכטיגקייט צו יהוה. שטן, דער רשע, איז געווען געגען די גערעכטע אידען און האָט געזוכט זיי צו פאַר־טיליגען אויף פאַרשידענע אופנים. אין דער צייט פון יהושע זיינען די אידען געווען געטריי צו גאָט, אָבער נאָך זיין טויט האָבען זיי גאָט פאַרגעסען און זיינען געפאַנגען גע־וואָרען אין זינד.

„און די קינדער ישראל האָבען געטאָן שלעכטס אין די אויגען פון גאָט, און זיי האָבען געדינט בעלים; און האָבען פאַרלאָזען יהוה, דעם גאָט פון זייערע עלטערען, וואָס האָט זיי אַרויסגעפיהרט פון מצרים, און זיינען נאָכגעגאַנגען אַנדערע געטער, די פעלקער'ס אָפּגעטער וואָס זיינען געווען אַרום זיי, און האָבען זיך צו זיי געבוקט און האָבען דערצאָרענט יהוה. און זיי האָבען פאַרלאָזען יהוה און געדינט בעל און עשתרות. און גאָט'ס צאָרן האָט געגרימט איבער ישראל און ער האָט זיי איבער־געגעבען אין די הענט פון די רויבער, און זיי האָבען זיי באַרויבט און ער האָט זיי פאַרקויפט אין הענט פון זייערע שונאים, וואָס זיינען געווען אַרום און האָבען מעהר ניט געקאָנט בייששטעהן זייערע שונאים". (שופטים ב': 11-14).

און ווען גאָט האָט זיי געגעבען שופטים, איז גאָט געווען מיט'ן שופט, און זיי באַפרייט פון האַנט פון זייערע שונאים ביז דער שופט האָט געלעבט, ווייל גאָט האָט זיך באַדענקט צוליב זייער געשריי פון אונטער די פאַרפאָלגער און אונטערדריקער. (שופטים ב: 18). דאָן האָט דער האַר ערלויבט די פעלקער, וואָס האָבען געוואוינט לעבען ישראל, אויסצופרואווען די אידען.

„און דאָס זיינען די פעלקער וועמען גאָט האָט געלאָזען אויסצואַפּרואווען ישראל, אַלע די וואָס האָבען ניט געוואוסט פון אַלע מלחמות מיט כנען. און די קינדער ישראל האָבען געוואוינט צווישען דעם כנעני, חתי און אמורי, פּרזי, חוי און יבוסי. זיי האָבען צו זיך גענומען זייערע טעכטער פאַר ווייבער און געגעבען זייערע טעכטער צו זייערע זיהן, און זיי האָבען געדינט אָפּגעטער. און די קינדער ישראל האָבען געטאָן וואָס איז שלעכט אין גאָט'ס אויגען, און האָבען פאַרגעסען דעם האַר זייער גאָט און געדינט די געצען בעלים און די לינדען-בוימער". (שופטים ג': 1, 5-7).

דער האַר האָט זיי ווידער אונטערוואָרפען צו זייערע שונאים און די גרויסע צרות, און ווען זיי פלעגען שרייען, פלעגט ער זיי מציל זיין. (שופטים ג': 9-10). פון צייט צו צייט איז ישראל אומטריי געוואָרען צו זייער בוגד און זיי זיינען באַשטראָפט געוואָרען דערפאַר, און גאָט פלעגט זיי תמיד אויסלייזען. (שופטים ד': 1-15, ו': 7).

דאָן האָט גאָט דערהויבען צו זיי שמואל'ן, וואָס איז געווען גערעכט און אויפריכטיג צו גאָט, און צוליב זיין געטריישאַפט האָט גאָט זיי אויסגעלייזט פון זייערע פיינד.

• זאָל עס באַמערקט ווערען, אַז ווען נאָר ישראל איז געווען געטריי צום האַר פלעגט ער אַלעמאָל אויסגעלייזט ווערען פון זיינע שונאים. ער פלעגט דאָס טאָן כדי זיי לערנען, אַז ער איז ניט בלויז זייער גאָט, נאָר אויך זייער איינציגער טרייער פריינד, דאַמאָלסט ווען דער שטן איז זייער אייביגער שונא. די באַווייזען פון גאָט'ס חסד צו די בני-ישראל זיינען קלאָר אין דער תורה: גדעון, וואָס האָט געדינט גאָט און תפילה געטאָן נאָך הילף, האָט פאַריאָגט מיט 300 מענשען אַ מחנה פון 200,000 מדינים, פאַראורזאַכענדיג דערמיט אַז

זיי זאלען איינער דעם אנדערען דער'הרג'ענען. אזוי נאך האט גאט געוויזען גדעונ'ען זיין חסד, ווייל ער האט געפאלגט גאט'ס שטימע, שטעלענדיג זיך געגען דעם שטן און זיין ממשלה. (שופטים ו': 11-40; ז': 1-25). אין דעם דאזיגען גרויסען שטרייט האט גדעון מיט זיין קליינעם חייל גארניט געטאן, בלויז הויך געהאלטען זייערע שמורקאצען און געשריען: „דאס שווערד פון גאט און גדעון!" גאט דער האר האט געטאן דאס איבעריגע און פארטיליגט די מדינים.

ווען יהושפט איז קעניג געווען, זיינען געקומען די פאראייניגטע חסים פון מואב, עמון און הר שעיר מלחמה צו האלטען מיט די אידען. יהושפט האט געוואוסט, אז ער וועט ניט קאנעןביישטעהן דעם אנגריף פון דעם גרויסען שונא. ער האט צונויפגעזאמעלט די אידען אין בית־המקדש און האט אזוי־נאך געבעטען:

„א האר, דער גאט פון אונזערע אבות, ביסטו ניט דער גאט אינ'ם הימעל? און טוסטו ניט געוועלטיגען איבער אלע קעניגרייכען פון די פעלקער? און איז ניט אין דיין האנט כח און גבורה, אז קיינער קאן געגען דיר ביישטעהן?... און גאנץ יהודה איז געשטאנען פאר דעם האר, מיט זייערע קליינע קינדער און ווייבער". (דברי הימים ב', כ': 6, 13).

נאך דער תפילה פון יהושפט האט יחזיאל, א זוהן פון לוי'ס שטאם, געזאגט נביאות און געזאגט יהושפט'ן, אז ער זאל זיך ניט דערשרעקען פאר די מחנות, ווייל ווער וועט זיגען:

„איהר האט ניט געדארפט שטרייטען אין דערדאזיגער מלחמה, שטעלט אייך און שטעהט שטיל און זעהט די הילף פון דעם האר מיט אייך, א יהודה און ירושלים, האט קיין מורא ניט און דערשרעקט אייך ניט; געהט מארגען ארויס געגען זיי, ווייל דער האר וועט זיין מיט אייך". (דברי הימים ב', כ': 17).

אונטער גאט'ס אויפווייז האט יהושפט אנגעשטעלט משוררים, אז זיי זאלען לויבען גאט'ס הייליגקייט ווען זיי וועלען געהן פאר דעם חייל און זיי זאלען לויבען גאט'ס חסד. אויף דעם אנדערען טאג האט זיך אנגעהויבען דער שלאכט. „און ווען זיי האבען אנגעפאנגען צו זינגען און לויבען גאט, האט דער האר געגעבען לויערער אויף די בני עמון און די פון בארג

שעיר, וואס זיינען געקומען געגען יהודה, און זיי זיינען גע־שלאָגען געווארען". (פסוק 22).

ביי אַן אנדער געלעגענהייט, אינ'ם פערצעהנטען יאָהר פון חזקיהו'ס מלוכה, האָט סנחריב, דער קעניג פון אשור, געפיהרט מלחמה געגען ירושלים. דער מלך אשור, וואָס איז געווען אַ חוצפה'דיגער געצענדינער, האָט געשיקט שלוחים צו חזקיהו, לעסטערענדיג גאָט. ווען חזקיהו האָט געהערט די בשורה, האָט ער צעריסען זיינע קליידער און זיך באַדעקט מיט אַ זאַק און אַש, און איז אַוועק אין גאָט'ס הויז. חזקיהו האָט זיך דערשראָקען און האָט געשיקט זיינע דינער נאָך ישעיה הנביא, וואס האָט אזוי פראָפעצייט:

„אַזוי זאָלט איהר זאָגען צו אייער האר: אזוי האָט גאָט געזאָגט: דו זאָלסט ניט פירכטען פאר די רייד וואָס דו האָסט געהערט, וואָס די דינער פון דעם קעניג פון אשור האָבען מיך געלעסטערט. זעה, איך וועל אריינברענגען אין איהם אַן אנדער זינען און ער וועט הערען אַ בשורה, אַז אַם ענד וועט ער צוריק־געהרען נאָך זיין לאַנד, און דאָרט אין זיין לאַנד וועל איך איהם מאַכען פאַלען דורך דעם שווערד". (ישעית ל"ז: 6-7).

דער מלך אשור האָט ווידער געשיקט שלוחים צו חזקיהו מיט אַ בריף כדי אָפּצושוואַכען חזקיהו'ס אמונה אין גאָט.

„און חזקיהו האָט גענומען די בריף פון דער האַנט פון די שלוחים און ער האָט עס געלעזען, און ער איז ארויפגעגאנגען אין דעם הויז פון גאָט, און חזקיהו האָט עס אויסגעשפרייט פאַר גאָט. און חזקיהו האָט געבעטען צו גאָט און ער האָט געזאָגט: אָ גאָט פון די הערשאַרען, גאָט פון ישראל, וואָס דו טראָנסט איבער כרובים, דו אַליין ביסט דער גאָט איבער אַלע קעניגרייכען פון דער ערד, דו האָסט געמאַכט די הימלען און די ערד. נייג, אָ גאָט, דיין אויער און הער, עפען, אָ גאָט, דיין אויג, זעה, און הער די אַלע ווערטער פון סנחריב, וואָס ער האָט געשיקט צו לעסטערן דעם לעבעדיגען גאָט. עס איז וואָר, אָ גאָט, פאַרוויסט האָבען די קעניגען פון אַשור די אַלע איינוואוינער פון די לענדער און זייערע לענדער. און זייערע געטער האָבען זיי געוואָרפען אין פייער; ווייל זיי זיינען דאָך ניט קיין געטער, נאָר ווערק פון מענשליכע הענט, האָלץ און שטיין, דערפאַר האָבען זיי זיי פאַר־ניכטעט. און איצט, אָ האַר אונזער גאָט, העלף אונז דאָך פון זיין האַנט, און זאָלען אַלע קעניגרייכען פון דער ערד וויסען, אַז דו אַליין ביסט גאָט". (ישעיה ל"ז: 14-20).

דאַן האָט ישעיה נביאות געזאָגט צו קעניג חזקיהו:

„דערפאר האט גאט אזוי געזאגט אויף דעם קעניג פון אשור: ער וועט ניט אריינקומען אין דערדאזיגער שטאדט, און ער וועט אפילו א פייל ניט שיסען דארט, און ער וועט ניט קומען נעגען איהר מיט שילדען און ער וועט ניט אויפשיטען ארום איהר א שאנץ. אין דעם וועג וואס ער איז געקומען, אויף איהם וועט ער זיך צוריקקעהרען, און אין דערדאזיגער שטאדט וועט ער ניט אריינקומען, זאגט גאט. און איך וועל באשיצען דידאזיגע שטאדט, איהר צו העלפען, פון מיינטוועגען, און פון וועגען דוד מיין קנעכט". (ישעיה ל"ז: 33-35).

די שטילע נאכט האט שוין גענידערט אויף ירושלים, איהרע איינוואוינער שלאפען נאך ניט. זיי האבען געוואוסט, אז פאר די טויערען שטעהט די מורא'דיגע גרויסע מחנה, וואס וואלט פארטיליגט די אידען ווי דעם שפריי, וואס ווערט פון ווינט געיאגט. זיי האבען געוואוסט, אז נאר גאט'ס מעכטיגע האנט קאן זיי רעטען פון דעם שונא'ס מחנה. גאט האט געהערט חזקיהו'ס תפילה, און דאס פאלק האט געווארט. אוןווארטענדיג האט גאט דער האר ערפילט זיין גרויס ווערק צוליב זיין נאמען און צוליב דוד'ן, זיין באליבטען קנעכט, און דער שטן מיט אלע זיינע שדים האבען ניט געקאנט אויפהויבען א פינגער צו העלפען זייער קנעכט סנחריב און זיין מעכטיגע ארמעע.

ווען די פארהאנגען פון דער נאכט האבען זיך אויפגעהויבען, זיינען 185,000 טויטע פון סנחריב'ס מחנה געלעגען אויסגעשפרייט אויף בערגלאך און פלוינען פאר דער הייליגער שטאדט. די אידען האבען מיט קיין פינגער ניט אויפגעהויבען נעגען זיי. גאט פון אברהם יצחק און יעקב האט זיי מציל געווען פון זייערע שונאים.

„און עס איז געווען אין יענער נאכט, איז ארויסגעגאנגען א מלאך פון דעם האר און ער האט געשלאגען אין דער מחנה פון אשור הונדערט פינף און אכציג טויזענד און ווען זיי זיינען אויפגעשטאנען אין דער פריה און זעה, אלע זיינען געווען פגרים". (ישעיה ל"ז: 36).

עס זיינען פאראן א סך אנדערע ראיות אין תנ"ך וואס באשטעטיגען ווי יהוה האט באשיצט זיין פאלק. מיט אלע די פאסירונגען האט גאט געלערנט זיין פאלק, אז ער איז דער אויבערשטער, דער באשאפער פון הימעל און ערד, און זיין כח האט קיין סוף ניט. ער איז געווען זייער פריינד

און האט געקאנט זיי ראטעווען פון זייערע שונאים. דאך האבען זיך די אידען איבערגעגעבען צו געצענדינערייי.

דאס ווערט דא דערצעהלט ניט כדי פארצואווארפען די אידען, נאר כדי צו באווייזען, אז זייער איינציגע האפענונג איז דער בטחון אין גאט און איהם צו פאלגען. גאט האט זיי אין דער תורה געווארענט, אז אויב זיי וועלען איהם ניט פאלגען וועלען זיי פיל ליידען דערפאר. צו זיי האט ער געזאגט:

„איהר זאלט ביי אייך ניט מאכען קיינע געצען, בילדער און סטאטועו זאלט איהר ניט איינריכטען ביי אייך; איהר זאלט אויך קיינע שטיין־בילדער האבען אין אייער לאנד אום צו זיי זיך בוקען, ווארים איך, דער אייביגער, בין אייער גאט. מיינע שבתים זאלט איהר היטען, און מיין הייליגטום רעספעקטירען; איך בין אייער גאט.

„אויב איהר וועט געהן אין מיינע געזעצען און אפהיטען מיינע באפעהלען צו טאן זיי — וועל איך אייך רעגען ברענגען אין צייט, כדי דאס לאנד זאל איהרע געוויקסע געבען און דער פעלד־בוים זיינע פרוכט. די צייט פון דרעשען וועט גרייכען ביז דער צייט פון פרוכט־קלייבען, און דאס פרוכט־קלייבען וועט געדויערען ביז דער צייט פון זייען; אייער ברויט וועט איהר עסען ביז זאט און באוואוינען רוהיג אייער לאנד. איך וועל מאכען פרידען אינ׳ם לאנד און קיינער וועט אייך באאומרוהיגען ווען איהר וועט שלאפען; בייזע חיות וועל איך אויסראטען פונ׳ם לאנד און קיין שווער־באוואפענטע ארמעע וועט אייער לאנד דורכגעהן. אז איהר וועט נאכיאגען אייערע פיינד וועלען זיי פאלען פון אייער שווערד. פינף פון אייך וועלען נאכיאגען הונדערט, און הונדערט אייערע וועלען פאריאגען צעהן טויזענד, ביז אייערע פיינד וועלען פון אייער שווערד פאלען. איך וועל זיך ווענדען צו אייך און וועל אייך מאכען פרוכטבאר און פארמעהרען אייך איך, וועל אנהאלטען מיין פארבאנד מיט אייך. איהר וועט עסען גאנץ אלטע געטריידע, און צוליב די נייע וועט איהר די אלטע ארויסווארפען. איך וועל זיך שטענדיג געפינען צווישען אייך — איך וועל זיין אייער גאט און איהר וועט זיין מיין פאלק. איך, דער אייביגער, בין אייער גאט, וואס האט אייך ארויסגעפיהרט פון מצרים, כדי איהר זאלט ביי זיי קיין קנעכט ניט זיין; איך האב צובראכען די שטאנגען פון אייער יאך, און האב אייך ארויסגעפיהרט מיט שטאלץ. וועט איהר אבער מיך ניט הערען און ניט טאן אלע די באפעהלען; אויב איהר וועט מיינע געזעצען פארהאסען און מיין רעכט פאראכטען, כדי ניט צו טאן אלע באפעהלען מיינע און צערייסען מיין פארבאנד — וועל איך אויך דאס

דאזיגע טאָן: איך וועל אויף אייך אָנשיקען אומערוואַרטעט שווינדזוכט און פיבער, וואָס פאַרדאַרבען די אויגען און שוואַכען אָפּ דעם קערפּער; אייער זייען וועט אומזיסט זיין, וואָרים אייערע פיינד וועלען עס אויפעסען. איך וועל מיין צאָרן לעגען אויף אייך און איהר וועט געשלאָגען ווערען פון אייערע פיינד. אייערע האַסער וועלען איבער אייך הערשען; איהר וועט לויפען אפילו ווען קיינער וועט אייך ניט יאָגען. אויב איהר וועט מיך נאָך אַלץ ניט הערען, וועל איך אייך נאָך מעהר שטראָפען — זיבען מאָל פאַר יעדע זינד אייערע — — — — — — — — — —
און איך וועל פאַרטיליגען אייערע בערג־אַלטאַרען און פאַרניכטען אייערע זון־בילדער. מיט אייערע טויטע קערפּערס וועל איך אַרומלעגען אייערע עקעלהאַפטע געצען, און איך וועל אייך פאַראַכטען. פון אייערע שטעדט וועל איך אַ וויסטעניש מאַכען; איך וועל ליידיג מאַכען אייערע הייליגטימער און וועל ניט שמעקען אייערע וואויל־שמעקענדע גערוכען. איך וועל דאָס לאַנד אַזוי פאַרוויסטען, אַז אייערע פיינד, וואָס וואוינען דאָרט, וועלען זיך וואונדערען. אייך וועל איך צושפּרייטען איבער די פעלקער און אַ שווערד וועט מען הינטער אייך אַרויסציהען. אייער לאַנד וועט ליידיג זיין און אייערע שטעדט וועלען וויסט זיין.״ (ויקרא כ״ו: 1־18, 30־33).

ווייל זיי האָבען פאַרלעצט דעם בונד און פאַרלאָזען דעם איינציגען, אמת׳ען גאָט און אַריינפאַלענדיג אין דעם שטן׳ס רמאות, האָט יהוה געמאַכט ירמיהו׳ן זאָגען זיי:

„איך וועל שיקען און נעהמען אַלע משפּחות פון צפון־זייט, זאָגט גאָט, און אויך נאָך נבוכדנאצר, דעם קעניג פון בבל מיין קנעכט, און וועל ברענגען אויף דעם דאָזיגען לאַנד און זיינע איינוואוינער און אויף אַלע פעלקער פון אַרום און וועל זיי פאַרוויסטען און מאַכען זיי צום שטוינען, צום אויספּייפען און אייביגע וויסטעניש.״ (ירמיה כ״ה: 9).

צדקיהו איז געוועזען ישראל׳ס לעצטער קעניג. ער האָט געטאָן שלעכטס אין גאָט׳ס אויגען, געשפּאָט פון די נביאים, די גאָט־געשיקטע, און זיי שלעכט באַהאַנדעלט. (דברי הימים ל״ו: 12־16). צום סוף האָט גאָט דורך זיין נביא יחזקאל אויסגעשפּראָכען דעם גזר־דין געגען די אידען, וואָס איז אויסגעפיהרט געוואָרען אין דעם יאָהר 606 פאַר דער קריסטליכער צייט־רעכענונג:

„דערפאַר זאָגט דער האַר גאָט, ווייל איהר האָט געמאַכט צו געדענקען אייערע אומגערעכטיגקייטען און אייערע זינד זיינען אַנטפּלעקט געוואָרען אַזוי, אַז אייערע זינד זאָלען זיך באַ־

זוייזען דורך אייערע מעשים; ווייל, זאָג איך, איהר ווייזט עס אַרויס, וועט איהר מיט דער האַנט געכאַפּט ווערען. דו, נידערטרעכטיגער פאַרברעכער, פירשט פון ישראל, וועמענס שטראָף־טאָג איז געקומען ווען די זינד איז צו ענדע. אַזוי זאָגט גאָט, דער אַלמעכטיגער: נעהם אַראָפּ די מיץ און הויב אַראָפּ די קרוין, קיין זאַך איז ניט ריכטיג — וואָס עס דאַרף זיין נידעריג איז הויך, און וואָס עס דאַרף הויך זיין איז דערנידערט. וויסט, פאַרוויסט און רואינירט וועל איך איהר מאַכען, אָבער דאָס וועט אויך נאָר דאַן געשעהן, ווען עס וועט קומען יענער, וואָס איז באַרעכטיגט צו אורטיילען — איהם וועל איך עס איבערגעבען." (יחזקאל כ"א: 29-32).

דאַן האָט גאָט געבראַכט די כשדים אויף די אידען, די ווענט פון ירושלים זיינען צעבראָכען געוואָרען און גאָט'ס הויז איז פאַרברענט געוואָרען און דאָס פאָלק אַוועקגעפיהרט קיין בבל; און צדקיהו'ס זיהן זיינען געשחט'ען געוואָרען פאַר זיינע אויגען; און צדקיהו'ן האָט מען בלינד געמאַכט און מען האָט איהם אין קייטען געשמידט און אַוועקגעפיהרט קיין בבל. דאָס איז געשעהן צו דערפיהלען די נביאות, אַלס אַ וואָרנונג צו ישראל. (מלכים ב', כ"ה: 6, 7); (דברי הימים ל"ו: 21).

פאַרוואָס איז דאָס פאָלק ישראל געפאַלען? דער ענטפער איז, צוליב זייער אומטרייקייט צו גאָט יהוה. עס איז אמת, אַז אַ טייל פון פאָלק האָט זיך צוריקגעקעהרט פון גלות־בבל 70 יאָהר שפּעטער, אָבער פון דאַמאָלסט האָט אויפגעהערט די אידישע מלוכה און זיי האָבען ניט אינגאַנצען צוריקגעקראָגען דאָס לאַנד. זיי זיינען אונטערוואָרפען געוואָרען אונטער אַנדערע פעלקער און צום סוף געפאַלען דורך די רוימער. דער לעצטער שפּור פון זייער מאַכט איז פאַרשוואונדען אין דעם יאָהר 73 נ. ק.

איז אָבער דאָס אידישע פאָלק אויף אייביג פאַרוואָרפען? ניין. באַמערק די באַהויפּטונג, וואָס גאָט האָט געמאַכט צו יחזקאל'ן: „וויסט, פאַרוויסט און רואינירט וועל איך איהר מאַכען, אָבער דאָס וועט אויך נאָר דאַן געשעהן, ווען עס וועט קומען יענער, וואָס איז באַרעכטיגט צו אורטיילען — איהם וועל איך עס איבערגעבען". (יחזקאל כ"א: 32). דער פאַקט אַליין, וואָס גאָט האָט אויסגעשפּראָכען, אַז ער וועט עס וויסט

מאכען ביז א געוויסער צייט, איז א באווייז, אז עס איז גאט'ס צוועק ווידער אויפצוריכטען ישראל אויף געוויסע באדינגונגען. אבער ווען? דער ענטפער איז, מיט דעם קומען פון משיח, צו וועמען פעלקער וועלען זיך איינזאמלען, ווי עס איז פאר־שפראכען אין בראשית מ"ט : 10. דער, פון וועמען משה איז א פאר־בילד געוועזן, וועט קומען צו זיינע אייגענע. (דברים י"ח : 15־18). „און אין יענער צייט וועט אויפשטעהן מיכאל (משיח), דער גרויסער פירשט, וואס שטעהט פאר די קינדער פון זיין פאלק". (דניאל י"ב : 1). דאס וועט באצייכענען די צייט, ווען גאט'ס גנאד קאן ערוואַרטעט ווערען אומצוקעהרען זיך צו ישראל.

וואס קאן צוריקברענגען ישראל צו גאט'ס חסד? בלויז דער גלויבען אין גאט און אין זיין ווארט. מיר האבען אויך פארשטאנען די אורזאך פאר זייער ניט גלויבען, ווייל דער שטן, זייער שונא דער גאט פון דער וועלט האט זיי פארבלענדט און זיי פארשפארט דעם וועג צו גאט'ס גרויסע ווארהייטען, אבער פינסטערניש וועט ניט אייביג דויערען; און ווען דאס וועט באזייטיגט ווערען וועט משיח קומען און קיין שום אפשטא־מער פון יהודה וועט זיך ניט שטעלען געגען דעם ווילען פון גאט און בית־יהודה וועט דערלייזט ווערען.

די לאנגע מלחמה צייטען

קאפיטעל 6.

געפאנגענע אין דעם לאנד פון דעם שונא, האבען די אידען געזוכט טרייסט ביי די ברעגען פון טייך. דארטען, ווייט אוועק פון די מלחמות און דעם גערויש פון קיימען און געווער, זיינען זיי געזעסען אין טרויער און באטראכט זייערע גרויסע צרות. די סביבה איז געווען אן אנדערע ווי אין דער היים. אין בבל זיינען זיי געווען אהן פיהרער, אהן קרבנות, אהן ימים טובים און אויך אהן גאט'ס גנאד. די לאנגע קריגס-פיהרונג האט זיך ערשט אנגעהויבען. ווי לאנג דאס וועט געדויערען האבען זיי ניט געוואוסט. זיי פלעגען זיך דערמאהנען אן די ברכות, וואס זיי האבען געהאט אונטער יהוה'ן. אלץ איז פאר זיי איצט געווען שווארץ און פינסטער. א גרויסער טרויער איז זיי באפאלען, און זיי האבען אנגעהויבען צו וויינען.

צווישען די געפאנגענע זיינען געווען א סך געשוהלטע און פלינקע מויזקאנטען. זייער ליד איז געווען געוואוינט צו באוועגען זיך פריי, און זייער געשיקטע רעכטע האנט פלעגט שוועבען איבער דער הארף. קיין שום פאלק האט ניט געקאנט אזוי זינגען און שפילען ווי די אידען, ווייל זיי זיינען געווען גאט'ס פאלק. זיי האבען דאך געהאט עטוואס אין זייער געדאנק און אין זייער הארץ צו לויבען. גאט יהוה האט זיי צוגעפאסט צו זינגען לידער פון פרייד. קיינער קאן ניט שפילען אזוי גוט, ווי די וואס באזיצען גאט'ס גייסט.

דוד איז געווען א געשיקטער שפילער אויף דער הארף. זיינע אפשטאמער זיינען געווען איצט צווישען די געפאנגענע. די לויים האבען אויך ניט געפעהלט. די בבל'ישע קריגסלייט האבען געוואוסט, אז מוזיק באגלייט פון די אידישע זינגער וועט פארשאפען זייערע אייגנוואוינער א סך פארגעניגען. די,

וואס האבען זיי אין געפאנגענשאפט געהאלטען, האבען פארלאנגט פון זיי געזאנג און ניט קיין געוויין. נאר די אידישע נשמה האט געקאנט ארויסברענגען טענער פון הייליגער שמחה, וועלכע די בבלים האבען אפט געהערט, ווען זיי האבען געלאגערט ארום ירושלים.

עס איז אוממעגליך געווען פאר די אידען צו באפרידיגען זייער פארלאנג, האבען זיי טרויעריג אויפגעהאנגען זייערע הארפען אויף די ווערבעס ביי די טייכען, צוהערענדיג זיך צו די קלאגעדיגע כוואליעס פון שטראם, וואס איז געווען ענליך צום טרויער פון זייער הארץ. ביטערע טרערען האבען געפלאסען פון זייערע אויגען.

„ביי די טייכען פון בבל זיינען מיר געזעסען און מיר האבען געוויינט, דערמאהנענדיג זיך אן ציון. אויף די ווערבעס אין זייער מיט האבען מיר אויפגעהאנגען אונזערע הארפען. ווייל דארטען האבען די, וואס האבען אונז אין געפאנגענשאפט אוועקגעפיהרט, געפאדערט פון אונז לידער; און די, וואס האבען אונז פארוויסט, האבען געפאדערט פון אונז פרייד, זאגענדיג, זינגט צו אונז די לידער פון ציון.” (תהלים קל”ז : 1-4).

די דאזיגע נבואה באווייזט אונז, אז עס האט זיך נאך ניט אויסגעלאשען דער גייסט פון ישראל, אפילו ווען עס האבען געפלאקערט אין דער נשמה שוואכע פלאמען פון האפענונג און א שטאנדהאפטיגקייט צו בלייבען געטריי צו זייער געבורטסלאנד. דער דיכטער זעצט פאר: „אויב איך וועל דיך פארגעסען, א ירושלים, זאל מיין רעכטע האנט פארגעסען ווערען. זאל מיין צונג געלעמט ווערען צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך ניט געדענקען; אויב איך באגער ניט ירושלים מעהר ווי מיין וויכטיגסטער פרייד.” (תהלים קל”ז : 5-6). פאר די אידען איז זייער געבורטס־לאנד געווען דאס טייערסטע אויף דער ערד, און זיי האבען באשלאסען צו בלייבען עס אייביג געטריי.

דוד המלך זאגט אין זיין תפילה: „א האר! געדענק די קינדער פון אדום אין טאג פון ירושלים, וואס האבען געזאגט, פארוויסט עס, פארוויסט עס, אפילו ביז צו דעם גרונד.” אדום איז אויך א טייל פון שטנ׳ס איינריכטונג. דורך דער פאלשער אמונה פון אדום האבען די אידען זיך אפגעקערט פון דרך

הישר. זיי האָבען גערופען צו גאָט, אַז ער זאָל באַצאָהלען בבל, ווי זי האָט באַלוינט ישראל:

„אָ טאָכטער פון בבל, וואָס וועט פאַרניכטעט ווערען; געבענשט וועט זיין דער, וואָס וועט דיר באַצאָהלען ווי דו האָסט אונז געדינט. געבענשט וועט זיין דער, וואָס וועט נעהמען און וואַרפען דיינע קליינע קינדער אויף די שטיינער". (תהלים קל"ז: 8-9).

ירמיה זאָגט אין זיינע קלאָג־לידער וועגען ישראל אין גלות:

„ירושלים האָט שטאַרק געזינדיגט, דערפאַר איז זי פאַרוואָגעלט געוואָרען; אַלע וואָס האָבען זי אין כבוד געהאַלטען, פאַראַכטען איהר, ווייל זיי האָבען געזעהן איהר נאַקעטקייט; זי טוט אויך זיפצען און זי האָט הינטער זיך געקעהרט. איהר אומריינקייט איז אין איהר זוים, זי האָט ניט געדאַכט אָן איהר סוף. דערפאַר האָט זי וואונדערליך אַראָפּגענידערט. זי האָט ניט קיין טרייסטער; זעה דאָך צו, אָ האַר, מיין פּיין, ווייל דער שונא האָט זיך גרויס געמאַכט. דער פיינד האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט איבער אַלע איהרע לוסטבאַרקייטען, וואָרים זי האָט געזעהן, אַז געצענדינער זיינען אַריינגעקומען אין בית־המקדש, וועמען דו האָסט געבאָטען, אַז זיי זאָלען ניט אַריינטרעטען אין דיין קהלה... דער האַר האָט צעטראָטען אַלע מיינע שטאַרקע לייט צווישען מיר, ער האָט גערופען געגען מיר אַ פאַרזאַמלונג, כדי צו צוברעכען מיינע יונגע לייט; דער האַר האָט צעטראָטען די יונגפרוי, די טאָכטער פון יהודה, ווי אין אַ וויינקעלער.

„וועגען דעם אַלעם וויין איך: מיינע אויגען, מיינע אויגען רינען אַראָפּ מיט וואַסער, ווייל דער טרייסטער, וואָס האָט געזאָלט מיין זעעל דערקוויקען, האָט זיך פון מיר דערוויטערט; מיינע קינדער זיינען פאַרוויסט געוואָרען, ווייל דער פיינד האָט זיך געשטאַרקט. ציון שפּרייט אוים איהרע הענט, און עס איז קיינער ניטאָ איהר צו טרייסטען: דער האַר האָט געבאָטען וועגען יעקב'ן, אַז זיינע באַדריקער זאָלען איהם אַרומרינגלען: ירושלים איז געוועזען צווישען זיי ווי אַ ווייב אין נדה. דער האַר איז גערעכט; ווייל איך האָב מורד געווען געגען זיין באַפעהל: הערט, איך בעט אייך, אַלע פעלקער, און זעהט מיין טרויער: מיינע יונגפרויען און מיינע יונגע לייט זיינען אַוועק אין דער געפאַנגענשאַפט" (איכה א': 8-10, 15-18).

די צייטען פון די גוים.

גאָט האָט באַשטעטיגט זיין פאָלק דורכ'ן זאָמען פון יהודה, די אידען זיינען געווען זיין פאָלק. אַלע אַנדערע פעלקער זיינען

געווען געצענדינער און מען האט זיי גערופען גוים, און דער שטן איז געווען זייער גאט. ווען די אידען זיינען אין געפאנג־שאפט אוועקגעפיהרט געווארען נאך צדקיהו׳ס פאלען, האט אויפגעהערט גאט׳ס מלוכה און „די צייט פון די גוים" און די גוי׳אישע מלוכה האט זיך אנגעפאנגען. די ערשטע וועלט־הערשאפט איז באשטעטיגט געווארען דורך נבוכדנאצר׳ן, מלך בבל, אלס איהר זעהבארער הויפט, און מיט דעם שטן אליין אלס דעם אמת׳ען הויפט. דאמאלסט איז דער שטן געווארען דער גאט פון דער גאנצער וועלט. גאט יהוה האט זיך ניט אריינגעמישט אין שטנ׳ס מלוכה. זיבעציג יאהר נאך דעם אנהויב פון די גוי׳אישע צייטען האט א רעשטעל פון אידישען פאלק זיך צוריקגעקעהרט קיין פאלעסטינע. אבער דאס רעשטעל האט שוין מעהר ניט דערגרייכט איהר פריהערדיגע גרויסקייט, כבוד און גבורה. אידען זיינען געווארען אונטערוואָרפען צו גוי׳אישע מלוכות, פריהער צו די בבלים, פערסער, גריכען און שפעטער צו די רוימער.

גאט האט אין זעהונג אנטפלעקט פאר זיין נביא דניאל די דאזיגע וועלט־מאכטען, וואס זיינען באשטאנען פון דריי רעגירונגס־עלעמענטען: פאליטישע, קאמערציעלע און רעליגיעזע. יעדער פון די דאזיגע עלעמענטען איז געווען פארדארבען אונטער דעם שטנ׳ס לייטונג און אונטער דער אייגענשאפט ווי פון ווילדע חיות. (דניאל ז׳: 2-8).

אין דעם יאהר 69 נ. ק. זיינען די רוימער אנגעפאלען אויף די אידען אין פאלעסטינע און אין דעם 15טען ניסן (73 נ. ק.) איז די לעצטע פעסטונג פון ארץ־ישראל געפאלען. טויזענדער אידען זיינען גע׳שחט׳ען געווארען און די, וואס זיינען געבליבען לעבען, זיינען צעשטרייט געווארען איבער דער גאנצער וועלט. מען האט זיי פארפאלגט און זיי האבען געליטען שרעקליכע מאטערנישען דורך פילע יאהרהונדערטער. דער גרעסטער טייל אידען האט אויסגעוואנדערט קיין דייטשלאנד, פוילען, רומעניען און רוסלאנד. זייערע יסורים קאן מען מיט מענשליכע ווערטער ניט אויסדריקען. אבער די געשיכטע האט פארצייכענט, אז זייערע גרעסטע פארפאלגער

זיינען געווען די זאַגענאַנטע קריסטען. צוליב די בייזע ווענדונגען פון די זאַגענאַנטע קריסטען איז קריסטענטום געוואָרען א שאַנד־פלעק אויף א סך פעלקער. דאָס איז אויך א רעזולטאַט פון דעם פאַרפיהרערישען איינפלוס פון דעם שטן. אין די אויבענדערמאָהנטע לענדער האָט א איד ניט געהאַט דאָס רעכט צו באַזיצען אומבאַוועגבאַרע אייגענטום, האָבען וואָהל־רעכט; אין פילע ערטער זיינען זיי געווען אויסגעשלאָסען אינגאַנצען פון האַנדעל. מען פלעגט ביי זיי צונעהמען זייער אייגענטום, די הייזער צערשטערען און טרייבען זיי פון אָרט צו אָרט. זייערע שונאים פלעגען זיי נאָכיאָגען ווי ווילדע חיות. די פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד, רומעניע און אין אַנדערע טיילען פון אייראָפּע האָבען דערגרייכט די העכסטע שטופע אין די לעצטע 50 יאָהר.

פאַר דעם אידען איז די צייט געווען א לאַנגע פינסטערע נאַכט און א בלוטיגע קריגס־צייט. דאָך האָבען זיי זיך געהאַלטען צוזאַמען אין דער צייט פון די רדיפות. ניט קוקענדיג אויף די גרויסע יסורים, האָבען זיי אַרויסגעגעבען פון זיך די גרעסטע אַדוואָקאַטען, שטאַאַטס־לייט, די שאַרפסטע פינאַנסיסטען, פּאָעטען און פילאָסאָפען. אָבער די, וואָס האָבען געהאַט מאַטעריעלען ערפאָלג, האָבען געהאַט ווענינ גלויבען אין גאָט. צווישען די אָרימע קאָן מען געפינען די, וואָס באַזיצען דעם גרעסטען גלויבען און געטריישאַפט אין די הבטחות, וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אברהמ׳ען, יצחק׳ן, יעקב׳ן און די נביאים.

פאַרוואָס האָבען זיי געליטען?

עס וואָלט צוגענומען צופיל פּלאַץ צו דערצעהלען דאָ די צרות און פאַרפאָלגונגען, וואָס די אידען האָבען אַריבערגעטראָגען. די וויכטיגע פראַגע שווימט דאָ אויף: פאַרוואָס האָט גאָט ערלויבט די פאַרפאָלגונגען? די נביאות פון גאָט׳ס נביא ירמיה גיט אונז דעם ענטפער. זאָגענדיג נביאות אין ירושלים, ווענען די פעלקער און די איינוואוינער פון שטאָדט און לאַנד, האָט ער געזאָגט:

„דען אזוי האָט געזאָגט דער אייביגער פון ישראל, איך מאַך פאַרשטערען פון דעם דאָזיגען אָרט פאַר אייערע אויגען

און אין אייערע טעג, די שטימע פון פרעהליכקייט און די שטימע פון פרייד, די שטימע פון חתן און די שטימע פון כלה. און עס וועט זיין, ווען דו וועסט אנזאגען דעם דאזיגען פאלק אט־די אלע ווערטער, און זיי וועלען צו דיר זאגען, פארוואס האט ער דאס גערעדט וועגען אונז אלע די דאזיגע שלעכטס? און וואס איז אונזער זינד און וואס איז אונזער פעהלער, וואס מיר האבען געזינדיגט צום אייביגען, אונזער גאט? זאלסטו זיי זאגען, ווייל אייערע עלטערען האבען מיך פארלאזען, זאגט גאט, און זיי זיינען געגאנגען נאך פרעמדע געטער און האבען געדינט צו זיי און געבוקט זיך צו זיי, און מיך האבען זיי פארלאזען און מיין לעהרע האבען זיי ניט געהיט. און איהר האט נאך ערגער געטאן פון אייערע עלטערען, און איהר געהט יעטווידערער נאך דעם אויסקוק פון זיין שלעכט הארץ, כדי מיך ניט צו פאלגען. און איך וועל אייך פארווארפען פון דעם דאזיגען לאנד אין א לאנד, וואס ניט איהר און ניט אייערע עלטערען האבען גע־קאנט, און דארט וועט איהר (שוין מוזען) דינען פרעמדע געטער טאג און נאכט, ווייל איך וועל זיך אויף אייך ניט דערבארעמען.״ (ירמיה ט״ז: 9־13).

דאס זיינען די באווייזען, אז די גרעסטע יסורים זיינען געקומען אויף די אידען דערפאר, ווייל זיי האבען פארלאזען יהוה און האבען נאכגעגעבען שטנ׳ען און דער עבודה זרה.

אן אנדער וויכטיגע פראגע שווימט ארויף: וועט ווען עס אין נעהמען א סוף צו דעם פארוואורף געגען די אידען, אז זיי האבען פארלארען זייער אמונה, און וועט גאט׳ס גנאד זיך אומקעהרען אויף זיי? ווייל זיי האבען ניט געהאט גלויבען, האט זיי גאט געלאזען אזוי פיל ליידען. עס זיינען שטענדיג געווען אידען, אפילו דורך דער לאנגער מלחמה, וואס האבען געגלויבט אין גאט. אין משך פון א סך יאהרען פלעגען אידען זיך צוזאמענקומען ביי דער כותל מערבי אין ירושלים און רופען צו גאט, אז ער זאל מיטלייד האבען מיט זיי. לאנג ווארטען זיי אויף גאט׳ס חסד, אז זייערע תפילות זאלען געהערט ווערען. רעדענדיג דורך זיין נביא, פארזיכערט גאט, אז אין א געוויסען טאג וועלען זיך ענדיגען זייערע צרות און זיי וועלען זיך צוריק־קעהרען אין זייער אייגען לאנד און געניסען צום סוף די ברכות פון גאט׳ס האנט.

דער נביא האט געזאגט:

״דארום זעה, עס וועלען קומען טעג, זאגט גאט, וואס מען

וועט מעהר ניט זאָגען זאָ וואהר ווי גאָט לעבט, וועלכער האָט די קינדער ישראל ארויסגעפיהרט פונ׳ם לאַנד מצרים ; זאָנדערן זאָ וואהר ווי גאָט לעבט, וועלכער האָט אַרויסגעפיהרט די קינ־דער ישראל פון לאַנד פון צפון־זייט און פון אַלע לענדער וואו ער האָט זיי פאַרשטויסען, און איך וועל זיי צוריקברענגען אויף זייער לאַנד, וואָס איך האָב געגעבען צו זייערע עלטערען. איך שיק אַ סך פישער, זאָגט גאָט, און זיי וועלען זיי פישען און נאָכדעם וועל איך שיקען פילע יעגער און זיי וועלען זיי אַראָפּ־יאָגען פון יעדען באַרג און פון יעדען הויכען באַרג און פון די פעלזען־שפּאַלטען. ווייל מיינע אויגען גיבען אכטונג אויף אַלע זייערע וועגען, זיי זיינען ניט פאַרבאָרגען פון מיר, זייערע זינד זיינען ניט באַהאַלטען פון מיינע אויגען, און איך וועל, צוערשט באַצאָהלען זייערע טאָפּעלטע זינד און שולד, ווייל זיי האָבען פאַרשוועכט מיין לאַנד, אָנגעפילט מיין אייגענטום מיט דער שמוץ פון זייער אומווירדיגקייט און אָפּשייליכקייט.״ (ירמיה ט״ז : 14-18).

לויט דער נבואה, וועלען פישער פאַנגען די אידען, איידער זייער צוריקקעהר קיין ארץ־ישראל און יעגער וועלען זיי נאָכ־יאָגען. אויך דער טייל פון דער נבואה איז דערפילט געוואָרען. די קריסטליכע רעליגיעס, ניט וויסענדיג גאָט׳ס צוועק בנוגע די אידען, האָבען פאַרזוכט זיי צו באַקעהרען, אַז זיי זאָלען ווערען מיטגלידער פון פאַרשידענע קריסטליכע סיסטעמען. זיי זיינען באַגאַנגען אַ גרויסען טעות, ווייל עס איז ניט געווען גאָט׳ס צוועק, אַז די אידען זאָלען זיך פאַראייניגען מיט די סיסטעמען. אַן אמת׳ער קריסט, וואָס פאַרשטעהט דעם תנ״ך, וויל קיינעם ניט באַקעהרען צום שמד.

נאָכדעם האָבען די יעגער נאָכגעיאָגט די אידען אין אַלע לענדער, וואו מען האָט זיי פאַריאָגט. דער גרעסטער טייל אידען האָט זיך באַזעצט אין רוסלאַנד, וואָס ווערט דערמאָהנט פון דעם נביא, אַלס דאָס „צפון־לאַנד״. אין רוסלאַנד זיינען פאָרגעקומען די גרעסטע רדיפות און פּאָגראָמען. די דאָזיגע רדיפות האָבען געמאַכט אַזאַ רושם אויף די אידען, אַז זייער באַגעהר צו לעבען אין ארץ־ישראל בשלום איז מעהר געוואַקסען. דער פאַקט, אַז גאָט האָט זיי פאַרשפּראָכען ברענגען צוריק אהיים, איז אַ באַווייז, אַז זייער שטרייט וועט זיך ענדיגען אין אַ געוויסער צייט. די הבטחות וועלען מקוים ווערען און ישראל

וועט זיך צוריקקעהרען קיין ארץ־ישראל, ווי איניגע נביאות ווייזען פאראויס דעם סוף פון דעם שטרייט.

די הבטחות, וואס גאט האט צוגעזאגט אברהמ'ען, אז ער וועט איהם און זיין זאמען אפגעבען פאלעסטינע פאר אן אייביגע ירושה, איז א גענוגענדער באווייז, אז אין א געוויסער צייט וועט דאס פאלק ישראל צוזאמען געזאמעלט ווערען און וועט באזיצען דאס לאנד. (בראשית י"ז : 8).

„און גאט'ס ווארט איז געוועזן צו מיר אזוי צו זאגען : אזוי האט דער אייביגער גאט פון ישראל געזאגט, אזוי ווי די גוטע פייגען אזוי וועל איך אנערקענען די פארטריבענע פון יהודה, וועלכע איך האב ארויסגעשיקט פון דעם דאזיגען ארט נאך כשדים צום גוטען. און איך וועל ווענדען מיין אויג אויף זיי צום גוטען און איך וועל זיי צוריקקעהרען צו דעם דאזיגען לאנד און וועל זיי אויפבויען און ניט מעהר צושטערען, און וועל זיי איינפלאנצען און ניט מעהר אויסרייסען. און איך וועל זיי געבען א הארץ, זיי זאלען מיך וויסען, אז איך בין גאט און זיי וועלען זיין צו מיר א פאלק און איך וועל זיין זייער גאט, ווייל זיי וועלען זיך צוריקקעהרען צו מיר מיט זייער גאנצען הארצען." (ירמיה כ"ד : 4־7).

„זעה, איך וועל זיי צונויפזאמלען פון אלע לענדער, וואוהין איך האב זיי פארשטויסען אין מיין צארן און מיין גרימצארן און גרויסען צארן, און איך וועל זיי צוריקקעהרען צו דעם דאזיגען ארט און וועל זיי מאכען וואוינען אין זיכערקייט. און זיי וועלען מיין פאלק זיין און איך וועל זייער גאט זיין. און איך וועל זיי געבען איין הארץ און איין וועג, מיך צו פירכטען אלע צייט, עס זאל זיי זיין גוט און זייערע קינדער נאך זיי. און איך וועל מיט זיי שליסען אן אייביגען בונד, אז איך זאל מיך ניט אפקעהרען פון זיי פון גוטס טאן צו זיי, און מיין פורכט וועל איך אריינגעבען אין זיין הארץ זיי זאלען זיך ניט אפקעהרען פון מיר. און איך וועל מיך פרעהען איבער זיי, זיי גוטס טאן, און איך וועל זיי פארפלאנצען אין אט־דעם לאנד מיט ווארהייט מיט מיין גאנצען הארצען און מיט מיין גאנצער זעעל. ווייל אזוי האט גאט געזאגט : ווי איך האב געבראכט אויף דעם דאזיגען פאלק דעם גאנצען גרויסען אומגליק, אזוי וועל איך ברענגען אויף זיי אלדאס גוטס, וואס איך האב גערעדט וועגען זיי. און דאס פעלד וועט געקויפט ווערען אין דיזען לאנד, וואס איהר זאגט, אז זי איז א וויסטע, אהן מענשען און פיה, זי איז אוועקגעגעבען געווארען אין די הענט פון די כשדים. פעלדער וועט מען קויפען פאר געלט און שרייבען

בריף און פאַרזיגלען און באַשטעטיגען מיט עדות אין דעם לאַנד בנימין און אין די געגענטען פון ירושלים און אין די שטעדט פון יהודה, און אין די שטעדט פון בארג, און אין די שטעדט פון טאַל, און אין די שטעדט פון דרום-זייט, ווייל איך וועל צוריקקעהרען זייער געפאַנגשאַפט, זאָגט גאָט.״ (ירמיה ל״ב, 37-44).

„דערפאַר זאָג (צו זיי): אזוי האָט געזאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער — אפילו ווען איך האָב זיי ווייט פאַרוואָרפען און פאַרשפּרייט זיי אין די פאַרשידענע לענדער, וועל איך צו זיי זיין אַלס אַ קליין הייליגטום אין די לענדער, וואו זיי זיינען געקומען. דערפאַר זאָג (זיי): אזוי האָט געזאָגט דער אַלמעכטיגער גאָט: איך וועל אייך צונויפקלייבען פון די פעלקער און צוזאַמענקלייבען אייך פון די לענדער, אין וועלכע איהר זייט צושפּרייט; איך וועל אייך צוריקגעבען דאָס לאַנד פון ישראל.״ (יחזקאל י״א, 16, 17).

„איך, אייביגער, וועל אייער גאָט זיין, און מיין קנעכט דוד וועט זייער פירשט זיין; איך, גאָט, האָב דאָס גערעדט. איך וועל מיט זיי שליסען אַ פריידליכען בונד און וועל אויסראָטען שלעכטע חיות פון לאַנד, דאַן וועלען זיי וואוינען זיכער אינ׳ם מדבר און שלאָפען רוהיג אין די וועלדער. איך וועל מיין ברכה געבען צו זיי און רונד ארום מיין בארג, איך וועל לאָזען געהן רעגען אין דער צייט, אז עס זאָל זיין רעגענס פול ברכה. דער פעלד־בוים וועט פרוכט געבען און די ערד וועט איהרע געוויקסע ארויסגעבען, כדי זיי זאָלען זיין זיכער אין זייער לאַנד; דאַן וועלען זיי אנערקענען, אז איך בין גאָט, ווען איך וועל צוברעכען די שטאַנגען פון זייער יאָך און וועל זיי רעטען פון די הענט פון די, וואָס ארבייטען מיט זיי. זיי וועלען מעהר ניט זיין צו שאַנד אונטער די פעלקער, אויך די חיות פון לאַנד וועלען זיי ניט פאַרצערען; זיי וועלען וואוינען רוהיג און קיינער וועט זיי ניט באַאומרוהיגען. איך וועל זיי אוועקשטעלען אַלס אויסגעצייכענטע פלאַנצונג, עס וועלען מעהר ניט זיין אינ׳ם לאַנד פון הונגער אומגעקומענע און זיי וועלען מעהר ניט טראָגען שאַנדע פאַר די פעלקער.

„זיי וועלען פיהלען, אז איך, אייביגער, זייער גאָט, בין מיט זיי, און זיי, דאָס פאָלק ישראל, זיינען מיין פאָלק — זאָגט גאָט דער אַלמעכטיגער. און איהר מענשען זייט מיינע שעפּסען, מיינע געפיטערטע שעפּסען זייט איהר, איך בין אייער גאָט — זאָגט דער אַלמעכטיגער.״ (יחזקאל ל״ד, 24-30).

„מיך האָט נאָר פאַרדראָסען מיין הייליגער נאָמען, וועלכען דאָס הויז ישראל האָט פאַרשוועכט צווישען די פעלקער,

וואוהין זיי זיינען געקומען. דערפאר זאג צום הויז ישראל: אזוי זאגט גאט דער אלמעכטיגער — ניט צוליב אייך, הויז פון ישראל, טו איך דאס, נאר צוליב מיין הייליגען נאמען, וועלכען איהר האט פארשוועכט צווישען די פעלקער, וואוהין איהר זייט געקומען. איך וועל היילינ האלטען מיין גרויסען נאמען, וועלכער איז פארשוועכט געווארען צווישען די פעלקער, ווייל איהר האט איהם פארשוועכט צווישען זיי; דאמאלסט וועלען די פעלקער אנערקענען, אז איך בין גאט — זאגט גאט דער אלמעכטיגער — ווען איך וועל דורך אייך געהייליגט ווערען פאר זייערע אויגען. איך וועל אייך צוזאמענעהמען פון די פעלקער און פארזאמלען אייך פון אלע לענדער און צוריקברענגען אייך אויף אייער לאנד.״ (יחזקאל ל״ו, 24-21).

די הבטחות בנוגע ישראל, וואס פארזיכערען, אז ישראל וועט ווידער צונויפגעזאמעלט ווערען און וועט מעהר ניט ווערען אפגעריסען, קענען זיך ניט באציהען אויף דער צונויפזאמלונג פון די אידען פון גלות בבל, ווייל נאך זייער צוריקקער זיינען זיי ווידער אפגעריסען געווארען און זינט דאמאלסט האבען זיי געליטען אין דער לאנגער נאכט פון שטרייט. די פון צייט צו צייט געגעבענע פארשפרעכונגען, אז דער האר וועט זיי צוריק צונויפזאמלען און זיי בענשען אינ׳ם לאנד, און האלטענדיג זיי דארטען, בענשען זיי אויף אייביג, זיינען באווייזען, אז די צוזאגען מוזען דערפילט ווערען נאך דער צוזייהונג פאראורזאכט דורך די רוימער אין יאהר 73 נ. ק. די צייט פון דערפילונג איז נאהענט.

סוף פון דער מלחמה

קאפיטעל 7.

„זיי געטרייסט, זיי געטרייסט, מיין פאלק, זאגט אייער גאט. רעדט צו דעם הארץ פון ירושלים און רופט אויס צו איהר, אז איהר באשטימטע צייט איז דערפילט געווארען, אז איהרע זינד זיינען פארגעבען, ווארים זי האט גענומען פון גאט'ס האנט טאפעלט פאר אלע זינד." (ישעיה מ': 1, 2).

לאזען זיך פרעהען די, וואס לייענען די נביאות. די דער־פיהלונגס־צייט איז נאהענט. אין א שפעטערען קאפיטעל וועלען מיר באטראכטען „ישראל'ס כפלים". דער צוועק פון דעם דאזיגען קאפיטעל איז צו באטראכטען די פאקטען, וועלכע צייגען די נביאים'ס דערפיהלונג, און ברענגען די ראיות, אז די צייט פון ישראל'ס טרייסט איז געקומען. זאלען ניט בלויז די אידע געטרייסט ווערען, אפילו די גוים זאלען זיך פרע־הען. אויב די פאקטען באווייזען, אז די צייט איז געקומען צוריקצוגיפצוזאמלען די אידען, ד. ה. די צייט פון זייער נחמה איז דא, דערמיט איז אויך געקומען די צייט פון דער ישועה אויף דער וועלט. דאס איז דער אנפאנג פונ'ם טאג, וואס ברענגט אלעמען ברכות. דערפאר איז דאס א צייט פון טרייסט, וואס פיהרט צו שמחה און לויב־געזאנגען.

דאס פון גאט געגעבענע געזעץ דורך משה'ן אנטהאלט א פונקט, וואס באשטימט די לענג פון ישראל'ס מלחמה־צייט. דאס איז געווען באשטעטיגט אין א סודות'דיגער שפראך. איצט קען מען פארשטעהן די דאזיגע ווערטער, ווייל די צייט איז נאהענט. אזוי ווי עס זיינען צוגעגרייט פילע ברכות, אויב די אידען פאלגען דעם ברית, אזוי זיינען אויך די קללות צוגעגרייט, אויב מען וועט דעם ברית ניט אויספאלגען.

„וועט איהר אבער מיך ניט הערען און ניט טאן אלע די דאזיגע באפעלען; אויב איהר וועט מיינע געזעצען פאר־

האסען און מיינע רעכט פאראכטען, כדי ניט צו טאן אלע מיי־נע באפעלען און צורייסען מיין פארבאנד — וועל איך אויך דאס טאן: איך וועל אויף אייך אנשיקען אומערווארטעט שווינדזוכט און פיבער, וואס פארדארבען די אויגען און פאר־שוואכען דעם קערפער, אייער זייהען וועט אומזיסט זיין, וואר־רים אייערע פיינט וועלען עס אויפעסען. איך וועל מיין צארן ליינען אויף אייך, און איהר וועט נעשלאגען ווערען פון אייערע פיינט. אייערע האסער וועלען איבער אייך הערשען, און איהר וועט לויפען, אפילו ווען קיינער וועט אייך ניט יאגען.״ (ויקרא כ״ו, 14-17).

פון צייט צו צייט האבען די אידען זיך אפגעקערט פון גאט, און ער האט זיי איבערגעגעבען צו זייערע שונאים. און ווען זיי פלעגען רופען צו גאט, פלעגט ער זיי ווידער מוחל זיין און גאט׳ס הסד פלעגט ווידער אויף זיי שיינען. מיר לייענען אין תהילים: „זיי האבען ניט פארטיליגט די פעלקער, זיי הא־בען זיך אויסגעמישט מיט די גוים און זיך געלערענט זייערע מעשים, דינענדיג זייערע אפגעטער, און זיי זיינען געווארען צו א שטרויכלונג, און זיי האבען מקריב געווען זייערע זיהן צו שדים״. (תהלים ק״ו: 34-37). דא איז קלאר באשטעטיגט, אז זיי זיינען פארפיהרט געווארען פון דעם שטן. ווייטער שטעהט אין תהלים: „פיל מאל האט ער זיי מציל געווען, אבער זיי האבען דאך מוריד געווען מיט זייער נאכדענקונג און זיי זיינען פארא־רימט געווארען דורך זייערע זינד. פונדעסטוועגען האט ער זיי געהערט אין זייער פייניגונג און האט זיי געדענקט אין זיין ברית און האט זיך בארענקט, לויט זיינע פילע חסדים.״ (תהילים ק״ו, 43-45).

אזוינאך האט גאט געגעבען געלעגענהייטען אויסצוגעפינען, אז געהארכזאמקייט צו איהם און צום ברית וועט זיי ברכות ברענגען; און אז אומגעהארכזאמקייט וועט זיי ברענגען דאגות און צרות: „און אויב איהר וועט פאר אלעם דעם אלץ ניט הארכען צו מיר, וועל איך אייך שטראפען זיבען־פאכיג פאר אייערע זינד.״ (ויקרא כ״ו, 18). פון די פסוקים קענען מיר פארשטעהן גאט׳ס פאראויסגעזאגטען צוועק, אז אויב ישראל וועט ניט לערנען דעם מוסר־השכל און וועט שטענדיג טאן שלעכטס, וועט ער זיי זיבענפאכיג שטראפען.

א חוץ די פריהערדיע שטראף צוליב זייער אומגעהארכזאמקייט צו גאט, האט דער אויבעשטער ארויסגעגעבען זיין גזר־דין, וואס איז סוף כל סוף אויסגעפיהרט געווארען (יחזקאל כ״א, 27-24). די צייט פון אויספיהרען דעם גזר־דין באצייכענט דעם אנפאנג פון „זיבענפאכיג״. גאט'ס גזר-דין איז אויסגעפיהרט געווארען אין צדקיהו'ס צייט, ישראל'ס לעצטען קעניג, וואס איז אוועקגעפיהרט געווארען אין געפאנגענשאפט קיין בבל מיט אנדערע איינוואוינער פון ארץ־ישראל. (דברי הימים ב' ל״ו, 21-11). נאכדעם האט ישראל מעהר ניט געהאט קיין קעניג פון דוד'ס שטאם. די מפלה פון דער מלוכה איז געוועז גענומען דאס רעכט פון ישראל'ן צו יעוועלטיגען, און ערלויבט די ערשטע אלגעמיינע גוי'אישע מלוכה, און גאט האט אוועקגענומען דאס רעכט, אז ישראל זאל געוועלטיגען, און ערלויבט די גוים צו נעהמען די מאכט אין די הענט אויף א פעריאד פון „זיבען צייטען״.

דניאל'ס נבואה בנוגע נבוכדנאצר'ן און די וועלט־מאכטען ווייזט אן דייטליך, אז די צייט פון די גוים וועט באשטעהן פון זיבען צייטען (דניאל ד', 16). די דאזיגע תקופה פון זיבען צייטען צייגט אן דעם פעריאד פון דעם אידענ'ס מלחמה־צייט, אין וועלכער זיי וועלען זיין אפגעזונדערט, געשטראפט און פארפאלגט אין אנדערע לענדער.

אויף אידיש „צייט״, לויט'ן אות, באדייט א יאהר. צוועלף חדשים צו דרייסיג טעג זיינען 360 טעג. אויב די צייט איז סימבאליש, מיינט עס, אז א טאג איז א יאהר. דערפאר מאכען אויס זיבען סימבאלישע צייטען 2,520 יאהר. גאט'ס סוד צו צעהלען די צייט סימבאליש אויפ'ן גרונט פון א טאג פאר א יאהר איז באשטעטיגט אין במדבר י״ד, 34-33 און אין יחזקאל ד', 6. פון דעם פאלגט, אז די „זיבען צייטען״ פון דער שטראף, וואס קומט אויף ישראל, באצייכענט איהר מלחמה־צייט, דערפאר מוז עס זיבען בוכשטעבליכע אדער זיבען סימבאלישע צייטען באצייכענען. דאך קענען מיר ניט די „זיבען צייטען״ בוכשטעבליך אננעהמען, ווייל ישראל איז געוועזען אין בבל ניט זיבען יאהר, נאר 70 יאהר, און אז די שטראף וועט

יאָהרהונדערטער דויערען. דערפאַר איז עס גאַנץ זיכער, אז די דאָזיגע „זיבען צייטען" זיינען סימבאָליש גע־מיינט. איין סימבאָלישע צייט באַצייכענט 360 יאָהר, זיבען סימבאָלישע צייטען מאכען אויס 2,520 יאָהר. די תקופה פון 2,520 יאָהר האָט זיך אָנגעפאַנגען אין 606 פ. ק. מיט צדקיהו'ס פאַלען און האָט זיך געענדיגט אין 1914 נ. ק.

נאָכפאָלגענדיג די אידישע צייטרעכענונג און האָבענדיג אין זינען יום־כפור, ווען מען האָט דעם פייערליכען שופר געבלאָ־זען, קומט אויס, אז די 2,520 יאָהר האָבען זיך געענדיגט ארום דעם 1טען אויגוסט, 1914. אויב דאָס דאָזיגע רעכענען איז ריכטיג, און עס דאַרף זיין ריכטיג, דאַן האָט עטוואָס געמוזט פאַסירען אין 1914, כדי צו באַצייכענען דעם סוף פון גאָט'ס חסד אויף די גוים און דעם אָנפאַנג פון גאָט'ס חסד צוריק־צוקערען זיך צו די אידען.

אין דעם ערשטען טאָג פון אויגוסט, 1914, האָבען די גוי'אישע פעלקער אָנגעפאַנגען די גרויסע מלחמה, ווי דער האר האָט פאָראויסגעזאָגט. אייניגע אידישע פיהרער, באַזונדערס דר. חיים וויצמאַן האָבען דאַמאָלסט געדרענגט די אידישע אינטערעסען בנוגע פאַלעסטינע. טערקיי האָט קאָנטראָלירט פאַלעסטינע. די ערשטע אויפגאַבע איז געווען אוועקצויאָגען טערקיי, איידער די אידען וואָלטען עטוואָס געקאָנט אויספיה־רען בנוגע ארץ־ישראל. אין דער צווייטער העלפט פון יאָהר 1917 האָבען די פאַראייניגטע ארמעען, אונטער דער פיה־רערשאַפט פון גענעראל אלענבי פון דער בריטישער ארמעע, פאַריאָגט די טערקען און איינגענומען די הייליגע שטאָדט.

ענגלאַנד איז פאַר אַ לאַנגע צייט געווען די גרעסטע וועלט־מאכט פון די גוים.

אַ קורצע צייט פאַר דעם האָט די ענגלישע רעגירונג, האַנדלענדיג דורך מר. באַלפור'ן, אָנגעוויזען איהר צוועק מיטצוהעלפען די אידען צוריק זיך איינצואָרדענען אין פאַ־לעסטינע. די באַלפור דעקלאַראַציע, וואָס איז איצט געוואָרען אַ היסטאָרישער דאָקומענט, איז פראָקלאַמירט געוואָרען דעם

2טען נאָוועמבער, 1917, ד. ה. ארום א מאָנאט צייט איידער די אַליאירטע ארמייען האָבען פארטריבען די טערקען.

הגם דאָס איז ניט געווען די ערשטע אָנשטרענגונג פון די אידען צו באזעצען דאָס לאַנד פאַלעסטינע און איהר אויפ־בויען, איז דאָס אָבער געווען די ערשטע אָפיציעלע אנערקענונג פון דער גרעסטער גוי'אישער וועלט־מאכט. פינקטליך אין דערדאָזיגער צייט, אין יאָהר 1914, ביים סוף פון די „זיבען צייטען", האָט די מלחמה אויסגעבראָכען, און דאָס גוטע וואָס האָט רעזולטירט פון דער מלחמה פאַר די אידען איז געווען די אנערקענונג פון די וועלט־מאכטען, אז די אידען האָבען דאָס רעכט זיך אומצוקערען קיין פאַלעסטינע און צו־ריק אויפבויען זייער לאַנד.

די פאראייניגטע שטאַטען און א סך אנדערע מלוכות זיי־נען מסכים געווען, אז ענגלאַנד זאָל ערלויבען די אידען זיך צו באזעצען אין פאַלעסטינע. אונטער דער השגחה פון ענג־לאַנד האָט די פעלקער־ליגע איבערגעגעבען ענגלאַנד דעם מאנ־דאַט איבער פאַלעסטינע. דעם 24טען יולי, 1922, איז דער מאנדאַט באַשטעטיגט געוואָרען.

א מערקווירדיגער אינצידענט האָט פאַסירט בנוגע דעם מאנדאַט אין יולי, 1922. מען האָט פארשטאַנען, אז אויב עס וועט אנטשטעהן א ווידערשטאַנד אין דעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע, וועט דער מאנדאַט ניט אנערקענט ווערען. לאָרד קורזאָן, ענגלאַנד'ס שליח, איז געווען געגען באַשטעטיגען דעם מאנדאַט און געגען דעם, אז די אידען זאָלען ווידער אויפ־לעבען פאַלעסטינע. קורץ פאַר דעם, איידער די צייט צו פאר־האנדלען די פראַגע כדי צו ענטשיידען אויב די אידען זאָלען צוריקקריגען ארץ־ישראל, איז לאָרד קורזאָן ערנסט קראַנק גע־וואָרען און אויף זיין אָרט האָט מען גלייך אוועקגעשיקט מר. באַלפור'ן, אלס זיין שטעלפארטרעטער. ביז דערדאָזיגער צייט זיינען די אידען געווען אביסעל ענטמוטיגט, אָבער ווען מר. באַלפור איז אוועקגעשיקט געוואָרען צו דער זיצונג פון דער פעלקער־ליגע, האָבען א סך אידען אויסגעשריען: „דאָס איז א נס פון גאָט". מר. באַלפור, פארשטעהט זיך, האָט גע־האָלפען, אז דער מאנדאַט זאָל באַשטעטיגט ווערען.

אין פריהלינג פון יאהר 1918, ווען די אידען האבען נע־פייערט דעם יום־טוב פסח, איז דר. חיים ווייצמאן מיט זיינע העלפער אוועקגעפאהרען קיין ירושלים מיט א פולמאכט פון ענגלאנד צו לייגען דעם פונדאמענט פאר א אידישען שטאט. די דאטעס וועלען ווידער ארויפשווימען ווען מען וועט באטראכטען די פראגע וועגען ישראל'ס „דאפעלט".

איינינע פאקטען זיינען באשטעטיגט דורך א באריכט, וואס איז ארויס אין יאהר 1925 פון דעם פאלעסטינער קרן־קימת:

דעם 2טען נאוועמבער, 1917, האט די בריטישע רעגירונג פראקלאמירט די באלפור דעקלאראציע בנוגע דער גרינדונג פון א אידישער היים אין פאלעסטינע.

דעם 24טען יולי, 1922, אין זשענעווע, איז דער מאנדאט פון פאלעסטינע באשטעטיגט געווארען דורך דעם ראט פון דער פעלקער־ליגע, און גרויס־בריטאניע איז באשטימט געווארען אלס דער מאנדאטאר פון דער פעלקער־ליגע פאר דער פארוואלטונג פון פאלעסטינע.

אין יוני, 1920, איז געגרינדעט געווארען דורך דער ציוניסטישער קאנפערענץ אין לאנדאן דער קרן היסוד, אלס אן אלגעמיינער אידישער פינאנציעלער אינסטרומענט צו באזעצען די אידען אין פאלעסטינע. דער קרן־היסוד איז רעגיסטרירט געווארען אין מערץ, 1921, אלס אן אקציע־געזעלשאפט אין לאנדאן און האט אנגעפאנגען איהר טעטיגקייט.

דער רעפארט, וועגען דעם וואס עס איז אויפגעטאן געווארען פון יאהר 1917 אן, באשטעטיגט, אז:

מען האט געגרינדעט ישובים פאר אקערבוי, מאדערנע פארשטעדט און נארטענשטעדט ווערען געבויט, לאנדשטרעקען געקויפט אלס אייגענטום פונ'ם אידישען פאלק. אידישע עמיגראציע ווערט רעגולירט און ערמוטיגט, מען ריכט איין מאדערנע געזונדהייט'ס־מיטלען, אויסגעברייטעטע ערציהונג־סיסטעם, העבראאיש וועט די נאציאנאלע שפראך, מען האט אנגעהויבען גרינדען א אידישע זעלבסט־פארוואלטונג. די עמיגראציע דערגרייכט די צאהל פון 30.000 נפשות. דאס פאלק איז גרייט צו אפפערען זייער לעבען פאר דעם אויפבוי פון פאלעסטינע. אבער די נויטינע מאטעריעלע הילף איז נאך ניטא אין א גענוגענדע מאס.

דעם 18טען אויגוסט, 1925, איז צונויפגערופען געווארען

דער פערצענטער ציוניסטישער קאָנגרעס יין ווין, עסטרייך. אונטער דער ליטונג פון דר. חיים ווייצמאַן. אויף דעם קאָנגרעס איז געמאכט געוואָרען די באשטעטיגונג, אז די אידישע באַפעלקערונג אין פאלעסטינע איז איצט 135,000 און אז די איינוואַנדערונג פאַרגרעסערט זיך פון 600 ביז 3,000 אידען א מאָנאַט.

חלוצים היטען די יונגע פיאָנערען, וואָס האָבען א באַדייטענדען טייל אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. א סך פון זיי זיינען הויכגעבילדעטע מענשען און זיינען איבערגעגעבען אלע שוועריגקייטען צוריק אויפצובויען דאָס לאַנד.

כמעט אין אלע לענדער פון אייראָפּא גרינדען זיך גרופּעס פון אידישע יונגעלייט און מיידלאך, וואָס פאָהרען טאָן פּיאָנערען ארבייט אין פאלעסטינע. זינט דעם יאָהר 1920 זיינען די עמיגראַנטען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין שמידען, מעכאַניקער, טישלער, מויערער, זייגערמאכער א. א. וו. די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט אויפגעבויט לאַגערען פאַר די עמיגראַנטען. נאָך זייער אָנקומען ווערען זיי רעגיסטרירט און עס ווערט פאַרשריבען צו וואָס יעדער איינער איז פאַסיג. מען שטרענגט זיך אָן צו קריגען פאַר יעדען איינעם ארבייט איידער זיי קומען נאָך אָן.

דער ערשטער רעגולערער צענזוס איז גענומען געוואָרען אין אָקטאָבער, 1922, לויט וועלכען 83,794 אידען האָבען דאָרטען געוואוינט. זינט דאַמאָלסט איז די צאָהל פון די איינוואוינער ביז צום הערבסט, 1925, געשטיגען ביז 135,000, כמעט צוויי אָדער דריי טויזענט מאָנאַטליך.

מען בויט אויס די וועגען סיסטעמאַטיש, מען האָט פאַר דעם יאָהר 1918 קוים געזעהן דאָרט אויטאָמאָבילען, צוליב דעם מאַנגעל אין וועגען. אָבער איצט קאָן מען שוין פאָהרען אין אויטאָמאָבילען פון דן ביז באר־שבע. די טעלעפאָן סיסטעם איז אויסגעשפּרייט דורכ'ן לאַנד און פאַרשידענע קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען איצט פאַרהאַן. די אידען האָבען אין א קורצע צייט דערהויבען די בוי־אינדוסטריע צו א הויכע שטופע. זיי האָבען געבויט מילען, אויל־פאַבריקען, זייף־פאַבריקען און מאַר־

נארין־פאבריקען, ווערקשטאטען פאר מעכאניקער אינזשענירען, טעפיכער, וועבערייען, הוט־פאבריקען און דרוקערייען.

אין סעפטעמבער, 1921, האט פנחס רוטענבערג געשלאסען א קאנטראקט אויפצובויען א דאם אין ירדן; אז מען זאל אויסגראבען א קאנאל אוועקצופיהרען דאס וואסער פון דער אזערע טיבעריוס, דעם ים פון גליל, צו א קראפט־הויז, וואס וועט אויפגעבויט ווערען; דורך רעהרען וועט מען דאס וואסער אריבערפיהרען פון אזא קאנאל צו דעם אויבענדערמאנטען קראפט־הויז; אז די וואסער־קראפט זאל באנוצט ווערען פון מאשינען, וואס וועט פראדוצירען עלעקטריציטעט, וואס זאל זיין גענוג פאר אלע קאמפאניעס, פאבריקען און מענשען, וואס וועלען זיך ווען דערמיט באנוצען; אז עס זאל איינגעארדענט ווערען נויטיגע קאבעלען און טראנסמיציע־ליניעס דורך וועלכע מען זאל אריבערפיהרען דעם עלעקטרישען שטראם. דער קאנטראקט באשטימט אויך ווי צו דאמען דאס וואסער אין דער אזערע טיבעריוס ביז א געוויסער אויבערפלאך. אויך ווי אפצוציהען דאס וואסער פון דעם טייך יארמוק און ווי אויפצוריכטען אלע נויטיגע ליניעס און די פארטיילונג־סיסטעמען. אין קורצען, דער קאנטראקט איז אויפצובויען א ריזיגע איריגאציע־סיסטעם צוליב וועלכע עס וועלען פרוכטבאר ווערען אלע טרוקענע שטיקער לאנד פון פאלעסטינע. נאך מעהר, יענע שטיקער לאנד פון פאלעסטינע, וועלכע זיינען אומאקערבאר געווען צוליב די בלאטעס, זיינען איצט אויסגעטריקענט געווארען, און דאס וואסער איז באנוצט געווארען פאר איריגאציע צוועקען.

אין פריהלינג פון יאהר 1925, האט זיך פארמירט א אידישע שיף־געזעלשאפט אין ניו יארק און האט אויפגעשטעלט א שיף־פארקעהר פון ניו יארק דירעקט נאך פאלעסטינע. די ערשטע רייזע איז געמאכט געווארען אויף דער שיף „פרעזידענט ארטהור”. זי האט פארלאזען דעם ניו יארקער האפען דעם 12טען מערץ, 1925. מען האט געשאצט, אז 125,000 ענטוזיאסטישע אידען האבען זיך צונויפגעזאמעלט ביים האפען און האבען מיט אויסגעשרייען געבענשט די, וואס זיינען געפאהרען אויף דער ערשטער רייזע. מען

האט פאר מיר געמאכט פארבארייטונגען אויף דער דאזיגער שיף און הגם איך בין שוין צוויי מאל געווען אין פאלעסטינע, האב איך מיט אומגעדולד זיך געגרייט ווידער צו באזוכען ארץ־ישראל, צו זעהן די גרויסע פארטשריטע, וואס זיינען געמאכט געווארען אין די לעצטע פאר יאהר. געוויסע אומשטענדען אבער האבען מיך צוריקגעהאלטען פון דער רייזע אויף דערדאזיגער שיף, האב איך געבעטען מר. מאקמילאנ'ען צו מאכען די רייזע אנשטאט מיר. איך וועל ציטירען איינינע שטעלען פון זיין רעפארט:

„דעם 31טען מערץ, 1925, האבען מיר געזעהן די שיף „פרעזידענט ארטהור" אין האפען. זי האט געטראגען מיט זיך 350 פאסאזשירען, כמעט אלע אידען. זיי האבען זיך צונויפגעזאמעלט אויף דעם דעק ווען מיר האבען געגעהנט צום אויסקוק אויף דעם הר הכרמל; זיי האבען זיך דערוואוסט, אז זיי קוקען אויף דעם בארג וואו אליהו הנביא האט גע'משפט די נביאים פון בעל און אז דאס דאזיגע איז געווען דאס לאנד פון זייערע אבות, יונג און אלט האבען געוויינט, געזונגען און געטאנצט."

דער אידישער אוניווערסיטעט ערעפענט.

דער ווינקעל־שטיין פון דעם אידישען אוניווערסיטעט איז געלייגט געווארען נאך אין דער מלחמה־צייט. זונטאג, דעם 1טען אפריל, 1925, איז דער אוניווערזיטעט ערעפענט געווארען. מר. מאקמילאן שרייבט אין זיין רעפארט:

די ערעפענונג פון דעם אידישען אוניווערסיטעט האט זיך אנגעפאנגען דריי אזייגער נאכמיטאג אויף דער מזרח־זייט פון הר־הצופים. 8000 מענשען האבען פארנומען זייערע רונד־פלעצער און א מעהרערע טויזענטער מענשען זיינען געשטאנען ארום. חשוב'ע מענשען זיינען געווען אויף דער פלאטפארם: לארד באלפור, סיר הערבערט סעמיועל, גענעראל אלענבי, דר. חיים ווייצמאן, דר. מאגנעס, קאלאנעל קיש, דר. רופין, דר. לעווין און אנדערע.

פון דער בימה, וואו די רעדנער האבען זייערע רעדעס געהאלטען, זעהט מען די כוואליעס פון ירדן דורך וועלכע יהושע האט אריבערגעפיהרט די קינדער פון ישראל אין דעם צוגעזאגטען לאנד. פון דעמזעלביגען פונקט האט מען געקאנט זעהן דעם שפיץ פון הר הצופים, וואו די רוימישע זיגער האבען זייער הויפט־קווארטיר געהאט, ווען זיי האבען צושטערט ירושלים. איינער פון די רעדנער האט באמערקט, אז עס איז אויפפאלענד דאס, וואס ביים אנפאנג פון דער אידישער נאציאנאלער ווידער־

אויפלעבונג זיינען זיי פארבונדען מיט די דאזיגע צוויי פונקטען און זיי האבען דא איינגעריכט א מיטעל־פונקט פאר א וויסענ־שאפטליכען אינסטיטוט, וואס וועט, ווי זיי האפען, האבען זיין איינפלוס איבער דער גאנצער וועלט.

מיר האבען באזוכט א נייע קאלאניע אין דילב, דאס איז א קאאפעראטיווע קאלאניע געגרינדעט פון אוקראינער אידען. די מילך־ווירטשאפט פון דער קאלאניע פארקויפט מילך אין ירושלים. איך האב גראד געזעהן ווי מען פלאנצט די בוימער דארטען און ווי מען ריכט אויף די טעראסען. ניט נאר טאנען און ציפערן זיינען דארט פאראן, נאר אפילו 50 פארשידענע סארטען פון וויינטרויבען צום עסען ווערען דארטען געפלאנצט.

מיר זיינען אויך געווען אין דער קאלאניע הולדה, וואו מען האט געפלאנצט אוילבוימער אויף הונדערטער אקערס און עס זיינען דארטען פאראן 50.000 פארשידענע מינים ביימער. אלערליי פארמען פארמעריי ווערט דארט איינגעריכטעט. מיר האבען אויך באזוכט ראשון לציון. די קאלאניע איז געגרינדעט געווארען פון באראן עדמונד דע ראטשילד, דאס איז א וואונדער־שעהנער פלאץ. דער ישוב האט א מאקאדאמיזירטען וועג צווי־שען דעם הויפט־וועג פון יפו קיין ירושלים. אויףביידע זייטען פון וועג ציען זיך שעהנע אויבסט־גערטנער, וויין־ און מאראנצען גערטנער, מיט שעהנע פאלמענבוימער אויף די וועגען. דא גע־פינען זיך די בעריהמטע וויין־קעלער פון ראשון לציון, זי ווערט פארעכענט פאר כמעט די גרעסטע פון דער וועלט. דא ווערען געמאכט יעדען יאהר 1,320,000 גאלאנען פארשידענע מינים וויין.

מיר האבען געריזט קיין תל אביב, איינע פון די מאדע־רנסטע אידישע קאלאניעס, וואס באשטעהט פון 25,000 איינ־וואוינער און איז פארבונדען מיט יפו. נאך דעם ווי מען בא־זוכט אין יפו די שמאלע שמוציגע גאסען, זיינען די גאסען פון תל־אביב ווי פון אן אמת'ער מאדערנער שטאדט פון דעם 20טען יאהר הונדערט. דא מאכט אויף אייך א טיפען רושם די ארבייט, וואס מען האט אויפגעטאן אין ארץ־ישראל. תל אביב איז גע־גרינדעט געווארען אין 1909 אויף א זאמדיגען באדען מיט 60 פאמיליעס פון אנפאנג. היינט בליהט זי, איהר הויפט־גאס, וואס הייסט אלענבי עוועניו, איז דער מיטעלפונקט פון האנדעל פון שטאדט, זי איז גענוג ברייט און באקוועם פאר דעם מאדער־נעם פארקער, זי איז געפלאסטערט, איהרע הייזער זיינען פון רויט־גרויע שטיינער אדער סטוקא, און א סך נייע הייזער ווערען געבויט.

איהרע הייזער זיינען פון ציגעל געבויט, וואס ווערט פאר־

פארטינט אין תל אביב. אייניגע גאסען זיינען געזוימט מיט פאלמענבוימער און זעהען אויס ווי די קאליפארניער שטעדט. עס איז אויך דא אן אקערבוי עקספערימענטאל־סטאנציע. עס זיינען דארטען פאראן די דעלפינער זיידען פאבריקען, די רוטענבערגישע קראפט־סטאנציעס, די סיליקא ציגעל ווערקשטאט, וואו מען מאכט די בעסטע ציגעל. פון די זאמד־דונען, וואס זיינען געווען א גרויס הינדערניש פאר די פריהערדיגע פיאנערען, ווערט איצט געזאמעלט דער מאטעריאל פאר שעהנע מאדערנע הייזער. תל־אביב האט אזא רושם געמאכט אויף די אראבער פון יפו, אז זיי ווינשען איצט צו פארבינדען יפו מיט תל־אביב מיט דער האפנונג, אז יפו וועט אויך אזוי בארייכערט ווערען.

איך האב אויך באזוכט די קאלאניע פתח תקוה, בלפוריה, נחלה און פילע אנדערע ישובים. נחלה איז געבויט געווארען אויף א זינקענדיגע בלאטע, וואס איז געווען א נעסט פון פיבער און מאלאריא. ווען די אידען האבען עס אפגעקויפט, האבען די אראבער געלאכט פון זיי, זאגענדיג, אז א פויגעל וואלט געטרונקען דערפון, וואלט ער אומגעקומען. אין 1921 האבען די אידען אנגעפאנגען צו קאנאליזירען דורך רעהרען, וואס זיי האבען געלעגט אונטער דער בלאטע. זיי האבען צונויפגעזאמעלט דאס וואסער אין א רעזערוואואר און האבען איינגעריכטעט א צעמענט טורעם דארטען, פון וואנען דאס וואסער ווערט געפאמפט און באנוצט צו איריגירען די געגענט. 30,000 עקאליפטוס־בוימער פארמירען דארטען א וואלד. די פארמערס ארבייטען מיט מאדערנע מיטלען. זיי האבען שעהן געבויטע הייזער, ארומגערינגעלט מיט בלומען גערטנער.

דער ישוב אין עין חרוד איז געגרינדעט געווארען אין 1921 אויף בלאטע, וואס מען האט אויסגעטריקענט, שפעטער איינגעריכטעט א רעזערוואואר, מען האט דא געפלאנצט טרויבען, אויל־בוימער, באנאנא־וועלדער, ציפרען, טאנען, אקאציע און קאזוארינא־בוימער.

איך האב נאך א סך קאלאניעס באזוכט. כנרת ליגט דארטען וואו דער טייך ירדן פארלאזט גליל. עס איז פיל קאנאליזירט געווארען דארטען און מען האט געפלאנצט 60,000 בוימער. א מאדערנער בריק איבער'ן ירדן האלט צוזאמען כנרת מיט דגניה, אין דגניה זיינען פאראן א סך פרוכט, גרינצייג, הינער און מילך־פראדוקטען.

*

אין דעם תנ"ך שטעהט, אז צום סוף פון גלות־בבל, וואס האט געדויערט 70 יאהר (536 פ. ק.), האט א טייל פון די אידען זיך צוריקגעקערט פון בבל און האבען אנגעפאנגען מיט גרויס איבערגעבענקייט אויפצובויען דאס לאנד. דאס דער־

מאָנט אונז, אז אויך איצט איז פאראַן אן עהנליכע באוועגונג, וואס באַצוועקט, אז די אידען זאָלען זיך אומקעהרען קיין ארץ ישראל און צוריק אויפבויען דאָרט זייער היים. האָט דאָס פּאַסירט דורך צופאל? א איד, וואס קאָן גוט די געשיכטע פון זיין פאָלק און ווייס גאָט'ס צוועק בנוגע זיין פאָלק, קאָן קיין שום צווייפעל ניט האָבען וועגען די איצטיגע טעטיגקייטען אין ארץ־ישראל. דער צוריקקעהר קיין פּאלעסטינע, דאָס בויען הייזער, וועגען, קאַנאַלען, דאָס פלאַנצען וויין־גערטנער און ביימער איז נאָר א טייל פון דער נביאות דערפיהלונג. די ממשות'דיגע פאַקטען, וואָס ווערען איצט רעאליזירט ווייזען אונז אָן אויף די נביאות, וואס איז ארויסגעזאָגט געווארען מיט א לאַנגער צייט צוריק וועגען דעם צוריקקעהר פון די אידען נאָך זייער צעשפּרייטונג אין יאָהר 73 נ. ק. דורך דעם נביא ירמיה האָט גאָט געזאָגט:

„און איך וועל ריכטען מיין אויג אויף זיי צום גוטען און איך וועל זיי צוריקקערען צו דעמדאָזיגען לאַנד און וועל זיי אויפבויען און ניט מעהר צושטערען און וועל זיי איינפלאַנצען און ניט מעהר אויסרייסען. און כ'וועל זיי געבען א הארץ, זיי זאָלען מיך וויסען, אז איך בין גאָט און זיי וועלען זיין צו מיר א פאָלק און איך וועל זיין זייער גאָט, ווייל זיי וועלען זיך צוריקקערען צו מיר מיט זייער גאַנצען הארצען.” (ירמיה כ"ד: 6-7).

„זעה, איך וועל זיי צונויפזאמלען פון אלע לענדער וואוהין איך האָב זיי פארשטויסען אין מיין צאָרן און מיין גרימצאָרן און גרויסען צאָרן, און איך וועל זיי צוריקקעהרען צו דעמדאָזיגען אָרט און וועל זיי מאַכען וואוינען אין זיכערקייט. און זיי וועלען מיין פאָלק זיין און איך וועל זייער גאָט זיין. און איך וועל זיי געבען איין הארץ און איין וועג, מיך צו פירכטען אלע צייט, עס זאָל זיין גוט זיי און זייערע קינדער נאָך זיי”. (ירמיה ל"ב: 37-39).

לויט די דאָזיגע ממשות'דיגע פאַקטען, ווערען איצט די נביאות דערפיהלט; 135,000 אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פון פארשידענע טיילען פון דער וועלט, וואו זיי זיינען פארטריבען געוואָרען. נאָך זייער צעשפּרייטונג אין יאָהר 73 נ. ק. איז דאָס לאַנד וויסט געוואָרען. ירמיה הנביא האָט פאָראויסגעזאָגט דעם צוריקקעהר פונ'ם פאָלק, וואָס וועט דאָס לאַנד צוריק קויפען;

„און דאָס פעלד וועט געקויפט ווערען אין דעם לאַנד, וואָס איהר זאָגט זי איז אַ וויסטע אָהן מענשען און פיה, זי איז אַוועקגעגעבען געוואָרען אין דער האַנט פון די כשדים. פעלדער וועט מען קויפען פאַר געלד און שרייבען בריוו און פאַרזיגלען און באַשטעטיגען מיט עדות אין דעם לאַנד בנימין און אין די געגענטען פון ירושלים און אין די שטעדט פון יהודה און אין די שטעדט פו בארג און אין די שטעדט פון טאָל און אין די שטעדט פו דרום־זייט, ווייל איך וועל צוריקקערען זייער געפאַנגשאַפט, זאָגט גאָט" (ירמיה ל"ב ; 43-44).

עס ווערט אונז אָנגעדייט בנוגע דעם רעפּאָרט פון קרן־היסוד, אַז די נביאות ווערען דערפיהלט דורך דעם קויפען צעהנדליגע טויזענטער אַקער. די דערמאָנטע איריגאַציע פּלענער, דאָס אויסטריקענען די בלאָטעס, דאָס בויען קראַפט־הייזער, — די אַלע זאַכען זיינען אין איינקלאַנג מיט דער דערפיהלונג פון די נביאות:

„איך וועל עפענען אויף די באַרג־שפּיצען טייכען, און אין מיטען פון די טאָלען קוואַלען, איך וועל מאַכען די וויסטע צו אַ זאַמלונג פון וואַסער, און דאָס דאַרע לאַנד צו וואַסער־אויסגוסען. איך וועל געבען אין דער וויסטע דעם צעדער־בוים, דעם אַקאַציע־בוים און דעם מירטען־בוים און דעם אויל־בוים ; איך וועל פּלאַנצען אין דעם סטעפּ דעם ציפּרעס בוים, דעם טאַנען־בוים און דעם בוקס־בוים צוזאַמען. כדי זיי זאָלען זעהן און וויסען און זיי זאָלען זיך איבערלעגען (אין האַרץ), און צוזאַמען זאָלען זיי באַגרייפען, אַז גאָט'ס האַנט האָט דאָס געמאַכט, און דער הייליגער פון ישראל האָט דאָס באַשאַפען". (ישעיה מ"א : 18-20).

לייענענדיג די דאָזיגע פּסוקים פרעהען מיר זיך, וואָס אַ סך גערטנער זיינען קולטיווירט געוואָרען אין פּאַלעסטינע, און די צוריקקעהרענדע אידען וועלען געניסען זייער פרוכט. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם שטעהט געשריבען : „בויט הייזער און וואוינט אין זיי, פּלאַנצט גערטנער און עסט זייער פּרוכט." (ירמיה כ"ט : 5).

די איבערצייגענדע פאַקטען באַווייזען, אַז פילע מיליאָנען בוימער זיינען געפלאַנצט געוואָרען אין ארץ־ישראל, ווי דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט : „איך וועל פּלאַנצען אין דער וויסטע דעם צעדערבוים, דעם אַקאַציע־בוים און דעם מירטענבוים און דעם אויל־בוים ; איך וועל פּלאַנצען אין דער סטעפּ

דעם ציפרעס־בוים, דעם טאנענבוים און דעם בוקסבוים צו־זאמען.״ (ישעיה מ״א : 19).

עס זיינען איצט פאראן אין ארץ־ישראל 89 קאלאניעס, וואס זיינען געבויט געווארען לויט מאדערנע איינריכטונגען ; די הייזער זיינען באוואוינט פון דעם פאלק אויף שטענדיג, און ניט לויט דעם קאפריז פון ווירטען.

„און זיי וועלען בויען הייזער און וועלען וואוינען, און זיי וועלען פלאנצען וויין־גערטנער און זיי וועלען עסען זייער פרוכט. זיי וועלען ניט בויען און אן אנדערער זאל וואוינען, זיי וועלען ניט פלאנצע און אן אנדערער זאל עסען ; ווייל אזוי ווי די טעג פון דעם בוים וועלען זיין די טעג פון מיין פאלק, און מיינע אויסדערוועהלטע וועלען איבערלעבען דאס ווערק פון זייערע הענט. זיי וועלען זיך ניט מיהען אומזיסט, און זיי וועלען ניט געבערען צום אונטערגאנג, ווייל דער זאמען פון די גע־בענשטע פון גאט זיינען זיי, און זייערע אפשטאמער צוזאמען מיט זיי״ (ישעיה ס״ה ; 21־23).

קיין שום פאלק אויף דער ערד האט ניט געהאט אזא גוטע באהאנדלונג פון גאט׳ס הענט ווי די אידען. קיין שום פאלק האט ניט געהאט אן אורזאך צו גלויבען אין גאט, ווי די אידען. דער שטן האט א לאנגע צייט פארבלענדט די אויגען פון יעקב׳ס אפשטאמער בנוגע די גרויסע ווארהייטען פון דעם תנ״ך. דער־פאר איז איצט די צייט, אז א בשורה פון נחמה זאל קומען אויף אידען. איטליכער וואס האט ליב גאט זאל האבען דאס פארגעניגען צו פארשפרייטען די גוטע בשורות פאר די אידען, וואס באגערען צו קענען און צו טאן גאט׳ס ווילען.

באַקרעפטענדע עדות.

קאַפּיטעל 8.

די ביז איצט ציטירטע פּסוקים זיינען פאַרצייכענט געוואָרען אין דעם תנ"ך דורך די נביאים. אַ סך פון זייערע נביאות זיינען כמעט דערפיהלט געוואָרען, אָדער זיי זיינען נאָהענט צו דערפיהלונג; אַזוי, אַז יעדער קאָן עס פאַרשטעהן. די דערפיהלונג פון די נביאות זאָל ניט בלויז טרייסטען, נאָר אויך דערפרעהען. די געשיכטע באַווייזט, אַז גאָט איז שטענדיג מרוצה געווען מיט זיי, ווען זיי זיינען געהאָרכזאַם געווען צו זיין וואָרט. גאָט ענדערט ניט. יעדער איד זאָל האָבען אַ פולקאָמאָנעם גלויבען און אמונה אין גאָט'ס וואָרט לויט זיין אמונה, וועט ער ווערען געטרייסט און געבענשט.

נאָר לאַנג צוריק איז אין אַ קליין שטעטעל פון בית־לחם געבאָרען געוואָרען אַ איד. פון קינדערוייז אָן האָט ער ארויסגעוויזען אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. ווען ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון אַ מאַן, איז ער אוועק קיין ירושלים און אין די געגענטען ארום, לערנענדיג דאָס פאָלק. ער האָט געהייסען ישוע. אַ סך אידען האָבען געגלויבט, אַז ישוע פון נצרת, וואָס איז געבאָרען אין בית־לחם, איז אַ נביא. אידען האָבען אַ פאָראורטייל געהאַט קעגען איהם און זיין עדות־זאָגען דורך זאָגענאַנטע קריסטען. דער שטן האָט באַנוצט אייניגע ניט־אמת'ע קריסטען, אַז דער נאָמען ישוע זאָל ניט געאַכטעט ווערען ביי די אידען.

דער איינציגער צוועק דאָ איז איינצולייטען דורך פאַקטען זיין עדות־זאָגען, וואָס איז אונטערשטיצט פון די ביז־איצט ציטירטע נביאים. וואָס די אידען זאָלען ניט גלויבען בנוגע ישוע הנוצרי, אַנערקענען זיי איהם דאָך אַלס אַ גרויסען למדן. יעדער

איד בלי־פניה וועט אויפריכטיג באטראכטען זיין עדות, גע־שטיצט אויף די אמאליגע נביאים.

דער פאקט, אז ער איז געבארען פון בית־יהודה, געוועזן א גרויסער לעהרער, געהאט א סך תלמידים, וואס האבען איהם נאכגעפאלגט, און אז זיינע ווערטער זיינען באשטעטיגט גע־ווארען דורך די אמאליגע נביאים, איז גענוגענד אויפצופאדערען איצט יעדען אידען צו באטראכטען די באווייזען פון ישוע און צו אנטשיידען צי זיי זיינען פארטרויענסווירדיג. ער איז געווען אויף דער ערד אין א זעהר קריטישער צייט אין דער אידישער געשיכטע. זאל יעדער איד האבען אין זינען נאר איין זאך — אז ישוע איז געווען א איד און אלס א איד זאגט ער עדות.

בעת ישוע האט געלערענט אין ירושלים, זיינען די אידען געווען א לאנגע צייט אונטער'ן יאך פון גוי'אישע וועלט־מאכטען. זייערע אבות האבען געזעהן דאס פאלען פון בבל, פון פערסיע, פון גריכענלאנד, און איצט האט רוים געוועלטיגט. א סך אידען האבען פארשטאנען די ווערטער פון זייערע נביאים, ווארים די תורה האט דאס פארלאנגט. די זעהר פרומע האבען געוואוסט פון גאט'ס פארשפרעכונג בטל צו מאכען די גוי'אישע מאכט און אז זיין חסד וועט זיך צוריקקעהרען צו די אידען. זיי האבען געהאפט אויף דער צייט פון ווידעראויפבויען ישראל'ס מלוכה און דורכדעם וועלען אלע משפחות פון דער ערד געבענשט ווערען לויט דער הבטחה צו אברהמ'ען. עס איז געווען זעהר נאטירליך, אז ישוע'ס תלמידים האבען איהם געפרעגט וועגען די אויסזיכטען אויפצובויען די מלוכה און וועגען דעם סוף פון די גוי'אישע צייטען.

די תלמידים האבען געוואוסט אזוי גוט ווי ישוע, אז די גוי'אישע צייטען וועלען זיך ענדיגען, ווייל גאט האט פארשפרא־כען, אז די גוי'אישע פעלקער וועלען געוועלטיגען נאר אויף א געוויסער צייט. זיי האבען זיך דערוואוסט, אז דער סוף פון די גוי'אישע צייטען מיינט דער סוף פון דער וועלט. דאס ווארט „וועלט" באדייט ניט די ערד, נאר די פעלקער ארגאניזירט אין א פארם פון א רעגירונג אונטער דער השגחה פון א האר.

די אידען זיינען געווען נייגעריג אין דעם סוף פון דער

וועלט, כדי דער האר זאָל גרינדען די נייע וועלט אָדער רעגירונג. דערפאר האָבען די תלמידים פון ישוע געפרעגט: „זאָג אונז, וואָס וועט זיין דער באַווייז וועגען דעם סוף פון דער וועלט?”

באטראכטענדיג איצט דעם ענטפער אויף דער פראגע, איז ווינשענסווערט מען זאָל זיך דערמאָנען דעם באַווייז, וואָס איז אָנגעוויזען געוואָרען אין אַ פריהערדיגען קאפיטעל וועגען דעם, אַז די ניט־אידישע צייטען וועלען זיך ענדיגען געזעצליך אין יאָהר 1914, און אַלץ, וואָס וועט אין יענער צייט פּאַסירען.

ישוע'ס ענטפער אויף דער פראגע איז געווען: „פעלקער וועלען אויפשטעהן געגען פעלקער און קעניגרייך געגען קעניג־רייך” — אין אַ וועלט מלחמה. דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט פון וועלט־קריג לויט דער פּאַראויסזאָגונג פון דער נבואה. פאר דער לעצטער מלחמה איז קיין וועלט־מלחמה ניט געווען. פריהער פלעגט זיך שלאָגען איין ארמעע מיט אַ צווייטער, אָבער פון 1914 אָן ביז 1918 איז אויפגעשטאַנען אַ פּאָלק געגען אַ פּאָלק, אַ מלוכה געגען אַ מלוכה; און יעדע פּערזאָן אין פּאָלק, מענער, פרויען און קינדער, האָבען אנטיילגענומען אין דער מלחמה, געהענדיג צום פראָנט, צוגרייטענדיג קריגס־מאַטעריאַלען אָדער קאָנסערווירענדיג שפייז. די פעלקער זיינען געווען אָר־גאַניזירט ווי קיינמאָל פריהער. די דאָזיגע וועלט־מלחמה באַ־צייכענט דעם סוף פון די ניט־אידישע צייטען, ד. ה. דעם סוף פון דער וועלט.

בנוגע דעם האָט ישוע געזאָגט, אַז נאָך דער וועלט־מלחמה וועט זיין הונגער, מגפה און ערד־ציטערניש. אַן אומערהערטער הונגער האָט באַגלייט די מלחמה אין רוסלאנד, דייטשלאַנד, עסטרייך און אין אנדערע טיילען פון דער ערד. נאָכדעם איז געקומען אַ גרויסע מגפה אין יאָהר 1918, ווי ישוע האָט פאָר־אויסגעזאָגט. די מגפה האָט געהייסען די שפּאַנישע אינפלו־ענציע, וואָס האָט אוועקגערויבט מעהר מענשען אין 6 חדשים צייט, איידער די וועלט־מלחמה אין 4 יאָהר צייט.

ווייטער האָט ישוע געזאָגט, אַז נאָך דעם הונגער, מגפות און צרות וועט די פעלקער באַפאַלען אנגסטען פון צעטומעלטע. זינט דער וועלט־מלחמה האָט קיין שום פּאָלק ניט געקאָנט ברענ־

גען אן עצה, ווי מען זאל איבערקומען די שוועריגקייטען.

ישוע האט נאך עדות געזאגט: און דאן וועלען די אידען פאלען דורך דעם שארף פון דעם שווערד; זיי וועלען אוועק־געפיהרט ווערען געפאנגענע אין אלע לענדער, און ירושלים וועט צוטראטען ווערען פון די גוים, ביז די צייטען פון די גוים וועלען דערפיהלט ווערען." (מתתיהו, 24טער קאפיטעל; לוקאס, 21טער קאפיטעל).

ישוע'ס באווייזען זיינען דערפאר א פולקאמענע באשטע־טיגונג, וואס איז פאראויסגעזאגט געווארען פון די אמאליגע נביאים, און די איבערצייגענדע פאקטען דערווייזען די דער־פיהלונג פון די נביאות. יעדער איד זאל עס באזונדערס בא־טראכטען, וואס ישוע האט געווירקט אויף דער ערד. שפעטער־דיגע קאפיטלען וועלען אנטהאלטען ישוע'ס צייגנישע אונטער־שטיצט פון די אמאליגע נביאים און דאס וועט באטראכט ווערען אין ליכט פון די פאסירונגען פון דער איצטיגער צייט. ער האט געקאנט זיין א נביא ניט אנדערש ווי דורך דער אויטאריטעט פון גאט יהוה. אויב ער איז געוועזן א נביא, דארף זיין עדות־זאגען באטראכט ווערען אלס אויטאריטעטישע און אלס גע־קומענע פון גאט יהוה.

דאָפּעלט און יובל

קאַפּיטעל 9.

איצט, נאָך דער דערפיהלונג פון איינִיגע נביאות, ווערט קלאָר, וואָס אייגענטליך האָבען די נביאים געמיינט מיט דעם וואָרט ישראל'ס דאָפּעלט, און דורך דעם צו באַשטימען די צייט, ווען גאָט'ס גנאָד וועט זיך צוריקקעהרען צו די אידען. פאַקטען באַווייזען, אַז ישראל'ס שטראָף האָט אַזוי לאַנג געדויערט ווי די צייט, אין וועלכע גאָט'ס גנאָד איז געווען מיט די אידען. ירמיה האָט נביאות געזאָגט וועגען דער צעשטרייאונג און זייער ווידער־צונויפזאַמלונג. (זעה זייטען 53-64).

דאָס צעשטרייען באַציהט זיך אָן שום צווייפעל אויפ'ן לעצטען פאַלען אין ניסן, יאָהר 73 נ. ק. ווען זיי זיינען גע־פאַנגען געוואָרען און אַוועקגעפיהרט געוואָרען קיין בבל, האָט גאָט נאָך אַלץ אויסגעשטרעקט זיין האַנט צו די אידען און זיי צוריקגעבראַכט אין זייער לאַנד. ער האָט זיי געוויזען גוטס ביז דעם פאַלען דורך די רוימער. פון דאַמאָלסט אָן זיינען זיי פאַרטריבען געוואָרען אין אַ סך לענדער, באַזונדערס קיין רוס־לאַנד, וואָס איז פון דעם נביא ירמיה דערמאָהנט געוואָרען אַלס צפון־לאַנד. פאַקטען איבערצייגען, אַז דאָס רוב אידען, וואָס זיינען געפאָהרען אין די לעצטע יאָהרען קיין ארץ־ישראל זיינען פון רוסלאַנד (צפון־לאַנד).

דאָס וואָרט דאָפּעלט איז באַנוצט געוואָרען פון ירמיה הנביא (ירמיה ט"ז : 14-18), און שטאַמט פון דעם העברעאישען וואָרט משנה, וואָס מיינט ווידערהאָלונג, פאַרדאָפּלונג אין אַ סכום. פון דעם איז געדרונגען, אַז די צייט פון גאָט'ס שטראָף אויף אידען וועט דויערען אַזוי לאַנג, ווי די צייט פון זיין חסד.

אַלע געשיכטע־שרייבער זיינען איינשטימיג, אַז דאָס לעצ־טע פאַלען פון ארץ־ישראל האָט פּאַסירט אין יאָהר 73 נ. ק. און

אז זייערע צרות האבען זיך אנגעפאנגען 40 יאהר פאר דעם, ד. ה. אין יאהר 33 נ. ק., אין חודש ניסן. צוריקרעכענענדיג פון יאהר 33 נ. ק. ביז צו דער צייט פון דער אנטשטעהונג פון פאלק, בעת יעקב׳ס טויט, געפינען מיר אויס, אז די תקופה מאכט אויס אקוראט 1845 יאהר. דאס קאן באצייכענט ווערען אלס די תקופה פון גאט׳ס גנאד אויף די אידען. די שטראף דארף זיין אקוראט אזוי לאנג, כדי צו דערפיהלען דעם דאפעלט. איידער די באווייזען וועגען דער דערפיהלונג פון דער דאזיגער נבואה ווערען באטראכט, וועלען מיר אנווייזען אויף אן אנדערע נבואה, וואס באווייזט, אז די צייט איז פינקטליך אויסגערעכענט. דער נביא זכרית, רעדענדיג צו די אידען, האט געזאגט: „פרעה דיך זעהר, דו טאכטער ציון; יובל, דו טאכטער פון ירושלים; זעה, דיין קעניג קומט צו דיר, ער איז א צדיק און האט די דער־לייזונג; ער איז ארים און רייט אויף אן אייזעל... קערט זיך אום צו אייערע פעסטונגען, איהר געבונדענע אין דער האפ־נונג; יא, אפילו היינט זאג איך אן, אז איך וועל דיר דאפעלט צוריקקערען.״ (זכריה ט׳: 9, 12).

די ווערטער „אפילו היינט זאג איך אן, אז איך וועל דיר אפעלט צוריקקערען״ באווייזען, אז די דערפיהלונג פון זכריה׳ס נבואה וועט באצייכענען דעם טאג אדער די צייט, פון וועלכער מען רעכענט דאס דאפעלטע. מיר וועלען איצט פארשלאגען די עדות בנוגע ישוע און ציטירען זיינע ווערטער. אויב די פאקטען צייגען די דערפיהלונג פון זכריה׳ס נבואה און דאס איז באשטע־טיגט דורך דעם נביא ישעיה, דאן וועט יעדער איד מוזען צו־געבען, אז ישוע איז געווען א קאמפעטענטער עדות.

עס איז א היסטארישער פאקט, אז דעם 10טען טאג פון ניסן אין דעם יאהר 33 נ. ק., האט ישוע געריטען אויף אן איי־זעל און האט זיך פארגעשלאגען די אידען פאר א קעניג. עס מאכט ניט קיין אונטערשיד, צי מען האט איהם אנגענומען אדער פארווארפען. דער פאקט איז, אז ער איז געווען א איד, א גרוי־סער למדן און האט באזיצט א קעניג׳ס אייגענשאפטען.

„ווען זיי האבען זיך גענעהענט צו ירושלים, און זיינען גע־קומען קיין בית־פגי צום הר־הזיתים, דאן האט ישוע ארויסגע־שיקט צוויי תלמידים, זיי זאגענדיג, געהט אהין צום דארף

אנטקעגנען אייך און גלייך וועט איהר געפינען אַן אייזעל אָנגע־בונדען און אַ פילכען דערביי; בינדט זיי אָפּ און ברענגט זיי צו מיר: און ווען עמיצער וועט אייך עפּעס זאָגען, אַזוי זאָגט איהם, אַז דער האַר באַדאַרף זיי, און ער וועט זיי באַלד שיקען: און דאָס איז געשעהן, כדי עס זאָל מקוים ווערען, וואָס איז געזאָגט דורך דעם נביא, וואָס זאָגט: „זאָגט צו דער טאָכטער פון ציון, זעה דיין קעניג קומט צו דיר, ענִיוות'דיג און רייטענדיג אויף אַן אייזעל און אויף אַ פילכען, דאָס יונגע פון אייזלען". און די תּלמידים זיינען געגאַנגען און האָבען געטאָן, ווי ישוע האָט זיי באַפוילען און זיי האָבען געבראַכט דעם אייזעל און דאָס פילכען, און האָבען זייערע קליידער אויף דעם געלייגט, און האָבען איהם אויף זיי געזעצט. און אַ סך לייט האָבען זייערע קליידער אויס־געשפּרייט אויפ'ן וועג, און די לייט פאַר איהם און נאָך איהם געהענדיג, האָבען געשריען, און געזאָגט, „הושענה, צום זוהן פון דוד: געלויבט איז דער, וועלכער קומט אין גאָט'ס נאָמען! הושענה אין די הויכען!" (מתתיהו כ"א; 1-9).

צום יאָהר 33 נ. ק. געהערט די פּאַסירונג, וואָס באַווייזט די דערפיהלונג פון זכריה'ס נביאות. פון דעם טאָג אָן ביז צו דער צייט פון ישראל'ס אָרגאַניזירונג זיינען פאַראיבער 1845 יאָהר, און פון יענעם דאַטום 40 יאָהר שפּעטער ווערט באַצייכענט דאָס פאַלען פון ישראל. די אידישע ענציקלאָ־פּעדיע זאָגט: מיט דעם פאַלען פון מסדה האָט זיך געענדיגט די מלחמה דעם 14טען ניסן, 73 נ. ק." איצט מוזען ווידער פאַראיבערגעהן 1845 יאָהר, איידער מען קען ערוואַרטען, אַז אַ נייער חסד זאָל צוריקקערען צו ישראל און נאָכאַמאָל 1845 יאָהר, אָנפאַנגענדיג פון יאָהר 33 נ. ק., וועט אונז ברענגען צום יאָהר 1878 נ. ק. גאָט'ס חסד האָט דאַן ווידער געדאַרפט אָנפאַנגען ווירקען אויפ'ן אידישען פאָלק. און 40 יאָהר שפּעטער, ווערט דאָס יאָהר 1918 נ. ק., וואָס איז צונויפגעבונדען מיט'ן דאַטום פון פאַלעסטינע'ס פאַלען, באַצייכענט אַלס די אָפיציעלע באַזעצונג פון די אידען אין ארץ־ישראל.

לאָמיר פאַרצייכענען די פאַקטען און זעהן צי די דערמאָנטע דאַטעס זיינען ריכטיג. טערקיי האָט געוועלטיגט אַ לאַנגע צייט איבער ארץ־ישראל. רוסלאַנד האָט געפירט מלחמה מיט טערקיי אין יאָהר 1878. רוסלאַנד האָט געוואונען די מלחמה און האָט געצוואונגען די טערקען אונטערצושרייבען דעם אָפּמאַך פון

סאן־סטעפאנא. דער אפמאך איז געוועזן אזוי אומגערעכט אז ענגלאנד האט זיך אריינגעמישט. אין יענער צייט האט געווירקט ד'איזראעלי אונטער זיין אפיציעלען נאמען לארד ביקאנספעלד אלס דער הויפט־מיניסטער פון ענגלאנד. א איד, וועלכער איז גרויס געווארען אין 1874, האט געשיקט א פלאט אין די דארדאנעלען און אינדישע סאלדאטען קיין מאלטא אלס א דעמאנסטראציע געגען רוסלאנד. רוסלאנד האט נאכגעגעבען און איינגעשטימט צו באטראכטען נאכאמאל די גאנצע פראגע אויף א קאנגרעס אין בערלין. ביקאנספעלד האט אויף יענעם קאנגרעס, וואס איז געהאלטען געווארען פונ'ם 13טען יוני ביז'ן 13טען יולי פון יאהר 1878, געצוואונגען רוסלאנד צו ענדערען איהר אפמאך מיט טערקיי. טערקיי איז באפרייט געווארען און האט געקראגען זעלבסטשטענדיגקייט, אבער מיט א באדינג, אז זי זאל געבען די אידען בירגערליכע און רעליגיעזע רעכט. דאס האט געבראכט צו וויכטיגע פאלגען אין דער געשיכטע פון די אידען.

אין יאהר 1878 האט זיך באוויזען גאט'ס ערשטער חסד אויף די אידען. גאט האט ערלויבט די רדיפות כדי צו באשאפען אין די אידען זעלבסט א באגעהר צוריקצוקעהרען זיך קיין פאלעסטינע. אין דער צייט פון יענע רדיפות איז געבוירען געווארען דער ציוניזם. אין יאהר 1896 האט טהעאדאר הערצל ארויסגעגעבען זיין בוך „דער יודענשטאט". אין דעם בוך האט ער פארטיידיגט די אינטערעסען פון זיין פאלק און באשטעטיגט די אורזאך פארוואס ער האט פארטיידיגט די דאזיגע אינטערעסען. הערצל האט דארטען געזאגט: „דער פארגעשלאגענער פלאן (ציוניזם) שליסט איין דאס אויסנוצען פון אן עקזיסטירענדער טרייבקראפט, און דאס זיינען די צרות פון די אידען."

ציוניזם ארגאניזירט.

ציוניזם איז אפיציעל ארגאניזירט געווארען אין יאהר 1897. דער ערשטער קאנגרעס איז אפגעהאלטען געווארען אין באזעל, שווייץ, אין דעמזעלבען יאהר, און איז באזוכט געווארען פון 206 דעלעגאטען. דער צוועק פון דעם ארגאני־

זירטען ציוניזם איז ערקלעהרט געוואָרען אויף יענעם קאָנ־גרעס:

ציוניזם באצוועקט צו שאפען אַן עפענטליך־ערוואָרבענע, רעכטליך־געזיכערטע היים פאר'ן אידישען פאָלק אין פּאַ־לעסטינע.

כדי דאָס צו דערגרייכען נעמט דער קאָנגרעס אָן די פאָלגענדע מיטלען:

1) צו העלפען באזעצען אין ארץ ישראל אידישע ערד־ארבייטער, האנדווערקער, געשעפטסלייט און פּראָפעסיאָנעלע מענשען.

2) צו פאראייניגען דאָס גאנצע אידישע פאָלק אין איין פעדעראציע דורך לאָקאלע און אלגעמיינע אנשטאלטען, וואס זאָלען זיך צופּאַכען צו די אָרטיגע געזעצען.

3) צו פארשטאַרקען די אידישע געפיהלען און דאָס נאַ־ציאָנאלע באוואוסטזיין.

4) צו קריגען די צושטימונג פון אזעלכע רעגירונגען, אָן וועלכע עס וועגדעט זיך די אויספיהרונג פון די פּלענער פון ציוניזם.

ווען די צייט איז געקומען, אז גאָט'ס חסד האָט זיך אומ־געקעהרט אויף די אידען, האָט ער אויך דערלויבט די רדיפות אויף די אידען, כדי זיי זאָלען וועגדען זייערע האָפנונגען קעגען ארץ ישראל. אַן אָנשטרענגונג איז געמאכט געוואָרען מצד דעם אידען צו באקומען פּאַלעסטינע זינט דעם אָנהייב פון ציוניזם. ביז צום אויסברוך פון דער מלחמה האָבען זיי קיין סך ניט דערגרייכט.

באמערקט ווידער דעם פּאַראַלעל. 40 יאָהר שפּעטער, נאָך דעם יאָהר 33 נ. ק., קומען מיר צום יאָהר 73 נ. ק. ווען די לעצטע צרה האָט דערגרייכט ישראל'ן, זיינען די אידען צעשטרייט געוואָרען פון פּאַלעסטינע. און אזוי איז דאָס אנט־שפּרעכענדע דאטום געפאלען אויף 40 יאָהר נאָך דעם יאָהר 1878, וואס איז 1918.

מען וואָלט ערוואַרט, אז אין 1918 וועט די אָפּי־ציעלע אנערקענונג שטאטפינדען צו באזעצען די אידען אין

פאלעסטינע. דאס אידישע נייע־יאהר פאלט אוים אין הערבסט פונ'ם יאהר, דערפאר רעכענט מען דאס אידישע קאלענדאר יאהר פון יענער צייט. עס איז געווען אין הערבסט פון יאהר 1917, וואס איז דער אנהייב פונ'ם יאהר 1918, אז באלפור האט געשריבען א בריוו צו לארד ראטשילד'ן. אין פריהלינג פון יאהר 1918, איז דר. חיים ווייצמאן געפאהרען מיט אן אפי־ציעלער קאמיסיע, לויט דער צושטימונג פון דער ענגלישער רע־גירונג, קיין פאלעסטינע, און האט אנגעפאנגען צו לעגען דעם גרונד פון א נייע אידישע רעגירונג. אט אזוי זעהען מיר, אז די דאפעלטע פעריאדע איז דערפיהלט געווארען פונקט אין דער צייט, וואס גאט האט פאראויסגעזאגט דורך זיינע נביאים.

גאט'ס צוריקקערענדע גנאדען אויף די אידען קומען נים פלוצלונג, נאר במדריגה, פונקט ווי זיין שטראף איז געקומען במדריגה. עקזאמינירענדיג די ראיות, וועלען מיר זעהן, אז 1925 נ. ק. איז נאך א דאטום, וואס באצייכענט גנאד פאר די אידען. דער אידישער אוניווערסיטעט איז געעפענט געווא־רען אין פריהלינג פונ'ם יאהר 1925 אין ירושלים. אנדערע ראיות וועלען דא אויך באטראכט ווערען בנוגע 1925.

דער יובל.

דער נביא האט פארצייכענט אונטער גאט'ס באגייסטע־רונג: „וואויל איז דעם פאלק, וואס קען דאס שאלען; זיי וועלען געהן אין ליכט פון דיין אנגעזיכט, אין דיין נאמען וועלען זיי זיך דעם גאנצען טאג פרעהען און זיי וועלען דורך דיינע גערעכטיגקייטען דערהויבט ווערען". (תהלים פ"ט: 15־16). דאס באצייט זיך אויפ'ן יובל. אידען האבען לאנג געהאפט אויף דער צייט ווען זיי וועלען געניסען זייער גרויסען יובל. דאסווארט יובל באדייט א שאלונג פון שמחה. מען פלעגט בלאזען א שופר, אנזאגענדיג דעם יובל. די תורה באווייזט, אז אדם הראשון איז געווען פאראורטיילט צום טויט און ארויס־געטריבען פון גן־עדן, און אז ער האט פארלארען גאט'ס גנאד, ער און זיינע אפשטאמער. (תהלים נ"א: 5). דערפאר ווערען אלע מענשען אין עבירה געבוירען, נים ווייל זיי ווילען זיין זינדיגע, נאר ווייל זיי קאנען דאס נים אויסמיידען. דער

גרויסער פאַרלאַנג פון מענשען איז צו בייקומען די זינד און דערגרייכען דעם פרידען און גליק. דאָס קאָן קומען נאָר דורך פולער האַרמאָניע מיט גאָט.

ישראל איז געווען דאָס איינציגע פאָלק מיט וועלכען גאָט האָט פאַרקערט. „אייך אַליין האָב איך דערקענט פון אַלע משפחות פון דער ערד. (עמוס ג׳: 2). דער תנ״ך ווייזט אָן אויסדריקליך, אַז ישראל איז באַנוצט געוואָרען אַלס אַ פאָר־בילד, ביישפּיל און נוצען פאַר אַלע פעלקער אויף דער ערד, וואָס וועלען שפּעטער נאָכפאָלגען. דאָס געזעץ וואָס גאָט האָט געגעבען די אידען איז אויך טיפּיש און ווייזט אָן אויף בעסערע און גרעסערע ערשיינונגען אין דער צוקונפט, ד. ה. עס וועט קומען אַ צייט ווען גאָט וועט דערפיהלען זיין הבטחה און וועט בענשען אַלע פעלקער פון דער ערד דורך אברהמ׳ס זאָמען. גאָט׳ס צוזאָגען אברהמ׳ען (בראשית כ״ב: 18) קאָן ניט באַדייטען ווייניגער ווי אַ פולקאָם צוריקקערען דעם מענ־שען אַלץ, וואָס ער האָט פאַרלאָרען, דאָס וויכטיגסטע — דאָס פולע לעבען און דאָס רעכט אויף דעם. די ברכות וועלען ברענגען מיט זיך אַלע טובות פאַר געזונט, פרידען, רייכ־קייט און גליק. יעדע ערשיינונג אין דער תורה וועט ווערען וויכטיג פריהער פאַר דעם אידען און נאָכדעם פאַר אַלעמען דורך גאָט׳ס פאָראויסגעזעהענעם פּלאַן. איינער פון די וויכטיגסטע דינים, וואָס איז די אידען געגעבען געוואָרען, איז דער, וואָס איז בנוגע דעם יובל, וואָס וועט צוריק אומקערען אַלץ, וואָס איז פאַרלאָרען געגאַנגען אין גן־עדן.

דער אָנהייב פון דעם אידישען געזעץ פאַנגט זיך אָן באמת מיט פּסח. משה איז באַשטימט געוואָרען צו דערלייזען די אידען פון מצרים. דאַמאַלסט זיינען געגעבען געוואָרען אָנווייזונגען וועגען דעם צוגרייטען און איינריכטען דעם פּסח. דאָס פאָלק ישראל, אָננעמענדיג משה׳ן אַלס זייער פיהרער, האָבען דערמיט געשלאָסען אַ בונד מיט גאָט, אַז זיי וועלען אויס־פיהרען זיינע געזעצען. דער דאָזיגער געזעץ־בונד פאַנגט זיך אָן מיט דעם חג הפּסח. ביים באַרג סיני איז פאַרגעקומען די באַשטעטיגונג פון דעם בונד, וואָס איז פריהער געשלאָסען געוואָרען אין מצרים.

קורץ נאך דער דערלייזונג פון מצרים האט דער האר אראפגעשיקט פון הימעל מן, אלס שפייז פאר די אידען. דאס האבען זיי געגעסען אין דעם מדבר כל זמן זיי זיינען דארטען געווען. די תורה האט פארלאנגט אז מען זאל אפהיטען דעם שבת און דאס שמיטה־יאהר, וואס איז געווען אן אנדענקען פאר אויסלייזען די אידען פון מצרים, ווי ער האט זיי אנגעזאגט: „דו זאלסט נעדענקען, אז דו ביסט געווען אין לאנד מצרים און דער האר דיין גאט האט דיך פון דארט ארויסגעפיהרט מיט א שטארקע האנט און מיט אן אויסגעשטרעקטען ארעם, דערפאר האט דער האר דיין גאט דיר געבאטען צו האלטען דעם טאג פון שבת.” (דברים ה׳: 15).

שבת ווערט דאס ערשטע מאל דערמאנט אין צוזאמענהאנג מיט דעם מן, וואס איז די אידען געגעבען געווארען. אזוי האט משה גערעדט צו די קינדער ישראל בנוגע דעם שבת און דעם מן: „דאס איז עס, וואס גאט האט גערעדט, מארגען איז די רוה פון דעם הייליגען שבת צו גאט: באקט, וואס איהר ווילט באקען, און קאכט, וואס איהר ווילט קאכען און אלץ וואס פארבלייבט לאזט ליגען פאר אייך, זאל דאס געהאלטען ווערען ביז אויף מארגען.” (שמות ט״ז: 23).

אזוינאך איז פעסטגעשטעלט געווארען, אז דאס ווארט שבת מיינט רוה. דער חלוק צווישען שבת און יובל איז, וואס יובל איז ניט בלויז א צייט פאר מנוחה, נאר א גרויסע שמחה צוליב דער ווידעראויפלעבונג.

דאס איינריכטען פון יובל.

אויף דעם בארג סיני האט גאט פארגעשריבען דאס געזעץ בנוגע דעם יובל.

„און גאט האט גערעדט צו משה׳ן אויף דעם בארג סיני זאגענדיג, רעד צו די קינדער ישראל, און דו זאלסט צו זיי זאגען, ווען איהר וועט אריינקומען אין לאנד וואס איך גיב צו אייך אזוי זאל דאס לאנד רוהען א שבת צו גאט. זעקס יאהר זאלסטו דיין פעלד זייען, זעקס יאהר זאלסטו שניידען דיין וויינגארטען און דו זאלסט איינזאמלען איהר תבואה, אבער אין זיבעטען יאהר זאל זיין א רוהונג אין לאנד, א שבת צו גאט, דיין פעלד זאלסטו ניט זייען און דיין וויינגארטען ניט שניידען. דאס

ווידערוואַקסענע פון דיין שניט זאָלסטו ניט אָפּשניידען און דיינע זעלבסט געוואַקסענע ווייַנטרויבען זאָלסטו ניט איינזאַמלען, עס זאָל זיין אַ רוה יאָהר צום לאַנד. די תבואה פונ'ם שבת־יאָהר זאָל זיין פאַר אייך צו שפּייז, פאַר דיר און דיין קנעכט און דיין דינסט־מויד, דיין געדונגענעם און דיין איינוואוינער, וואָס וואוינען ביי דיר, און פאַר דיינע בהמות און דיינע חיות וואָס זיינען אין דיין לאַנד, זאָל זיין איהרע גאַנצע תבואה צו עסען. און דו זאָלסט צעהלען צו דיר זיבען שמיטות פון יאָהרען, זיבען יאָהר זיבען מאָל און די טעג פון די זיבען שמיטות פון יאָהרען זאָלען זיין צו דיר 49 יאָהר. און דו זאָלסט לאָזען אויסרופען אַ שופר־שאַלונג, אין זיבעטען חודש, אין צעהנטען פון חודש, אין יום הכפורים, זאָלט איהר לאָזען אויסרופען מיט אַ שופר דורך אייער גאַנצען לאַנד. איהר זאָלט הייליגען דאָס גאַנצע פופציגסטע יאָהר, און איהר זאָלט אויסרופען פרייהייט אינם לאַנד פאַר אַלע איהרע איינוואוינער, דאָס זאָל זיין אַ יובל צו אייך, און איהר זאָלט צוריקקעהרען, איטליכער צו זיין באַזיץ, איטליכער צו זיין פאַמיליע זאָלט איהר צוריקקעהרען. דאָס גאַנצע פופציגסטע יאָהר זאָל זיין ביי אייך יובל, איהר זאָלט ניט זייען און ניט שניידען זיינע ווידערוואַקסונגען, און איהר זאָלט ניט זאַמלען זיינע אומגעשניטענע טרויבען, ווייל ס'איז יובל, עס זאָל זיין הייליג צו אייך, פונ'ם פעלד מעגט איהר עסען זיין תבואה.

אין דעמדאָזיגען יובל־יאָהר זאָלט איהר צוריקקעהרען איטליכער צו זיין באַזיץ און ווען דו וועסט פאַרקויפען אַ פאַרקויפונג צו דיינע געזעלען, אָדער דו וועסט קויפען פון דער האַנד פון דיינע געזעלען, זאָלט איהר ניט נאַרען איינער דעם אַנדערען. לויט די צאָהל פון די יאָהרען פון תבואות, זאָל ער צו דיר פאַרקויפען. לויט די פילקייט פון די יאָהרען זאָלסטו מעהרען זיין קויף־געלד און לויט די ווענינקייט פון יאָהרען זאָלסטו מינדערען זיין קויפגעלד, ווייל לויט די צאָהל פון יאָהרען פאַרקויפט ער עס צו דיר. און איהר זאָלט ניט נאַרען איינער דעם אַנדערען, אָבער דו זאָלסט דיך פאָרכטען פאַר דיין גאָט, ווייל איך בין דער האַר אייער גאָט. און איהר זאָלט טאָן מיינע געזעצען, און איהר זאָלט היטען מיינע משפטים, און זיי טאָן, אַז איהר זאָלט וואוינען אין לאַנד אין זיכערקייט. און דאָס לאַנד וועט געבען זיינע פרוכט, און איהר וועט עסען צו זעטיגקייט, און איהר זאָלט אויף דעם וואוינען אין זיכערקייט און ווען איהר וועט זאָגען, וואָס וועלען מיר עסען אין זיבעטען יאָהר? זעהט, מיר וועלען ניט זייען, און ניט איינזאַמלען אונזערע תבואות? וועל איך אָבער מיין ברכה אריינגעבען אייך אין זעקסטען יאָהר און ס'וועט אָנוואַקסען תבואה פאַר דריי יאָהר. און איהר זאָלט זייען אין אַכטען יאָהר,

און איהר זאָלט עסען פון די אַלטע תבואה ביז צום נײנטען יאָהר, ביז איהר תבואה וועט אָנקומען זאָלט איהר דאָס אַלטע עסען. דאָס לאַנד זאָל ניט פאַרקויפט ווערען אויף אייביג, ווייל דאָס לאַנד איז מיינס, ווארים איהר זייט גרים און איינוואוינער ביי מיר". (ויקרא כ"ה; 1-23).

עס איז דאָ אַ באַשטימטער צוועק אין גאָט'ס אַלע שאַפונגען, און אויב ער האָט באַפוילען אַ געוויסע מאָס פון יובל'ס צו האַלטען, קאָנען מיר זיכער זיין מיט זייער צוועקמעסיגקייט, וואָס וועט ברענגען אַ טרייסט פאר דעם אמת'ן זוכער. מיר וועלען פון דעם תנ"ך אויסגעפינען די סיבה פון דער פאַראָרדענונג פון יובל.

גאָט האָט דערלויבט די אידען צו ווערען אָוועקגעפיהרט אין גלות בבל און ארץ ישראל זאָל בלייבען צעשטערט במשך פון 70 יאָהר. דאָס איז אין געגויעם אנקלאַנג מיט ירמיה'ס נביאה: „און דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיין צו צעשטערונג און צום שטוינען, און דידאָזיגע פעלקער וועלען דינען דעם קעניג פון בבל זיבעציג יאָהר. און עס וועט געשעהן ווען די זיבעציג יאָהר וועלען זיך ענדיגען וועל איך אונטערזוכען דעם קעניג פון בבל און יענעם פאָלק, זאָגט גאָט, זייגע זינד און דאָס לאַנד כשדים, און וועל אים מאכען פאר אן אייביגע וויסטעניש." (ירמיה כ"ה:11, 12).

הגם דער נביא האָט געזאָגט, אז זיי וועלען דינען אן אַנדערען קעניג זיבעציג יאָהר, וואָלטען מיר באַהויפּטען אַז זיי וועלען פּטור זיין פון דער קנעכטשאַפט. דערזעלביגער נביא זאָגט: „ווארים אזוי זאָגט דער האר, ווען עס וועט ערפילט ווערען זיבעציג יאָהר צו בבל, וועל איך אייך באַזוכען און וועל ערפילען מיין גוט וואָרט וועגען אייך, צוריקצוקערען אייך אין דעמדאָזיגען אָרט". (ירמיה כ"ט: 10).

עס האָט אַקוראַט געדויערט 70 יאָהר, אַז נבוכדנאצר האָט וויסט געמאַכט ארץ ישראל און די אידיין האָבען זיך צוריקגעקערט פון גלות-בבל קיין ארץ-ישראל. גאָט גיט אָן די אורזאַך פאַר וואָס דאָס לאַנד איז וויסט געוואָרען אין דער דאָזיגער צייט. „כדי דעם האר'ס וואָרט זאָל דערפיהלט ווערען דורך ירמיה'ס מויל, ביז וואַנעט דאָס לאַנד זאָל אָפּהיטען איהרע שבתים;

זוייל אזוי לאַנג, ווי עס איז געווען וויסט האָט עס גערוט אום צו אויספילען 70 יאָהר.״ (דברי הימים ב, ל״ו: 21).

פונקט אין דער צייט און צום סוף פון די 70 יאהר פאַר־זויסטונג, האָט דער פּערסישער קעניג צוריקגעשיקט די אידען אין זייער אייגען לאַנד, ווי עס שטעהט געשריבען אין דברי הימים ב, ל״ו: 22. „און אין דעם ערשטען יאָהר פון כורש מלך פרס, כדי צו דערפילען דעם האר׳ס וואָרט דורך ירמיה׳ס מויל, האָט דער האר דערוועקט דעם גייסט פון כורש מלך פרס און ער האָט געלאָזט אויסרופען דורך זיין גאַנצער קעניגרייך און דורך אַ שריפט״.

אזוינאָך ווערט דערוויזען, אז כל זמן די אידען האָבען ניט געהאָרכט דעם האר אָפּצוהיטען די שבת־יאָהרען, האָט ער דערלויבט, אז די אידען זאלען אין געפאַנגשאפט אוועקגעפיהרט ווערען און ארץ ישראל זאל ווערען פאַרוויסט, כדי דאָס לאַנד זאָל געניסען די שבתים. דאָס ווערט אויך באשטעטיגט דורך משה׳ן:

„דאַן וועט דאָס לאַנד געניסען איהרע רוה־יאָהרען — די גאַנצע צייט וואָס זי זועט ליידיג זיין און איהר — פאַרטריבען אינ׳ם לאַנד פון אייער פיינד, וועט דאָס לאַנד רוהען און צעהלען איהר רוה־יאָהרען. זייענדיג לעדיג וועט זי רוהען, ווייל זי האָט ניט גערוהט איהרע רוה־יאָהרען ווען איהר האָט איהר באזעסען... ווען דאָס לאַנד וועט פון זיי פאַרלאָזען זיין און וועט געניסען איהרע רוה־יאָהרען זייענדיג פאַרוויסט פון זיי, און אויך זיי וועלען זייער זינד אנערקענען — אז דאָס האָט זיי געטראָפען נאָר ווייל זיי האָבען פאַרהאַסט מיינע רעכט און פאַראַכטעט מיינע געזעצען.״ (ויקרא כ״ו; 34, 35, 43).

די תורה האָט פאַרלאַנגט, אז דער יובל זאָל אָפּגעהיט ווערען יעדע פופציגסטע יאָהר. די צייט פון פאַרוויסטונג האָט געדויערט 70 יאָהר. דער גאַנצער סכום פון יובלות איז געווען 70. וואָס איז געווען גאָט׳ס צוועק אין האַלטען פעסט ביי דעם סכום? דער ענטפער איז, אז 70 יובלות (3500 יאָהר) האָבען באצייכענט די צייט, וואָס דאַרף פאַראיבערגעהן כדי עפּעס בעסערס צו דערוואַרטען. גאָט האָט געזאָגט אין דער תורה, 70 יובלות (3500 יאָהר) וועלען דורכגעהן ביז וואַנען עס וועט זיך אָנהייבען דער גרויסער יובל.

דאָס וואס האָט באַדאַרפט זיין דער צוועק אין באַשטי־מען 70 יובלות איז געוויס דאָס, וואָס די ענינים פון דער תורה האָבען פאַראויסגעשפּיגעלט קינפטיגע בעסערע ער־שיינונגען, און אז די תורה איז פאָרבילדיג און ווען עס וועט זיך ענדיגען דאָס פאָרבילד וועט זיך מוזען אָנפאַנגען דאָס פאָר־אויסגעשפּיגעלטע.

די הבטחה צו אברהמ׳ען איז געווען: „דורך דיין זאָמען וועלען אַלע פעלקער פון דער ערד געבענשט זיין." וואָס פאַרא ברכה איז דאָס? די ברכה קאָן ניט דערפיהלט ווערען ביז דער מענש האָט ניט פולקאָם דערגרייכט אַלץ, וואָס אדם האָט פאַרלאָרען דורך זיין זינד און דורך זיין פאַרטריבען ווערען פון גן־עדן.

דער יובל האָט געדינט דעם צוועק כדי ווידער צוריק־דערגרייכען אַלץ, וואָס איז אַוועקגענומען געוואָרען. עס האָט ניט געקאָנט מיינען עטוואָס אנדערש ווי די ברכות פון צוריקאויפלעבען, ווי גאָט האָט פאַרשפּראָכען דורך אברהמ׳ען. דערפאַר פיהרט דער סוף פון די טיפּישע יובל־יאָהרען צו דער געוויסער צייט פון דעם אָנפאַנג פון די פאַרשפּראָכענע ברכות, וואס קאָן ערוואַרטעט ווערען אין דער צייט פון גרויסען ווירק־ליכען בילד.

די צייט.

עס איז זעהר וויכטיג פעסטצושטעלען, ווען מען פאַנגט אָן צו צעהלען די זיבעציג פאָראויסבאַשטימטע יובלות און ווען וועט זיך ענדיגען די זיבעציגסטע, ווייל דאָס וועט באַ־צייכענען דעם גרויסען יובל. די תורה פאַרלאַנגט, אז די אידען זאָלען אנפאַנגען צו צעהלען די צייט פון דעם טאָג אָן ווען זיי זיינען געקומען קיין ארץ ישראל אונטער יהושע׳ס לייטונג, וואס האָט אויך פאַסירט אין פריהלינג פון יאָהר 2553, רעכענ־ענדיג נאָך דעם באַשאַפען פון דער וועלט. די תקופות פון 70 שבת־ציקלען צו 49 יאָהר. די תורה האָט באַשטימט, אז נאָך יעדע איינצעלנע 49 יאָהר שבתים פאָלגט א יובל יאָהר. פון דעם איז געדרונגען אז 70 יובלות דאַרפען געצעהלט ווערען און ניט מעהר.

דער פאַקט, אַז די יובלות דאַרפען יעדעס פופציגסטע יאָהר 70 מאָל ווידערהאָלט ווערען, באַווייזט, אַז דער יובל איז געוועזן אַ פאָרבילד. 70 יובלות צו 50 יאָהר באַטרעפט 3500 יאָהר. ווען מיר וועלען צוגעבען 3500 יאָהר צו 2553 נאָכ׳ן באַשאַפען, וועלען מיר אָנקומען צום יאָהר 6053 נאָכ׳ן באַשאַפען. לויט דער מאָדערנער צייטרעכנונג, זיינען די אידען נאָך ארץ ישראל געקומען אין פריהלינג פון יאהר 1575 פ. ק. און צוגעבענדיג 3500 יאהר קומען מיר צום סוף פון יאָהר 1925 נ. ק., ד. ה. 6053 נאָכ׳ן באַשאַפען און 1925 נ. ק., וואָס זיינען איינע און דיזעלבע דאַטעס.

וואָס קאָנען מיר ערוואַרטען צום סוף פון יאָהר 1925? דאָס קאָן באַשטימט ווערען לויט דער תורה. וואָס האָט פאָר־אויסגעזאָגט אַז אין יאָהר פון יובל זאָל יעדער מענש זיך צו־ריקקעהרען צו זיין נחלה. אַזוי באַשטעטיגט די תורה, אַז דער יובל איז די צייט פון ווידעראויפלעבונג.

זינט דאָס ווידעראויפלעבען איז די ברכה, וואָס איז באַ־אַבזיכטיגט געוואָרען דורך גאָט׳ס הבטחה צו אברהמ׳ען און יעדער איינצעלנער פון די נביאים פון שמואל׳ן ביז מלאכי׳ן האָט פאָראויסגעזאָגט די קומענדיגע צייט פון גרויסען אומ־קערען זיך צו אַלע זאַכען, דאַן באַצייכענט דער אָנפאַנג פון ווירקליכען יובל־בילד די דאָזיגע צייטען פון דער אויפלעבונג.

איצט איז זעהר אינטערעסאַנט צו באַמערקען וואָס איי־גענטליך פאַרלאַנגט די תורה אז עס זאָל געטאָן ווערען כדי אָנצוזאָגען דעם אָנפאַנג פונ׳ם יובל. דער יובל וועט אָנגע־זאָגט ווערען צום סוף פון יום־כפור פון יעדען 49טען יאָהר:

„און דו זאָלסט לאָזען אויסרופען מיט׳ן שופר פון שאַ־לונג אין זיבעטען חודש, אין דעם צעהנטען טאָג, אין יום כפורים זאָלט איהר לאָזען אויסרופען מיט אַ שופר דורך אייער גאַנץ לאַנד. און איהר זאָלט היילינגען דאָס גאַנצע פופציגסטע יאָהר. און איהר זאָלט אויסרופען באַפרייאונג אין לאַנד צו אַלע זיינע איינוואוינער, דאָס זאָל זיין אַ יובל צו אייך, און איהר זאָלט צוריקקעהרען איטליכער צו זיין באַזיץ, איטליכער צו זיין משפחה זאָלט איהר צוריקקעהרען.” (ויקרא כ״ה: 10,9).

דאָס שאַלען פון דעם שופר האָט געהאט דעם צוועק מבשר צו זיין פאר'ן פאָלק, אז דאָס יובל יאָהר איז אָנגעקומען, און מיט דעם פאנגט זיך אָן דאָס אויפלעבונג פון אַלץ, וואָס איז פארלאָרען.

וואָס האָט באדייט דער שופר פונ'ם יובל? א שופר איז א סימבאָל אָנצוזאגען דאָס פאָלק, אז די צייט איז גע־קומען עפעס צו ערווארטען בנוגע דעם יובל, וואס וועט זיי העלפען.

אויב דער סוף פון יאהר 1925 באצייכענט דעם סוף פון דעם לעצטען זיבעציג יעהריגען פעריאד, דאן פאָלגט, אז מיר זאָלען דערווארטען דעם אָנזאָג פון דער צייט בנוגע גאט'ס גרויסען פלאַן פון ווידעראויפלעבונג. די אידען וועלען די ערשטע געניסען דעם חסד, נאָכדעם אַלע די, וואס האָבען גאָט געפאלגט. עס קאָן ניט געמאָלט זיין קיין ווידעראויפלעבונג אָהן דעם וויסען, ווי ס'איז אוממעגליך צו געבען א מענשען עפעס, סיידען ער ווייס וועגען דעם. א מתנה איז א קאָנ־טראַקט און וויסען איז דער ערשטער ממשות'דיגער גרונד מצד דעם געבער און דעם נעמער.

דער טאָל פון טרוקענע ביינער

קאפיטעל 10.

גאָט האָט באַנוצט אמאָליגע פרומע לייט כדי מיט זיי אויסצופיהרען זיינע צוועקען און ער האָט מיט בילדער פּאָראויסגעשפּיגעלט די ווייטערדיגע שריט אין צוזאַמענקלייבען די אידען קיין ארץ־ישראל. זיינע נביאים האָבען געזעהן זעהונגען, וואס האָבען פאָרגעשפּיגעלט די שפּעטערע קומענדיגע ענינים.

יחזקאל איז געווען איינער פון די וואס האָט געליבט גאָט און אַלס אַן אמאָליגער פרומער מאַן, האָט ער אויך געטאָן גאָט'ס ווילען. יחזקאל האָט אָנגעוויזען אויף דעם פאקט, אז גאָט'ס גייסט האָט אויף איהם גערוט ביי אַ געוויסער געלעגענהייט און גאָט האָט איהם אַוועקגעטראָגען און איהם געבראַכט צווישען טרוקענע ביינער. דערמיט דאַרף מען פאַרשטעהן, אז יחזקאל איז געווען אין א טראַנס ווען ער האָט געזעהן זיין זעהונג. גאָט האָט פאַראורזאַכט, אַז ער זאָל אין זיין דמיון ארומגעהן דעם טאָל און דאַרטען זעהן פילע טרוקענע ביינער. יחזקאל האָט ניט פאַרשטאַנען וואס עס מיינען די דאָזיגע טרוקענע ביינער וואס האָבען ניט געהאַט אין זיך קיין לעבען. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דאָס באַציהט זיך אויף כל בית־ישראל. די שפּעטערדיגע פאקטען וועלען צייגען, וואָס פאַרא שייכות האָט דאָס מיט ישראל'ן.

גאָט האָט געלאָזט אזעלכע נביאות שרייבען דורך זיינע נביאים, וועלכע מען האָט דאַמאלסט ניט פאַרשטאַנען. אָבער די זעהונגען וועט מען פאַרשטעהן אין א געוויסער צייט, ווען די נביאות וועלען דערפיהלט ווערען, און דער ביבעל־פאָרשער וועט אין דעם ליכט פון די נביאים און צוליב די ממשות'דיגע פאקטען קאָנען פאַרשטעהן זייער מיין.

„די האַנט פון'ם האר איז אויף מיר געווען, און דער האר

האט מיך ארויסגעבראכט דורך דעם רוח און מיך אראפגעלאזט אינמיטען פון טאל, וואס איז געווען פול מיט ביינער. און ער האט מיך איבער זיי דורכגעפיהרט רינגס־ארום, און זעה, זיי זיינען זעהר פיל געווען אין דעם אפענעם טאל, און זיי זיינען געווען זעהר טרוקען. און ער האט צו מיר געזאגט, בן־אדם, קאנען דיזע ביינער לעבען? אזוי האב איך געזאגט, אוי, האר, גאט, דו אליין ווייסט עס. און ער האט צו מיר געזאגט, זאג נביאות איבער די דאזיגע ביינער און זאלסט זיי זאגען, אוי, איהר פארדארטע ביינער, הערט דאס ווארט פונ'ם האר. אזוי זאגט דער האר גאט צו די דאזיגע ביינער, זעהט, איך וועל אין אייך אריינברענגען א רוח און איהר וועט לעבען, און איך וועל אויף אייך געבען אדערען און ברענגען פלייש און אייך באדעקען מיט הויט, און וועל אין אייך געבען א רוח, און איהר וועט לע־בעדיג ווערען און וועט וויסען אז איך בין דער האר.

„אזוי האב איך נביאות געזאגט, ווי מען האט מיר גע־באטען, און ווען איך האב נביאות געזאגט האט זיך א שטים דערהערט און זעה, עס איז געווארען א רעש, ווארים די ביינער זיינען נאהענט געווארען, איין ביין צום אנדערען ביין. און דאן האב איך געזעהן, אז עס איז איבער זיי געווען אדערען, און פלייש איז אויף זיי געקומען, און א הויט האט זיי באדעקט פון אויבען, אבער עס איז אין זיי ניט געווען קיין רוח. און ער האט צו מיר געזאגט, זאג נביאות צו דעם רוח, זאג נביאות, דו בן־אדם! און דו זאלסט זאגען צום רוח, אזוי זאגט דער האר גאט, קום פון די פיר ווינטען, אוי רוח און בלאז אויף די דאזיגע הרוגים כדי זיי זאלען לעבען. און איך האב נביאות געזאגט, ווי ער האט מיר געבאטען, און דער רוח איז אין זיי אריינגעקומען, און זיי האבען געלעבט, און זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע פיס א זעהר גרויסער חייל. און ער האט צו מיר געזאגט, בן־אדם, דיזע ביינער זיינען דאס גאנצע הויז ישראל: זעה זיי זאגען, אונזערע ביינער זיינען פארדארט, אונזערע האפנונג איז פאר־לארען און מיר זיינען פארשניטען געווארען. דארום זאג נביאות, און דו זאלסט זיי זאגען, אזוי זאגט דער האר גאט, זעהט, איך וועל אויפמאכען אייערע קברים און ארויפברענגען פון אייערע קברים, מיין פאלק. און איך וועל געבען מיין רוח אין אייך, און איהר וועט לעבעדיג ווערען און איך וועל אייך מאכען רוהען אויף אייער אייגען לאנד, און איהר וועט וויסען אז איך דער האר האב עס גערעדט, און איך האב עס געטאן, זאגט דער האר". (יחזקאל ל"ז: 1־14).

דער האר האט געפרעגט יחזקאל'ען צי די ביינער קאנען לעבען. יחזקאל האט, נאטירליך, געענטפערט: „א,

האר, דו ווייסט עס, צי זיי האָבען א האָפנונג, דו ווייסט עס". דאן האָט גאָט געזאָגט צו יחזקאל'ען, אז די ביינער שטעלען פאָר דאָס גאַנצע הויז ישראל. דער טאָל באדייט דער קבר פון דער אידישער נאַציע, וואָס איז פארגעסען געגאַנגען אין יאָהר 73 נ. ק. דאָס אידישע פאָלק איז צושפּרייט געוואָרען אויף דער גאַנצער ערד, זיי האָבען לאַנג געשריען נאָך א ישועה פון גאָט. און זיי האָבען א סך מאָל געזאָגט: „אונ־זערע ביינער זיינען טרוקען, אונזערע האָפענונגען פארלאָרען, מיר זיינען אָפּגעשניטען געוואָרען". דורך א סך יאָהר־הונדערטע זיינען זיי געבליבען אָהן א מזבח, אָהן קרבנות, אָהן ימים־טובים, אָהן גאָט ביז צו פארצווייפלונג. קיין זאך האָט ניט גע־קאָנט זיי בעסער פאָרשטעלען ווי דער טאָל פון די טרוקענע ביינער.

וואָס איז דורך יחזקאל'ען געזאגט געווארען איז געווען צו דערוועקען זייערע האָפנונג: „אָ, איהר טרוקענע ביינער, הערט דאָס וואָרט פונ'ם האר". וואָלטען די אידען אנערקענט זייער גאָט און געהאָרכט זיין וואָרט, וואָלטען אויך זייערע האָפנונגען דערוועקט געוואָרען. די וואָס הערען גאָט'ס וואָרט און גלויבען אין דעם האָבען אויך די הבטחות פון לעבען". דאן זאָגט יחזקאל אין זיין נבואה: „אזוי האָב איך פאר־אויסגעזאָגט, ווי מען האָט מיר געבאָטען, און ווען איך האָב נביאות געזאָגט, זיינען נאָהענט געקומען איין ביין צום אנדערן ביין".

וואָס קאָן דאָס פאָרשטעלען מיט זיך? די שפּראך איז סימבאָליש. דער געשטעל פון מענשליכען קערפּער באשטעהט פון ביינער. גוף מיינט סימבאָליש די איינריכטונג (זעה ישעיה נ"ב: 7). דערפאָר מיינט עס דאָס צוזאמענקלייבען פון די ביינער, דאָס אויפבויען פון אן איינהייטליכקייט.

עס איז ווינשענסווערט צו באמערקען די פאקטען וועגען דער דערפיהלונג פון די דאָזיגע נביאות: ארום 1878 האָבען זיך פארשטארקט די פארפאָלגונגען פון די אידען אין רוסלאנד, דייטשלאנד, רומעניען און אז. וו. דאן איז פאָרגעקומען א גרויסע אויפטרייסלונג צווישען אידען. דאָס איז געווען אן אויפטרייסלונג וואָס דייט אָן אויף דעם רעש פון די טרוקענע

ביינער. דאס האט פאראורזאכט א שטארקע בענקשאפט אין די הערצער פון די אידען צוריקקעהרען זיך אין זייער אייגען לאנד. גאט'ס שטים האט זיך דערהערט דורך טהעאדאר הערצל, וואס האט ליב געהאט זיין פאלק און געווען גרייט איהם צו דינען:

הערצל האט געזאגט: „די אומגליקען פון די אידען איז געווען די טרייב־קראפט, וואס האט פאראורזאכט די פארמירונג פון דעם ציוניזם." דער דאזיגער אויפטרייסלענדער טומעל פון די רדיפות האט געמאכט מעגליך, אז די ביינער, ד. ה. די אידען זאלען צוריק אויסבילדען דעם סקעלעט, די ארגאני־זאציע, וואס האט פאראויסגעטראכט דעם צוריקקעהר און אויפבוי פון זייער היימאט. דעם מענשענ'ס סקעלעט באשטעהט פון 206 ביינער. דער ציוניזם האט באקומען זיין גוף אין באזעל, שווייץ, אין יאהר 1897; און אין דעם ארגאניזירטען קאנגרעס זיינען געווען 206 דעלעגאטען, ד. ה. דיזעלבע צאהל פון וואס עס באשטעהט דער מענשליכער ארגא־ניזם. דאס איז ניט געווען קיין צופאל, נאר א פאקט פון גאט צוגעגרייט, באווייזענדיג ווי דער האר באטראכט די קלענסטע ענינים בנוגע דער ווידעראויפלעבונג פון די אידען, וואס דערוועקט האפנונג און טרייסט. באטראכטען דעם סקעלעט גופא איז ניט קיין אנגענעמע און א מיאוס'ע זאך. איידער א סקעלעט קאן באנוצען אלע פונקציעס פון א מענשען, מוז ער באזיצען פלייש און אדערען און אויך הויט צו באדעקען די מיאוסקייט. כדי די ציוניסטישע ארגאניזאציע זאל קאנען פונקציאנירען, מוז זי האבען כח און ענערגישע מענשען, וואס זיינען רעפרעזענטירט דורך פלייש און אדערען כדי צו באשא־פען און אנציהענדען אויסזעהן פאר דעם עולם. די ציוניסטען ווייסען וואס מיינט א קאמף און ווי אזוי אנצופילען די רייהען מיט מענשען; ווי צו שאפען געלט און צו אנאנסירען די באוועגונג פאר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. אזוינאך זעהען מיר ווי וואונדערבאר גאט האט געשילדערט די נויטווענדיגע שריט, וואס דארפען געמאכט ווערען, כדי צוריק צו ברענגען די אידען אין זייער היים. דאן גיט צו דער נביא: „און ווען איך האב געזעהן עס איז איבער זיי געווען אדערע, און פלייש

איז אויף זיי געקומען, און א הויט האָט זיי באַדעקט פון אויבען, אָבער עס איז אין זיי ניט געווען קיין גייסט."

אין משך פון די לעצטע עטליכע יאָהר זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען די גרעסטע אָנשטרענגונגען מצד די אידען צו זאמלען מענשען און געלט און צו דערגרייכען געוויסע רעזולטאטען אין דעם אויפבוי פון זייער לאַנד, אָבער עס פעהלט נאָך א סך, ווי מר. לעאָן סיימאָן באמערקט: „פאלעסטינע האָט נאָך ניט דערגרייכט איהר ווידער־אויפבוי, די אידען זיינען נאָך ניט אזא פאראייניגטע קערפערשאפט אין וועמעס הענט עס קאָן געגעבען ווערען אלא לאַנד."

ניט קוקענדיג אויף די גרויסע אָנשטרענגונגען פון דעם אידישען מארך און געלט, זעהען זיי איין די גרויסע שוועריג־קייטען אין צוריק באַזעצען זייער לאַנד און וואָס עס פעהלט אלץ אין זייער באוועגונג. דער האר אליין ענטפערט אויף דעם אין זיין נבואה: „די ביינער, דאָס פלייש, די אָדערען און די הויט זיינען פאראַן, אָבער עס איז נישטאָ קיין רוח אין זיי." זיי האָבען נאָך ניט דערוואָרבען דעם ריכטיגען גייסט. די אידען דארפען אבער ניט ווערען פארצווייפעלט, ווייל גאָט'ס נביא באווייזט דייטליך אין זיין נבואה, אז דער גייסט וועט שוין קומען אין דער אָרגאַניזאציע און גאָט וועט זיין פאָלק באַזעצען אין זייער לאַנד, ווייל די צייט איז שוין געקומען:

„דאַן האָט ער צו מיר געזאָגט: זאָג נביאות צום לעבענס־גייסט, זאָג נביאות, מענשען קינד, און זאָג צום לעבענס־גייסט: אזוי זאָגט דער אלמעכטיגער — קום, לעבענס־גייסט, פון אלע פיר זייטען, בלאָז אויף די הרוגים ביז זיי וועלען לעבעדיג ווע־רען! איך האָב געזאָגט נביאות ווי ער האָט געהייסען, און דער לעבענס־גייסט איז אריין אין זיי; זיי זיינען לעבעדיג געוואָרען און געשטעלט זיך אויף זייערע פיס, זעהר א גרויסע ארמיי". (יחזקאל ל"ז: 9, 10).

די דערמאָנטע ווערטער גייסט און ווינט הייסען אין העב־רעאיש רוח. (בראשית ב', 7).

גייסט און ווינט זיינען אומזעהבאר און פול מיט כח. דער באשאפענער מענש האָט זיך ניט געקאָנט באוועגען ביז גאָט האָט אין איהם אריינגעבלאָזען דעם רוח. עס איז געווען די אומזעהבארע קראפט פון גאָט, וואָס האָט איהם באוועגט

צום לעבען און פעולה. דער רוח אין יחזקאל'ס נבואה, ווייזט דאָס בילד פון רוח (גייסט), אָדער טרייב־קראַפט, וואָס גאַרט נאָך טעטינקייט, איידער דאָס גאַרען קאָן רעאַליזירט ווערען מוז זייער רוח זיין אין איינקלאַנג מיט גאָט.

דער באַגרינדער פון ציוניזם זאָגט: „דער פאַרגעשלאָגענער פּלאַן שליסט איין דאָס אויסנוצען פון אַן עקזיסטירענדער טרייב־קראַפט, און דאָס זיינען די צרות פון די אידען.“ זייער געגענוואַרטיגער צוועק איז צו געפינען פאַר זיך אַ היים, וואו זיי זאָלען קאָנען לעבען בשלום. יעדער מוז צוגעבען, אַז זייער מאָטיוו איז אַן עגאָאיסטישער. דער זעלבסט־אינטערעס צווינגט זיי צו גאַרען נאָך טעטינקייט. איידער די אידען זאָלען האָבען ערפאָלג אין אַלע רעכט און פאַרשפּראָכענע ברכות אין ארץ ישראל, מוזען זיי האָבען דעם רוח ה', ד. ה. זייער מאָטיוו אָדער זייער טרייב־קראַפט, וואָס באַוועגט זיי צו דער טעטיג־קייט, מוז זיין אַבסאָלוט ניט עגאָאיסטיש. עס מוז זיין די ליבע, ד. ה. קיין זעלבסטזוכט, ווי גאָט'ס הויפּט־צוואה צו ישראל איז געווען:

„און דו, ישראל, זאָלסט הערען, און היטען דאָס צו טאָן, כדי עס זאָל דיר גוט זיין, און אַז דו זאָלסט זיך זעהר פאַרמעה־רען, אַזוי ווי דער האַר, דער גאָט פון דיינע עלטערען האָט צוגע־זאָגט אין דעם לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניג. הער, ישראל, דער האַר אונזער גאָט איז דער איינציגער גאָט און דו זאָלסט ליבען דעם האַר מיט דיין גאַנצען האַרצען און מיט דיין גאַנצער זעעל און מיט דיין גאַנצען פאַרמעגען. און די דאָזיגע ווערטער, וואָס איך געבאָט דיר היינט, זאָלען זיין אויף דיין האַרץ.“ (דברים ו': 3־6).

דאָס וויכטיגסטע פאַר די אידען איז צו האָבען אַ ניי האַרץ צום אויפבוי פון ארץ־ישראל און זיי מוזען גאַרען נאָך דעם צוליב זייער אמונה און ליבע צו גאָט. קיינער קאָן ניט האָבען קיין אמונה אין גאָט, אָהן ליבע צו איהם. און יעדער וואָס ליבט גאָט, וועט אויך אמונה און בטחון אין איהם האָבען.

דער האַר זאָגט:

„פאַרלאָז דיך אויף דעם האַר מיט דיין גאַנץ האַרץ, און לעהן דיך ניט אָן אויף דיין אייגענעם פאַרשטאַנד. דערקען איהם אין אַלע דיינע וועגען און ער וועט רעכפערטיג מאַכען דיין וועג.“ (משלי ג': 5, 6).

זאָל ניט זיין דער מאָטיוו פון ציוניזם אויפצובויען א מעכטיגע און רייכע אידישע נאציע, נאָר זאָלען זיי פול מיט גלויבען זיך צוריקקעהרען קיין ארץ־ישראל און אויפבויען זייער היים, ווייל דאָס איז געווען א הייליגע זאך פאר זיי און פאר זייערע אבות און ווייל גאָט האָט עס פאַרשפּראָכען צו געבען אברהמ׳ען און זיינע קינדער. לאָזען זיי האָבען אמונה אין גאָט און אין זיינע הבטחות, זאָלען זיי ליבען און דינען זייער גאָט, אלס דעם איינציגען און אמת׳ן גאָט און אָנערקענען איהם און זיינע וועגען, וועט ער אזוי ריכטען זייערע דרכים, אז זיי וועלען קיינמאָל מעהר ניט גרייזען און דער שטן וועט זיי ניט קאָנען טאָן קיין שום שלעכטס. זיי וועלען באזיגען אלע זייערע שונאים און באזעצענדיג זייער היים וועלען זיי זיין א כבוד פאר גאָט, וואָס האָט זיי ליב.

די אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט קיין ארץ ישראל אָהן אמונה. דער האר האָט שוין זיינע חסדים באוויזען און איצט מוזען זיי זיין פול מיט אמונה אין זיינע הבטחות. זיי קאָנען אָבער ניט האָבען קיין בטחון אין זיינע הבטחות אָהן וויסען. און וויסען קאָנען זיי נאָר דאן ווען עמיצער ציהט זייער אויפמערקזאמקייט אויפ׳ן גרויסען אמת, וואָס גאָט׳ס וואָרט אנטהאלט. די היינטיגע דורות פון די אידען זיינען ניט פאַר־אנטוואָרטליך פאר די טעות׳ן פון זייערע אָבות אָדער פון די רבנים, וואָס באהאלטען זייער איינענע חכמה וואָס וועט פאַרשווינדען, ווי דער נביא ישעיה האָט פאָראויסגעזאָגט (ישעיה כ״ט: 10-14; נ״ו 11,10). א סך אידען האָבען זיך צוריקגעקעהרט קיין ארץ־ישראל און גאָט וועט זיי ווייזען זיין ליבע און זיי געבען א נייע הארץ און גייסט.

„דארום זאָג אזוי, זאָגט דער האר גאָט, איך וועל אייך איינזאמלען פון די פעלקער, און פאַרזאמלען פון די לענדער, וואו איהר זייט אין זיי צושפּרייט, און איך וועל אייך צוריקגעבען ארץ ישראל. און אז זיי וועלען דאָרט אהינקומען, וועלען זיי אָפּשאפען אלע אומווירדיגקייטען און אלע גרוילטאַטען. און איך וועל זיי געבען א הארץ און א נייעם גייסט וועל איך זיי געבען, און פון זייער פלייש אָפּטאָן דאָס שטיינערנע הארץ און איך וועל זיי געבען א הארץ פון פלייש. כדי זיי זאָלען געהן אין מיינע געזעצען און היטען מיינע משפטים, און טאָן זיי.

און צו מיר זיין אַ פאָלק און איך וועל צו זיי זיין אַ גאָט.״ (יחזקאל י״א : 17-20).

אברהם, יצחק, יעקב און אלע נביאים האָבען געהאַט דעם רוח ה׳. זיי האָבען נעפּאַרכט גאָט צוליב זייער ליבע און אמונה צו איהם. גאָט האָט פאַרשפּראָכען אברהמ׳ען, אַז ער און זיינע קינדער וועלען ארץ־ישראל ירשנ׳ענען. גאָט וועט ניט פאַר־לעצען זיין הבטחה. יענע אמת׳דיגע וועלען אויפשטעהן תחית המתים און זיך באַזעצען אין פּאַלעסטינע. די וואָס האָבען געהאַט דעם גייסט פון אברהם, וועלען אויך האָבען די רייכע ברכות.

„דארום זאָג נביאות, און זאָלסט זיי זאָגען, אַזוי זאָגט דער האר גאָט, זעהט, איך וועל אויפמאַכען אייערע קברים און אייך ארויפברענגען פון אייערע קברים, אוי, מיין פאָלק, און איך וועל אייך אריינברענגען אין ארץ ישראל. און איהר וועט וויסען, אַז איך בין דער האר, ווען איך וועל עפענען אייערע קברים און אייך ארויפברענגען פון אייערע קברים, אוי מיין פאָלק. און איך וועל געבען מיין רוח אין אייך און איהר וועט לעבעדיג ווערען, און איך וועל אייך מאַכען רוהען אויף אייער אייגען לאַנד, און איהר וועט וויסען, אַז איך, דער האר, האָב עס גערעדט, און איך האָב עס אויך געטאָן, זאָגט דער האר.״ (יחזקאל ל״ז : 12-14).

איז דאָס געווען גאָט׳ס איינציגער צוועק צו באַזעצען ישראל אין פּאַלעסטינע און צוריק געבען זיי זייער לאַנד? גאָט׳ס צוועק איז צונויפצוזאַמלען די אידען קיין ארץ־ישראל, כדי זיי צו מאַכען מעכטיגער ווי זיי זיינען געווען פאַרצייטען, אַז די פעלקער זאָלען דורך די אידען דערגרייכען די האַרמאָניע מיט גאָט און אַז אלע פעלקער פון דער ערד זאָלען באַקומען אַ ברכה דורך אברהם׳ס זאָמען, ווי עס איז געווען פאַרשפּראָכען, און דערפאַר האָט גאָט צוגעזאָגט צו מאַכען אַ נייעם בונד מיט די אידען.

דער נייער ברית.

דער בונד, וואָס גאָט האָט געשלאָסען מיט ישראל׳ן אין מצרים און שפּעטער באַשטעטיגט ביים באַרג סיני, איז געווען אין זכות פון די אידען. דער וויכטיגסטער טייל פון די עשרת הדברות איז: „דו זאָלסט ניט האָבען קיין אַנדערע געטער פאַר מיין אָנגעזיכט״. אויב ישראל וואָלט געהאַט אמונה אין

דער דאָזיגער צואה און א פולקאָמענעם בטחון, וואָלט דער האר זיי געשיצט פון דעם שטנ'ס ווירקונג.

• גאָט האָט אין דעם תנ"ך אויסגערעכענט די ברכות, וואָס זיי ערוואַרט, אויב זיי וועלען דערפיהלען זיין בונד; און אויך די שטראָף אויב זיי וועלען איהם ניט פאָלגען (דברים, קאפיטעל כ"ח) זאָל איטליכער לייענען דעמדאָזיגען קאפיטעל און אויך די געשיכטע פון ישראל און זיי וועלען מסתמא זעהן, ווי גאָט האָט געהאַלטען זיין פארשפרעכונג. די אידען זיינען צעשפרייט געוואָרען צוליב ניט האַלטען דעם בונד. זיי האָבען דורכגעלעבט א שוידערליכע נאַכט פון קריג, וואָס האַלט איצט ביים סוף, און דער האר קעהרט זיי אום צוריק אין זייער אייגען לאַנד, שליסענדיג א נייעם בונד מיט זיי, ווי פארשפראָכען:

„זעה, איך פארזאַמעל זיי פון אַלע לענדער, וואו איך האָב זיי פארשטויסען אין מיין צאָרן און מיין גרימצאָרן און גרויסען צאָרן, און איך וועל זיי צוריקקערען צו דעמדאָזיגען אָרט און וועל זיי מאַכען וואוינען אין זיכערקייט. און זיי וועלען מיין פאָלק זיין און איך וועל זייער גאָט זיין. און איך וועל זיי געבען איין האַרץ און איין וועג, מיך צו פירכטען אַלע צייט, עס זאָל זיין גוט זיי און זייערע קינדער נאָך זיי. און איך וועל מיט זיי שליסען אַן אייביגען בונד, אַז איך זאָל מיך ניט אָפּקערען פון זיי פון גוטס טאָן צו זיי, און מיין פורכט וועל איך אריינגעבען אין זיין האַרצען זיי זאָלען זיך ניט אָפּקערען פון מיר. און איך וועל מיך פרעהען איבער זיי, זיי גוטס צו טאָן, און איך וועל זיי פאַרפלאַנצען אין דיזען לאַנד מיט וואַרהייט, מיט מיין גאַנצען האַרצען און מיט מיין גאַנצער זעעל. ווייל אַזוי האָט געזאָגט גאָט: ווי איך האָב געבראַכט אויף דעמדאָזיגען פאָלק דעם גאַנצען אָט אָ דעם אומגליק, אַזוי וועל איך ברענגען אויף זיי אַל־דאָס־גוטס, וואָס איך האָב גערעדט וועגען זיי". (ירמיה ל"ב: 37-42).

חכמה, וואָס הייסט צו באַנוצען וויסען לויט גאָט'ס שטייגער, קאָן בלויז דערלערענט ווערען דורך הערען און דורך ערפאַהרונג. דאָס וויכטיגסטע אין חכמה איז גאָט'ס פאָרכט. „דער אָנהייב פון חכמת איז די פאָרכט פון גאָט, א גוטען שכל האָבען אַלע די וואָס דערפילען זיינע געבאָט, זיין לויב באַשטעהט אויף אייביג." (תהלים קי"א: 10). גאָט'ס פּלאַן איז א לאַנגע צייט געווען א סוד פאַר דעם מענשען, נאָר די יעניגע וויסען וועגען דעם, וואָס ליבען און דינען איהם. „גאָט'ס סוד

אַיז אַנטפּלעקט צו די, וואָס פאָרכטען איהם און ער מאכט צו זיי באַקאַנט זיין ברית". (תהלים כ"ה: 14). איצט האָט גאָט צונויפגעזאַמעלט אַ סך אידען קיין ארץ־ישראל. ווען זיי וועלען אָנהויבען צו וואַקסען אין חכמה דורך עהרען איהם און שטרעבען צו טאָן זיין ווילען, וועט גאָט מיט זיי אַ נייעם בונד שליסען, ווי ער האָט פאַרשפּראָכען:

„זעה, עס וועלען קומען טעג, זאָגט גאָט, וואָס איך וועל מאַכען מיט הויז ישראל און מיט הויז יהודה אַ נייעם בונד. ניט ווי דער בונד, וואָס איך האָב געמאַכט מיט זייערע עלטערען, אין דעם טאָג וואָס איך האָב אָנגענומען זייער האַנט אַרויסצו־פיהרען זיי פון לאַנד מצרים, וואָס זיי האָבען מיין בונד צובראָ־כען, גלייך איך בין געווען זייער הערשער, זאָגט גאָט. נאָר דאָס איז דער בונד, וואָס איך וועל מאַכען מיט הויז ישראל נאָך יענע צייטען, זאָגט גאָט, איך וועל אַריינגעבען מיין לעהרע צווישען זיי און אויפשרייבען עס אויף זייער הארץ, און איך וועל זיין זייער גאָט און זיי וועלען זיין מיין פאָלק. און איינער דעם אַנדערען וועט מעהר ניט דאַרפען לערנען, און איין ברודער דעם צווייטען אַזוי: „לערענט גאָט צו קענען", ווייל אַלע וועלען מיך קענען פון קליין ביז גרויס, זאָגט גאָט, ווייל איך וועל פאַרצייהען זייער שולד און זייערע זינד מעהר ניט געדענקען. אַזוי האָט געזאָגט גאָט: וואָס ער האָט געמאַכט די זון צו לייכטען ביי טאָג און די געזעצען פון דער לבנה און שטערען צו שיינען ביי נאַכט, וואָס באַוועגט דעם ים און עס רוישען זיינע כוואַליעס, דער אייביגער פון הערשאַפטען איז זיין נאָמען." (ירמיה ל"א: 34־31).

דער פון גאָט געשלאָסענער בונד וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרען ביים באַרג סיני האָט גאָט אָפּגעהיט. וואָלט ישראל אָפּגעהיט דעם בונד פון זיין צד, וואָלט עס באַקומען די פון גאָט פאַרשפּראָכענע ברכות. דער בונד האָט זיך גע־ענדיגט דערמיט וואָס די אידען האָבען איהם ניט אויסגעפילט און צוליב זייער אומגעהאָרכזאַמקייט זיינען זיי פאַרוואָרפען געוואָרען.

איצט האָט גאָט פאַרשפּראָכען, אַז ווען ער וועט צוריק קעהרען ישראל אין זיין אייגען לאַנד וועט ער שליסען מיט ישראל און מיט יהודה, מיט כל בית ישראל, אַ נייעם בונד. דאָס וועט אינגאַנצען בטול מאַכען דעם באַגריף, אַז די אַנגלאָ־סאַקסען זיינען גאָט'ס אויסדערוועהלטע ראַסע. גאָט וועט

שליסען א נייעם בונד מיט בית־יהודה און מיט בית־ישראל, ד. ה. מיט די יעניגע, וואס זיינען נאטירליכע אפשטאמער פון ישראל און יהודה און וואס האבען אמונה אין די גאט'ס פארשפראכענע הבטחות, ווייל דורך בית־יהודה וועט דער גרויסער דערלייזער קומען.

וואס איז דער צוועק פון שליסען א נייעם בונד מיט ישראל?

דער צוועק איז כדי דאס פאלק ישראל זאל וויסען וואס אייגענטליך ווערט פון איהם ערווארט איידער ער קאן באקומען די פארשפראכענע ברכות צו ווערען געבענשט צוליב דערפיה־לען דעם בונד. און ניט בלויז ישראל אליין, נאר אלע פעלקער פון דער ערד וועלען האבען די געלעגענהייט. איינער פון די מאטיוועז פארוואס די אידען האבען ניט דערפיהלט גאט'ס בונד איז געוועז זייער עגאאיזם. דער שטן האט דאס אויסגענוצט, פארמערענדיג זייער עגאאיסטישע אינטערעסען, און ער האט זיי געצוואונגען צו דינען עבודה־זרה און פארלעצען זייער בונד.

קאן דער שטן זיך ניט אריינמישען אין דעם נייע בונד און אפווענדען די מענשען פון גאט? ניין, ווייל ביים שליסען פון דעם נייעם בונד וועט דער שטן צוריקגעהאלטען ווערען און ער וועט ניט קאנען מעהר פארפיהרען די מענשען.

זיין השפעה האט אפגעשוואכט אלע פעלקער אויף דער ערד, ווי דער נביא האט דאס באשטעטיגט:

„אוי, ווי ביזטו אראפגעפאלען פונ'ם הימעל, דו ליכטיגער מארגען־שטערן, ווי ביזטו אפגעהאקט געווארען צו דער ערד, דו אונטערדריקער פון פעלקער. און דו האסט געדאכט אין דיין הארץ, איך וועל ארויפגעהן צום הימעל, אויפהויבען מיין שטוהל העכער ווי די שטערען פון גאט. און וועל זיצען אויף דעם בארג פון דער פארזאמלונג אין דער צפון זייט. איך וועל ארויפגעהן איבער דער הויך פון די וואלקענס און איך וועל גלייך זיין צום אויבערשטען." (ישעיה י"ד: 12-15; יחזקאל כ"ח: 18, 19).

דערפאר זאגט דער האר דורך ירמיה הנביא: „איך וועל לעגען מיין געזעץ אין איהרע אינערע טיילען און שרייבען אין זייער הארץ."

„און איך וועל אייך געבען א ניי הארץ און א נייעם גייסט וועל איך צווישען אייך געבען, און איך וועל אפטאן דאס שטיי־

נערנע הארץ פון אייער פלייש און איך וועל אייך געבען א הארץ פון פלייש און מיין רוח וועל איך געבען צווישען אייך. און איך וועל מאכען אז איהר זאלט געהן אין מיינע געזעצען און איהר זאלט היטען מיינע משפטים און איהר זאלט זיי טאן. און איהר זועט וואוינען אין לאנד וואס איך האב געגעבען צו אייערע עלטערען, און איהר וועט זיין מיין פאלק און איך וועל זיין אייער גאט.״ (יחזקאל ל״ו: 26—28).

דאס הארץ איז א סימבאל פון דעם פלאץ וואו דאס געפיהל הערשט און אויך א פלאץ פון מאטיווען, וואס זיינען גורם די טעטיגקייט. וואלט ישראל געליבט גאט מיט א ריין הארץ, וואלט דאס פאלק ניט געפאלען אונטער דער השפעה פון שטן. דורך די לאנגע ערפאהרונגען האבען זיי געלערענט דעם מוסר־השכל, און זיי וועלען ליבען גאט און געהארכען זיין ווילען. אויב זיי וועלען האלטען מיט ריינעם הארץ די תנאים פון נייעם בונד, וועט זיי גאט העלפען דאס צו האלטען און זיי וועלען ניט נאכיאגען דעם ממון, נאר זיי וועלען פריידיג טאן גאט'ס ווילען. ווען דאס געזעץ איז געשריבען אין הארץ פון מענשען טוט ער דאס, וואס עס שטעהט געשריבען: „צו טאן דיין ווילען, מיין גאט, האב איך באגערט און דיין תורה איז אין מיינע גערערים.״ (תהלים מ׳: 8).

גאט האט פארשפראכען דאס לאנד אברהמ'ען, יצחק'ן און יעקב'ן. זיי זיינען אלע טויט. זיי האבען ניט געהאט קיין שום חלק אין דעם לאנד. אויף וואס פארא אופן קאנען די הבטחות דערפיהלט ווערען, אויב זיי בלייבען טויט אויף אייביג? גאט האט אבער פארשפראכען צו עפענען זייערע קברים, און זיי וועלען אויפשטעהן תחית המתים:

„דארום זאג נביאית און זאלסט זיי זאגען, אזוי זאגט דער האר גאט: זעה, איך וועל עפענען אייערע קברים און אייך ארויסנעהמען פון אייערע קברים, א, מיין פאלק! און איך וועל אייך אריינברענגען אינ'ם לאנד פון ישראל, און איהר וועט וויסען, אז איך בין דער האר, ווען איך וועל עפענען אייערע קברים און אייך ארויסנעהמען פון אייערע קברים.״ (יחזקאל ל״ז: 12, 13).

די טויטע זיינען אין קיין שום זין לעבעדיג; זיי זיינען טויט און ווייסען גארניט.

„ווייל די לעבעדיגע ווייסען, אז זיי וועלען שטארבען

אָבער די טויטע ווייסען גאָרניט און ס'איז פאַר זיי ניט מעהר פאַרהאַן אַ שכר, ווייל זייער געדעכעניש איז פאַרגעסען געוואָרען... אַלץ, וואָס דיין האַנט געפינט צו טאָן, טו מיט דיין כח, ווייל אין דעם קבר וואו דו געהסט איז ניטאָ קיין אַרבייט און קיין חשבון און קיין וויסען און קיין חכמה." (קהלת ט': 5, 10).

„די טויטע לויבען ניט גאָט, אויך ניט יעדער איינציגער, וואָס געהט אַראָפּ אין דער שוויינעניש." (תהלים קט"ו: 17).

איוב האָט געגלויבט אין תחית המתים און געזאָגט עדות וועגען דעם:

„הלואי וואָלסטו מיך באַהאַלטען אין קבר און געהאַלטען מיין סוד, ביז דיין צאָרן וואָלט זיך אָפּגעקערט, און דו וואָלסט מיר אַ צייט באַשטימט און אָן מיר געדענקען. אָבער ווען אַ מענש שטאַרבט, וועט ער ווידער לעבעדיג ווערען? איך וועל האָפען אַלע טעג פון מיין צייט, ביז מיין פאַרביטונג וועט אָנקומען. דו וועסט גלוסטען צו דעם ווערק פון דיינע הענט." (איוב י"ד: 13-15).

די אידען האָבען אַלעמאָל גערעדט וועגען אברהמ'ען, יצחק''ן און יעקב'ן ווי וועגען זייערע אבות. ווען זיי וועלען אויפשטעהן תחית המתים אונטער משיח'ן, דאַן „אָנשטאָט דיינע עלטערען, זאָלען זיי זיין דיינע קינדער און דו וועסט זיי מאַכען פאַר פירשטען איבער דער גאַנצער ערד." (תהלים מ"ה: 16). זיי וועלען זיין די פיהרער פונ'ם פאָלק. מיר קאָנען איינגיכען ערוואַרטען זייער צוריקקער, ווייל גאָט'ס חסד האָט זיך אומגעקערט צו ישראל. דאָס איז די „צייט פון דעם סוף", וועגען וועלכען דער נביא דניאל האָט גערעדט, אַז „די, וואָס שלאָפען אין שטויב פון דער ערד, וועלען ערוואַכען." (דניאל י"ב: 1-4). דער פאַקט, אַז גאָט האָט פאַרשפּראָכען אברהמ''ען ארץ־ישראל, איז אַ פאַרזיכערונג, אַז גאָט וועט איהם באַזעצען אין פאַלעסטינע און וועט מאַכען פון איהם אַ מעכטיגען אויף דער ערד.

אויב גאָט האָט געוואוסט, אַז די אידען וועלען ניט אָפּהיטען דעם בונד, וואָס איז באַשטעטיגט געוואָרען ביים באַרג סיני, טאָ פאַרוואָס האָט ער איהם מיט זיי געשלאָסען?

דער דראַנג פון יעדען עהרליכען מענשען איז צו דערגרייכען דאָס אייביגע לעבען אין צושטאַנד פון גליק. די

הויפּט־הבטחה פון בונד איז געווען, אז די, וואָס האָבען געהאלטען דאָס געזעץ, וועלען דערגרייכען דאָס אייביגע לעבען. דאָס שטרעבען פון די אידען אָפּצוהיטען די געזעצען באַווייזט, אז נאָר אַ פולקאָמענער מענש קען אָפּהיטען די דאָזיגע געזעצען אָהן דער הילף פון אַ פולקאָמענעם פאַרמיטלער. דער בונד ווייזט די אידען און אַלע אנדערע פעלקער דייטליך אויף דעם, אז קיינער קען ניט דורך זיינע אייגענע באַמיהונגען דערגרייכען דאָס אייביגע לעבען.

היינט זיינען פאַראַן אַ סך געלערנטע, פילאָזאָפען, עוואָלוציאָניסטען און מאָדערניסטען, וואָס באַהויפּטען, אז דורך אנטוויקלונג קאָנען מענשען דערגרייכען לעבען. די ערפאַהרונג פון ישראל מיט׳ן בונד, געשלאָסען ביים באַרג סיני, איז אַ באַווייז, אז די זעלבסט־געגרינדעטע ווייזע מענשען מאַכען אַ טעות, וואָרים לעבען איז אַ מתנה פון גאָט. מען קאָן עס באַקומען נאָר דורך געוויסע באַדינגונגען, וואָס גאָט האָט פאָרבאַרייטעט.

די הבטחה צו אברהמ׳ען איז געווען: „אין דיין זאָמען וועלען אלע משפחות פון דער ערד געבענשט ווערען."

די פאַרשפּראָכענע ברכה מיינט אַ געלעגענהייט צו דערגרייכען דאָס אייביגע לעבען, ווייל קיין אנדערע ברכות קענען ניט זיין פולקאָם. גאָט ערקלערט דייטליך דורך זיין נביא ישעיה, אז ער האָט באַשאַפען די ערד, כדי מענשען זאָלען לעבען אויף איהר; דערפאַר מוזען מיר דערפון שליסען, אז גאָט וועט שאַפען אַ געלעגענהייט פאַר׳ן מענש צו לעבען אייביג אויף דער ערד. (ישעיה מ"ה: 18,12; קהלת א׳: 4). עס איז קלאָר פון די פסוקים, אז דער „פאַרשפּראָכענער זאָמען" איז דער משיח, וועמענס פאָרבילד איז געווען משה, און אז דורך דעם משיח וועלען קומען ברכות און לעבען אויף די מענשען.

אברהם, יצחק, יעקב, דניאל און די נביאים האָבען דאָך געשטרעבט צו דינען גאָט, טאָ פאַרוואָס האָבען זיי ניט דערגרייכט צו לעבען אייביג? ווייל זיי, פונקט ווי אנדערע, זיינען געבוירען געוואָרען אומפולקאָם, און ווייל אדם הראשונ׳ס

עבֿרה האָט זיי צו דעם פאַראורטיילט. איידער דער מענש קען געניסען דאָס לעבען, מוז ער אויסגעלייזט ווערען פון דעם טויט'ס אורטייל, וואָס איז געקומען אויף אדם הראשונ'ען און נאָכדעם אויף אַלע מענשען. ווען גאָט וואָלט ניט צוגע־גרייט די מעגליכקייט פון אויסלייזונג, וואָלט קיין שום האָפ־נונג ניט געבליבען פאַר די מענשען. כל־זמן גאָט האָט אַזוי פיל פאַרשפּראָכען צו בענשען די מענשען, קאָנען מיר זיכער זיין, אַז מיר וועלען געפינען אין זיין וואָרט די האָפנונג צו ווערען דערלייזט.

די אויסלייזונג

קאפיטעל 11.

די אנטשיידענסטע אורזאך, פארוואס די אידען האבען פארבראכען געגען דעם בונד, איז דאס, וואס אלע זיינען זיי געווען ניט קיין פולקאמענע מענשען. דאס האט געשטאמט פון אדם הראשונ'ס עבירה. גאט האט איהם באשאפען א פולקאמענעם, און דער טויט־אורטייל איז געווען א רעזולטאט פון זיין פארלעצען דאס געזעץ. כדי דורכצופיהרען דעם גזר־דין, איז ער פארטריבען געווארען פון גן־עדן. צווישענוויל האט ער אויסגענוצט די גאט־געגעבענע קראפט צו געבערען קינדער. עס איז אבער אוממעגליך געווען פאר דעם פאר'משפט'ען און איצט אומפולקאמענעם מענשען צו געבערען פערפעקטע קינדער. פאלגליך זיינען אלע זיינע קינדער געבוירען געווארען אומפערפעקטע, ווייל צוליב אדמ'ס ניט־געהארכזאמקייט איז די עבירה געווארען אקטיוו, און צוליב דעם האט דער משפט פאראורזאכט דעם טויט פאר אלע זיינע אפשטאמער, ד. ה. זיי זיינען געבוירען געווארען מיט עברות, ווי גאט'ס נביא זאגט: „זעה, אין אומגערעכטיגקייט בין איך געפורעמט געווארען, און אין זינד האט מיך מיין מוטער אנטפאנגען." (תהלים נ"א: 5). עס איז קיין שום אונטערשייד ניט, וואס דער מענש טוט, זיינע קינדער אבער מוזען געבוירען ווערען זינדיגע, ביז וואנעט גאט איבט אויס זיין קראפט און באזייטיגט די אומפעהיגקייטען.

די תורה האט יעטווערען פארשפראכען דאס לעבען, יעטווערען, וואס וועט זי ערפילען, אבער קיינער האט ניט געקאנט נאכקומען די פאדערונגען פון דער תורה. הגם די אידען זיינען געווען געהארכזאם דער תורה, האבען זיי עס דאך ניט פולקאם נאכגעפאלגט. טא וואס פאר א פארציג

האָבען זיי דערפון, וואָס די תורה איז זיי געגעבען געוואָרען?

אויב זיי וואָלטען זיך געהאַלטען אָן דעם גייסט פון דער תורה, וואָלטען זיי געווען געבענשט אויפ׳ן פעלד, אין זייערע געשעפטען, אין זייערע היימען און געבענשט מיט געזונט און כח, און אָפּגעהיט פון קראַנקהייטען, מלחמות, הונגער און זיי וואָלטען לאַנג געלעבט אין שלום און הצלחה.

וואָלטען זיי געליבט גאָט און איהם טריי געדינט, וואָלטען זיי געזעהן דעם גרויסען פּלאַן פאַר זייער ישועה. ניט נאָר די אידען, אפילו אַלע מענשען. דערפאַר וואָלט געקומען דער טאָג פון גאָט׳ס פּלאַן און ער וואָלט בענשען מיט לעבען אַלעמען, וואָס געהאָרכען איהם. בלי־ספק האָט די תורה גענוג געלערענט די אידען אויף וועלכען וועג צו געהן, כדי צו דערגרייכען דאָס אייביגע לעבען.

נאָך ווידערהאָלטע פאַרזוכען נאָכצופאָלגען די תורה, קענען די אידען זעהן, אז די הויפּט־שוועריגקייט שטאַמט פון אָדם הראשונ׳ס עברה, וואָס האָט זיי מיט זינד באַשאַפען. פון איין דור צום צווייטען פלעגט דאָס ווערען איבערגעטראָגען. די יעניגע, וואָס האָבען באַגריפען, וואָס משה און אַנדערע נביאים האָבען געזאָגט, האָבען זיך אויך דערוואוסט, אז אדמ׳ס עברה האָט זיי געבראַכט אומפאָלקאָמענהייט. אברהם האָט ניט געוואוסט פון געזעץ־בונד און דאָך האָט ער אַזוי געליבט גאָט און האָט אַלץ געטאָן צוליב איהם.

ווי האָט געקאָנט דער איד פאַרמינערט ווערען פון דער דאָזיגער אומפולקאָמענהייט, וואָס שטאַמט פון דער עברה? גאָט האָט געזאָגט דורך זיין נביא:

„קומט, לאָמיר אַ ויכוח האָבען, זאָגט דער האַר, ווען אייערע זינד וועלען זיין אַזוי ווי רויטע פאַדים, וועלען זיי ווערען אַזוי ווייס ווי שניי, ווען זיי וועלען זיין אַזוי גלייך ווי צונטער פאַרב וועלען זיי ווערען ווי וואָל.״ (ישעיה א׳: 18).

מיט אַנדערע ווערטער, גאָט האָט געזאָגט צו די אידען:

„איהר זייט זינדיגער, אָבער איך האָב אַ פּלאַן, דורך וועלכען איך וועל אייך ערלייכטערען פון דער אומפעהיגקייט. איהר זאָלט וויסען, אז איך בין דער אַלמעכטיגער גאָט. איהר זאָלט קיינע אַנדערע געטער ניט האָבען אויסער מיך. דינענדיג דעם שטן, קענט איהר ניט זיין געבענשט. וועט איהר

אבער מיר דינען, וועל איך אייך בענשען אין א געוויסער צייט. הגם איהר זייט זינדיגע און אייערע זינד זיינען אזוי גרויס און אזוי רויט ווי פאמס, וועל איך עס אוועקוואשען, און איהר וועט זיין ווייס און ריין."

פארוואס זיינען די אידען נים געווען פארגונפטיג? ווייל דער שטן האט אן איינפלוס געהאט אויף זיי און האט זיי פארפיהרט פון גאט אים און זיינע געזעצען נים צו דינען און דערפאר האט זיי גאט געשטראפט. אבער ווען זיי וועלען שרייען צו איהם, וועט ער זיי צוהערען, און זיי וועלען זיך אומקערען. די לאנגע פינסטערע מלחמה־צייט איז שוין פאראיבער.

איצט בימים־אחרונים, ביים סוף פון דער גוי'אישער צייט, האט זיך גאט'ס חסד אומגעקערט צו ישראל, און דאס ליכט פאנגט אן צו שיינען, ווי דער גרויסער געגענבילדליכער יובל עפענט זיך. לאזען אלע אידען זיך באטראכטען און איינזעהן, וואס מיינט גאט'ס ווארט בנוגע דער הינדערניש, וואס שטאמט פון אדמ'ס זינד, און ער האט א וועג פארגעזעהן ווי אזוי צו פיהרען די מענשען צום לעבען.

גאט מוז זיין אויסגעהאלטען, און די ראיה פיהרט צום באשלוס, אז ער קען נים באזייטיגען דעם גזר־דין נעגען אדמ'ען. דערפאר האט ער אן אנדער וועג געפונען, אז אדמ'ס אפשטאמער זאלען באפרייט ווערען פון זינד, טויט און אלע שלעכטע רעזולטאטען, אבער פאר די דאזיגע וועט זיך אן אנדער וועג עפענען, וואס וועט אויסלייזען אדמ'ס שולד. דער תנ"ך דריקט אויס די וויכטיגקייט פון דער לעהרע פון דערלייזונג. מיר וועלען איינינע פסוקים ציטירען פון תנ"ך.

איוב איז געווען גאט'ס נביא און ער האט באגריפען, אז גאט'ס צוועק איז געווען אויסצולייזען זיין מין: „אבער איך ווייס, אז מיין גואל לעבט און ער וועט אין די לעצטע טעג שטעהן אויף דער ערד, און הגם די ווערים וועלען מיין הויט פארדארבען, דאך וועל איך אין מיין פלייש גאט זעהן."
(איוב י"ט: 25, 26).

איוב האט אויך געלערענט, אז גאט'ס צוועק איז געווען אויסצולייזען די מענשען, וואס וועלען צוריקבאקומען זייער אורשפרינגליכע יונגקייט. ער האט אויך געשריבען וועגען

דעם מענשענ׳ס יסורים און ערקלערט, אז אויב זיי וויסען דעם אמת און וועלען איהם הארכען, וועלען זיי אויסגעלייזט ווערען פון טויט, צוריקבאקומענדיג זייער כח און געזונט: „אויב עס איז פאראן ביי איהם א מלאך, וואס איז א מליץ, איינער פון טויזענט, כדי דעם מענשען אנצוזאגען זיין רעכט־פערטיגקייט, אזוי וועט ער איהם לייטזעליגען. און ער זאגט, דערלייז איהם, אז ער זאל ניט אראפגעהן אין קבר, ווייל איך האב געפונען א כפרה. זיין פלייש וועט פרישער זיין, ווי אין דער קינדהייט. ער וועט צוריקקומען צו די טעג פון זיין יוגענט.״ (איוב ל״ג: 23-25). משה האט אפט פראפע־צייעט בנוגע דער צייט פון ווידעראויפלעבונג. זעה בראשית י״ח: 18, כ״ב: 18, כ״ח: 14.

שמואל הנביא האט געזאגט: „גאט טויטעט און מאכט לעבעדיג, ער מאכט אראפנידערען אין דעם קבר און ברענגט ארויף.״ (שמואל א ב׳: 6).

דוד האט פראפעצייעט וועגען גאט׳ס אויסלייזונג און אז דאס וועט געבען אייביגען לעבען פאר׳ן פאלק. (תהלים י״ט: 14, כ״א: 4). ער האט אויך געשריבען: „ווייל ער וועט אין זיין טויט גארניט מיטנעהמען, זיין רוהם וועט נאך איהם ניט אראפנידערען; ...אבער גאט וועט מיין נפש אויס־לייזען פון דער האנט פון דעם קבר, ווייל ער האט מיך אנ־גענומען. (תהלים מ״ט: 17, 15). דוד המלך האט אויך ארויסגעזאגט די צייט, ווען אלע מענשען אויף דער ערד וועלען קומען צו דינען גאט, און עס וועט קומען נאך א לאנגע פינסטערע נאכט פון זינד און ליידען, א צייט פון שמחה אהן א סוף. (תהלים כ״ב: 27, ל״ז: 11, מ״ה: 5, 17, פ״ו: 9). ער וועט אומקערען דעם מענש, ווען ער האט געשיקט אין פארניכטונג (תהלים צ׳: 3). די וועלט וועט באזעצט זיין און ניט אוועקגערוקט. (תהלים צ״ג: 2, צ״ו: 10).

שלמה האט עדות געזאגט, אז די ערד וועט בלייבען דעם מענשענ׳ס וואוינונג אויף אייביג (קהלת א׳: 4), וואס איז אין פולען איינקלאנג מיט ישעיה הנביא׳ס נבואה.

ישעיה הנביא האט פראפעצייעט, אז גאט וועט אויס־

לייזען די מענשען און וועט אַנגרייטען אַ וועג פון הצלחה פאַר די, וואָס וועלען זיך אומקערען, און דאָס הייסט דער הייליגער וועג:

„און ס'וועט דאָרט זיין אַ הויכגעטראָטענער וועג און דאָס וועט אָנגערופען ווערען דער הייליגער וועג, קיין אומ־ריינקייט וועט דורך דעם ניט דורכגעהן, נייערט ס'איז נאָר פאַר אַזעלכע, וואָס געהען אויפ'ן וועג, אפילו די נאַרען — וועלען זיך אויך ניט גרייזען. דאָרטען וועט ניט זיין קיין לייב און קיינע שטאַרקע ווילדע חיות וועלען ניט געהן (אין דעם וועג) זיי וועלען ניט דאָרט געפונען ווערען, די אויסגעלייזטע וועלען דאָרט געהן און די אויסגעלייזטע פון דעם האַר וועלען צוריקקערען און וועלען קומען קיין ציון מיט געזאַנג און איי־ביגע פרייד וועט זיין אויף זייערע קעפּ, פרעהליכקייט און שמחה וועט זיי דערגרייכען און טרויעריגקייט און זיפצען וועלען אַנטלויפען.“ (ישעיה ל"ה: 8-10).

דער זעלבער נביא האָט פּראָפעציייט וועגען דערלייזונג. (ישעיה מ"ד: 22, נ"א: 11, נ"ט: 20).

ירמיה, יחזקאל, דניאל און די קלענערע נביאים האָבען פאָראויסגעזאָגט די קומענדיגע צייט, ווען דער האַר וועט צו־ריקברענגען די געהאַרכזאַמע צו אַ פולקאָמענעם מצב, וואָס איז אוממעגליך צו דערגרייכען אָהן אויסלייזונג, אָהן פריי צו ווערען פון אדם הראשונ'ס קללה. צוליב דעם צוזאַמענ־האַנג פון די דערמאָנטע פסוקים, ווערט קלאָר, אַז גאָט וועט אויסלייזען די מענשען, און זיי וועלען לעבען אייביג אויף דער ערד. גאָט האָט געזאָגט דורך ישעיה הנביא, אַז ער האָט באַשאַפען די ערד פאַר די מענשען, אַז ער האָט עס ניט געמאַכט בחנם, אַז עס וועט באַוואוינט זיין פון מענשען, און די ערד וועט זיין אויף אייביג. (ישעיה מ"ה: 12, 18; קהלת א': 4).

עס איז קלאָר, אַז דער ערשטער הויפּט־מאָטיוו פון דער תורה איז פאַרצושפּיגלען שפּעטער־קומענדיגע בעסערע ער־שיינונגען, און גאָט וועט לערנען די אידען בנוגע די ברכות, אַז זיי וועלען פאַרשפּרייט ווערען דורכ'ן גואל אויף אַנדערע. גאָט האָט באַנוצט די אידען, אַז זיי זאָלען לערנען דורך בילדער, אַז דורך דעם זאָלען אַנדערע אויך לערנען פון די

שפּעטער־קומענדיגע ברכות. מען זאָל באַטראַכטען די באַדייטונג פון דעם אידענ'ס קרבנות. ווען אברהם איז אַלט געווארען הונדערט יאָהר, האָט גאָט געגעבען זיין פרוי א קינד, וואָס באַווייזט די שליטה אין דעם געבורט פון יצחק. מיר זעהען שפּעטער אברהמ'ען מיט זיין איינציגען זוהן ביים בארג, וואו ער האָט געבויט א מזבח און צוגעבונדען יצחק'ן. אברהם האָט אויפגעהויבען זיין מעסער צו שחט'ען זיין איינציגען זוהן. וואָס באַווייזט דאָס דאָזיגע בילד? אברהם איז געווען גאָט'ס פריינט און האָט פאָרגעשטעלט גאָט זעלבסט. יצחק, דער איינציגער זוהן פון אברהם, האָט רעפּרעזענטירט גאָט'ס זוהן, וואָס וועט שטאַרבען אין א געוויסער צייט אזוי, אז ער זאָל באַצאָלען דעם גרויסען דערלייזונגס־פּרייז פאַר דעם מענש. (בראשית כ"ב: 1־18).

די אידען האָבען געליטען גרויסע מאַטערנישען אין מצרים אונטער פּרעה. מצרים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א בילד פון דער גאַנצער זינדיגער וועלט. פּרעה — דאָס בילד פון שטן, דער אומזעהבאַרער הערשער פון דער וועלט. די געפּייניגטע אידען שטעלען פאַר דאָס בילד פון דער מענשליכער ראַסע מיט די יסורים, וואָס די מענשען זיינען דורכגעגאַנגען. פאַרשידענע פאַרזוכען זיינען געמאַכט געוואָרען, אז די אידען זאָלען פריי־געלאָזט ווערען, אָבער אָהן ערפאָלג. גאָט האָט דאַן געשיקט די מכות אויף מצרים, און אַלע בכורים זיינען אויסגעשטאָרבען. פאַרוואָס זיינען די אידישע ערשט־געבאָרענע ניט געשטאָרבען? ווייל גאָט האָט באַפוילען, אז יעדעם הויזגעזינד פון ישראל זאָל נעהמען א לאַם אָהן א מום, און עס זאָל געבראָטען ווערען אינגאַנצען, און זיין בלוט זאָל געשפּריצט ווערען אויף די ביישטידלען; דאָס הויזגעזינד זאָל צושליסען דעם טויער און וואַרטען ביז דער מלאך המות וועט איבערגעהן. ביי די, וואָס האָבען אויסגעפאָלגט די צוואה, זיינען זייערע ערשט־געבאָרענע לעבען געבליבען. דער קרבן פונ'ם לאַם שטעלט מיט זיך פאַר דאָס גענענבילד פון דעם, וואָס וועט אין א געוויסען טאָג געאָפּפערט ווערען, אוועקנעהמענדיג די עבירה פונ'ם מענש.

דער פאַרלאַנגטער פּרייז פון ישראל'ס ערשט־געבוירענעם

באוויזט, אז זיי האבען זיך געשיצט דורך דעם בלוט פון דעם פסח־לאם. גאט האט זיי באפוילען צו פייערען דעם פסח יעדעם יאהר. דאס מאכט קלאר, אז דאס אפהיטען פסח איז געווען טיפיש, און אז דאס בלוט פונ'ם געגענבילד גרייט אן די אויסלייזונג פאר'ן מענש.

גאט האט באפוילען משה'ן צו בויען א סוכה, וואס איז אין צוזאמענהאנג מיט'ן אפפער פון דער כפרה, וואס ווערט געפייערט יעדעס יאהר. דער כהן גדול האט יום־כפור גע־שחט'ען א שטיער, האט פארברענט דאס פלייש אויפ'ן מזבח אין הויף און האט אוועקגעטראגען דאס בלוט אין קדשי־קדשים. דאס איז געווען דער זינד־אפפער. נאכדעם האט ער גע'שחט'ען דאס בעקעל פון האר (ויקרא ט"ז: 1-23). דער פאקט, אז מען האט איבערגע'חזר'ט דעם מנהג יעדעס יאהר, און וואס דער צוועק איז געווען דער זינד־אפפער, באוויזט, אז דאס בילד האט פארגעשפיגעלט דאס בלוט פון א מענש, וואס וועט אין א געוויסער צייט געבראכט ווערען אין קדשי־קדשים מכפר צו זיין די עברות פון די מענשען. דאס באדייט דער טויט פון דעם מענשען, וואס גאט האט פאראויסגעזעהן אלס זינד־אפפער.

גאט האט בפירוש געזאגט, אז ער וועט א נייעם בונד שליסען, וואס וועט אנגרייטען דעם וועג צום לעבען און אויפקום. די פולקאמענקייט וועט זיין די ברכה, וואס באַוויזט, אז דער גרויסער זינד־אפפער מוז פולשטענדיג ווערען, און די אומפעהיגקייט, וואס שטאמט פון אדמ'ס זינד, וועט אפגעווענדעט ווערען.

האט דער יעהרליכער קרבן פון שטיערען און בעקלעך געסענט באפרייען די אידען פון זייערע זינד און זיי פעהיג מאכען צו פאלגען דעם בונד? ניין, דער דאזיגער פאקט, אז דער מנהג דארף יעדעס יאהר איבערגע'חזרט ווערען, באַוויזט, אז גאט וועט דערפיהלען דאס געגענבילד. דוד זאגט עדות, אז דער דאזיגער קרבן פון באשעפענישען איז ניט גע־וויגענד כדי אוועקצונעהמען די עברות. גאט האט נאר געוואלט לערנען די מענשען געהארכזאם צו זיין, אנווייזענ־

דיג זיי דעם ריכטיגען וועג, ווי אזוי זיי פריי צו מאכען פון די עברות. (תהלים מ׳ : 5-8).

מיר האבען באטראכט די ערשיינונגען, וואס זיינען פאראן אין דעם תנ״ך און זייער צוועק, וואס איז געווען אנצואווייזען, ווי אזוי צו דערלייזען דעם מענש. איצט וועלען מיר באטראכטען גאט׳ס זיכערען פארשפרעכען.

„איך וועל זיי דערלייזען פון דעם קבר, פון דעם טויט וועל איך זיי דערלייזען. איך וועל זיין דיין פלאג, א טויט, איך וועל זיין דיין פארטיליגונג.“ (הושע י״ג : 14).

צום מזל האט דער שטן ניט געקענט באוועגען די אידען צו גלויבען אין דעם אייביגען פייער און שוועבעל פון גיהנום. דער זיסער ביסען איז איבערגעבליבען פאר די קאטוילישע און פראטעסטאנטישע גלחים. דער שטן האט באנוצט זיי צו דרש׳נען איבער פייער און משפט פון גיהנום, כדי צו דער־שרעקען די מענשען, און אזוי האבען זיי אויסגעגאסען זייער כעס און גיפט אויף די אידען. די פארפאלגונגען פון די אידען דורך די זאגענאנטע קריסטען איז די שרעקליכסטע שאנד־פלעקען אין דער וועלט. מסתמא וועלען זיי קריגען זייער שכר, די וואס האבען זיך ארייגעלאזט אין די רדיפות פון די אידען.

אלע נביאים פון גאט האבען ערקלערט, אז דאס ווארט שאול באדייט ניט א פייער־ און שוועבעל־ארט, נאר דער צו־שטאנד פון טויט. לויט דעם תנ״ך זיינען אין די קברים טויט און באוואוסטזיניגלאז און וויסען גארנית. (קהלת ט׳ : 5, 10 ; תהלים קמ״ו : 17).

גאט האט פארשפראכען דורך הושע, אז ער וועט דעם מענשען דערלייזען פון טויט און קבר און וועט אויך פאר־טיליגען דעם טויט. צו דערלייזען דעם מענשען פון טויט, הייסט אז גאט האט א מיטעל פון באפרידיגונג געפונען געגען אדם הראשונ׳ס משפט, און אז די טויטע וועלען אויפשטעהן תחית המתים און זיי וועלען פון דעם מצב צוריקגעבראכט ווערען צום לעבען.

דוד האט אויסגעדריקט זיין אמונה אין דער גאולה און תחית המתים, שרייבענדיג :

„דאורם פרעהט זיך מיין הארץ, און מיין כבוד איז פרעהליך, אויך מיין פלייש וועט רוהען אין זיכערקייט, ווייל דו וועסט ניט לאָזען מיין נפש אין דעם שאול, דו וועסט ניט צוגעבען, אז דיין הייליגער זאָל זעהן די פארדערבעניש, דו וועסט מיר לאָזען וויסען דעם וועג פון לעבען, פאר דיין פנים איז זאַטונג פון פרייד און ליבליכקייטען זיינען אין דיין רעכטער האַנט ביז אויף אייביג.” (תהלים ט"ז : 9-11).

אויב אַ מענש וועט דערלייזט ווערען אין דעם מיין פון נביא הושע'ס ווערטער, מוז ער דעם שכר פינקטליך באַצאָלען, ווי די תורה פארלאַנגט פון דעם זינדיגער דאָס צו באַצאָלען. לויט גאָט'ס ווילען אָדער משפט, מוז אדם דער זינדיגער פארלירען זיין לעבען און איבערגעגעבען ווערען דעם טויט. איז געווען אַ פולקאָמענער מענש אויף דער ערד, וואָס האָט געקענט נאָכקומען גאָט'ס פאָדערונגען? גאָט'ס נביא ענטפערט: „קיינער קען ניט דעם ברודער אויסלייזען, מען קען ניט צו גאָט קיין אויסקויף־געלט געבען.” (תהלים מ"ט : 7). די ראַסע וועט האָבען די געלעגענהייט צום לעבען, ווי גאָט האָט דאָס מיט זיין וואָרט און שבועה פארשפראָכען אברהמ'ען. די ראַסע קען ניט געבענשט זיין אַזוי לאַנג ווי זי איז ניט דערלייזט. דער מענש מוז דערלייזט ווערען, ווייל גאָט האָט זיין וואָרט געגעבען דאָס צו טאָן און ער וועט זיין וואָרט ניט פארלעצען. דערפאר האָט ער אָנגעגרייט אַ פולקאָמענעם מענשען, וואָס איז פאַסיג דעם פערפעקטען מענשען אדם הראשונ'ען, ווען ער איז נאָך אין גן־עדן געווען און איידער ער האָט געזינדיגט.

און דער דאָזיגער פולקאָמענער מענש מוז שטאַרבען, כדי צו צאָהלען דעם שכר פאר די אויסלייזונג. מיר האָבען די דאָזיגע באַשלוסען דערגרייכט דורך די ראיות פון דעם תנ"ך.

זינט משה האָט דערקלערט, אַז דער משיח איז גרעסער פון איהם און זינט דער גואל מוז זיין אַ פולקאָמענער מענש, קומען מיר צו דעם ריכטיגען שלום, אַז דער גואל איז דער משיח. איצט וועלען מיר פאָרזיכטיג אונטערזוכען דעם תנ"ך, כדי צו אנטשיידען ווער איז דער גואל־צדקנו און ווער איז דער משיח.

דער משיח

קאפיטעל 12.

דאס ווארט משיח מיינט געזאלבט. דער געזאלבטער האט די פולמאכט פון איבערשטען צו האנדלען. דער משיח איז דערפאר געזאלבט פון גאט און האט די פולמאכט דורכצופיהרען גאט׳ס פלאן פון דער גאולה און אויסצושפרייטען די ברכות איבער דער מענשהייט, וואס גאט האט פארשפראכען אברהמ׳ען.

דער וואונש פון די אמת׳ע אידען איז תמיד געווען, אז משיח וועט קומען זיין מלובה איינצוריכטען, זיי צו דערלייזען, באפרייען זיי פון זייערע יסורים, ברענגענדיג די פארשפראכענע ברכות. משה איז געווען זיין פארבילד. אלע פעלקער וועלען זיך צונויפזאמלען צו איהם, ווייל ער איז דער געזאלבטער פון גאט, ווייל ער איז דער דערלייזער און בענטשער פון אלע פעלקער. דער שטן האט באנוצט אלע מיטלען צו האלטען די מענשען אין פינסטערניש בנוגע משיח׳ן. די עדות פון מענשען ניט אונטערשטיצט פון גאט׳ס ווארט דארף ניט אין באטראכט גענומען ווערען בנוגע דעם משיח׳ן. גאט׳ס ווארט אליין ברענגט דייטליכע ראיות: „צו דער תורה און צום עדות: אויב זיי ריידען ניט אין צוזאמענהאנג מיט דעם דאזיגען ווארט, איז דאס דערפאר ווייל זיי האבען ניט קיין מארגען־ליכט אין זיך.״ (ישעיה ח׳: 20). אין זיין אמונה־פאנפעס׳ע זאגט דער איד, אז: „אלע ווערטער פון די נביאים זיינען אמת, אז די גאנצע תורה האט גאט איבערגעגעבען צו משה׳ן. מיר וועלען דעם משיח׳ן דערקענען לויט דער תורה און די נביאים.״

אויב די ווערטער פון דער תורה און די נביאים געבען א קלארע באשרייבונג פון דעם משיח׳ן, און עס איז באשטע־

טיגט, אז א געוויסער טייל אנטשפרעכט איינגאנצען דער באַשרייבונג פון משיח'ן, און דאָס ברענגט אונז גענוג באווייזען, אויף וועלכע מיר שטיצען זיך אין אונזער באשלוס, אז גאָט האָט דאָס אַלץ פאָראויסגעזאָגט דעם משיח'ן. דער איינציגער וועג, כדי צו וויסען, צי מיר האָבען ריכטיג פארשטאנען די נביאות, איז צו זעהן, צי די פאקטען אנטשפרעכען איינגאנצען די נביאות. יעדער מענש זאָל באזייטיגען פאָראורטייל, ווייל אנדערש קען ער ניט טראַכטען פארנונפטיג. אויך זאָל ער זיך ניט געפינען אונטער דעם רבי'נס אָדער פריידי־גער'ס השפּעה. גאָט האָט געזאָגט: „צו דער תורה און צו די נביאים: אויב זיי זיינען ניט אזוי ווי דאָס דאָזיגע וואָרט, איז עס, ווייל זיי האָבען קיין מאָרגען־ליכט ניט." דער שטן האָט באנוצט די פאַלשע פילאָזאָפיע פון די מענשען זיי צו פארהאַלטען אין דער פינסטערניש. פארוואָרפען מיר די פילאָ־סאָפיעס, אומקערענדיג זיך איינגאנצען צו גאָט'ס וואָרט, וועלען מיר שוין ניט אָפּלייקענען די ממשות'דיגע פאקטען.

קיין שום מענש איז ניט געוועזן דער ציעל־פונקט פון אזעלכע רדיפות ווי ישו הנוצרי, וועמען די אידען האָבען גע־האַלטען פאר א גרויסען למדן און וועלכער איז באשולדיגט געוואָרען אין כל'ערליי פארברעכענס, אָבער אין וועלכע ער איז ניט שולדיג געוועזן. דאָס פאָלק האָט זיך צו איהם און צו זיין פריידיגען צוגעהערט און האָט אין איהם געגלויבט. די דאמאלסטיגע רבנים פון וועלכע מען וואָלט בעסערס געהאָפט, זיינען די מיטלען באנוצט פון דעם שטן איהם צו פארפאָלגען. די היינטיגע רעליגיעזע פיהרער האָבען א פאַלשען באגריף וועגען גאָט, זיי פארפיהרען די מענשען מיט זייערע גראָבע טעות'ן. עס איז געקומען די צייט, ווען די מענשען מוזען אוועקוואַרפען די שטרויכלונגען וואס די רעליגיעזע פיהרער האָבען אויף זייער וועג אוועקגעלייגט, אז זיי זאָלען דעם תנ"ך מיט זייער אייגענעם שכל קאָנען פארשטעהן.

ישו האָט שטענדיג אמת'דיג רעפרעזענטירט גאָט. קיין שום מענש קאָן ניט באהויפּטען, אז ער איז געוועזן אומגע־האָרכזאם צו גאָט און צו זיין בונד. ער האָט געזאָגט: „איך

קען גאָר ניט טאָן פון מיינעט וועגען... איך זוך ניט מיין אייגענעם ווילען, נאָר מיין פאָטער'ס ווילען, וואס האָט מיך געשיקט". דוד האָט פראָפעצייט בנוגע דעם משיח'ן, פאָראויסזאָגענדיג וואס פארא רדיפות ער וועט אויסשטעהן פון די מיטגלידער פון זיין אייגען הויז. „וואָרים פון דיינעט וועגען האָב איך חרפה פארטראָגען, שאַנד האָט מיין פנים באדעקט. איך בין געווארען פרעמד צו מיינע ברידער, און ווי אן אומבאקאנטער צו די זיהן פון מיין מוטער. וייל די קנאה פון דיין הויז האָט מיך אויפגעגעסען, און די לעסטערונג פון דיינע לעסטערער זיינען אויף מיר געפאלען." (תהלים ס"ט: 7-9). דער שטן האָט געלעסטערט גאָט פון גן־עדן אָן, און האָט געלעסטערט אלע, וואָס האָבען געדינט גאָט.

משה איז געוועז א פאָרבילד פון משיח'ן, ווייל ער האָט עדות געזאגט וועגען דעם: „א נביא פון דיינע ברידער, אזוי ווי איך בין, וועט דער האר דיין גאָט צו דיר אויפשטעלען, איהם זאָלט איהר האָרכען. און איך וועל מיינע ווערטער אין זיין מויל געבען, און ער וועט צו זיי ריידען אלין, וואס איך וועל איהם געבאָטען." (דברים י"ח: 18,15).

אז משיח וועט קומען פון יהודה'ס שטאם, איז אויך קלאָר פון דער נבואה: „ס'וועט ניט אָפגעטאָן ווערען קיין רוט פון יהודה און קיין געזעצגעבער פון זיינע פיס, ביז שילה וועט קומען, און צו איהם וועלען זיך פעלקער איינזאמלען." (בראשית מ"ט: 10).

דער האר האָט פאָראויסגעזאָגט דורכ'ן נביא מיכה:
„און דו, בית־לחם אפרתה, הגם דו ביסט קליין צווישען די טויזענטע פון יהודה, דאָך פון דיר וועט ארויסקומען דער, וואס זאָל זיין דער געוועלטיגער איבער ישראל, וואָס זיין אויסגאנג איז געוועזן פון פריהערדיגע צייטען, איידער די וועלט איז נאָך באשאפען געוואָרען." (מיכה ה': 2).

יעדער איז מסכים, אז ישו שטאמט פון יהודה און איז געבוירען געוואָרען אין בית־לחם. זיין נאָמען באדייט דערלייזער.

נאָט האָט געזאָגט דורך זיין נביא ישעיה: „ווער האָט געגלויבט, וואס מיר האָבען געהערט. און צו וועמען איז דער

אַרעם פון גאָט אנטפלעקט געוואָרען (זעה ישעיה נ"ג : 1). אַזוי האָט גאָט פאָראויסגעזאָגט, אז נאָר וועניגע וועלען גלויבען בי שמיעה. אזוי שטעהט ווייטער :

„ער איז געוואָרען פאַרשעמט און פאַרמיטען פון מענשען, אַ מאַן פון ווייטאָג און באַקאַנט מיט טרויער, און מיר האָבען אונזער פנים פון איהם פאַרבאָרגען. ער איז פאַרשעמט געוואָרען, און מיר האָבען איהם ניט געאַכטעט."

אַלע זיינען מסכים אז די פרושים, פריסטער, און שריפטגעלערענטע האָבען איהם מיאוס באַהאַנדעלט, האָבען איהם באַשולדיגט אין כל'ערליי בלבולים, שטרעבענדיג אָפּצואווענדען דאָס פאָלק פון איהם. דאָס פאָלק איז ניט שולדיג געווען אין דעם, ווי מען האָט ישו'ן באַהאַנדעלט און דאָס היינטיגע פאָלק טראָגט קיין שום אחריות פאַר די טעות'ן פון די רעליגיעזע לעהרער.

ווייטער זאָגט דער נביא :

„ער איז געווען אונטערדריקט און געפּייניגט, דאָך האָט ער ניט אויפגעמאַכט זיין מויל. ער איז געבראַכט געוואָרען ווי אַ לעמעלע צום שחט'ען, ווי אַ שאָף איז שטום פאַר איהרע שערער, אזוי האָט ער ניט אויפגעמאַכט זיין מויל. (ישעיה נ"ג : 7).

לויט דעם נביא פון גאָט איז דער משיח „גאָט'ס לאַם" פון וועמען דאָס פּסח־לאַם איז געווען אַ פאָרבילד : אין אַ טאָג פון פּסח איז דאָס געווען, אז ישו איז פאַר'משפּט געוואָרען אויף טויט.

עס שטעהט געשריבען ווייטער : „און ער האָט געטיילט זיין קבר מיט די רשעים און מיט די רייכע זיין טויט, הגם ער האָט קיין אומרעכטס ניט געטאָן, און עס איז ניט געווען קיין פאַלשקייט אין זיין מויל." (פּסוק ט'). ער האָט אַראָפּגענידערט אין קבר, ווי אַלע רשעים שטאַרבען און ווערען באַגראָבען. מען האָט איהם באַגראָבען אין דעם קבר פון אַ רייכען מאַן מיט'ן נאָמען יוסף פון דארימתיה. ער האָט ניט עובר עבירה געווען און קיין פאַראַט איז ניט געווען אין זיין מויל.

ישעיה הנביא זאָגט ווייטער :

„אָבער גאָט האָט איהם געוואָלט שלאָגען ; ער האָט איהם

קראנק געמאכט: ווען דו וועסט ברענגען זיין זעעל אלס א זינד־אָפּפּער, וועט ער זעהן זיין זאָמען און פארלענגערען זיין לעבען, און דאָס באַגערען פון גאָט וועט אין זיינע הענט באַגליקט ווערען.״

פארוואָס האָט גאָט געוואָלט שלאָגען דעם אומשולדיגען זוהן? ער האָט געמוזט שטאַרבען און פאַרגעבען דעם שכר־גאולה, ער האָט געמוזט זיין א זינד־אָפּפּער, ווייל דאָס איז געווען גאָט׳ס פּלאַן און דאָס איז פאָרגעשפּיגעלט געווארען ווען אברהם האָט געאָפּפערט זיין איינציגען זוהן יצחק. עס שטעהט ווייטער:

„ווייל ער האָט אויסגעגאָסען זיין נשמה צום טויט, און ער איז געצעהלט געוואָרען מיט די איבערטרעטער.״ (פּסוק 12). דאָס באַציהט זיך אין אלע פּרטים אויף ישו׳ן, ווארים מען האָט איהם געקרייציגט צווישען צוויי גנבים, וואָס האָבען דאָס געזעץ איבערגעטראָטען. ער האָט געטראָגען די עברה פון די זינדיגע, ווייל ער אלס דער גואל האָט דעם זינד אָפּפער געבראכט און פארנומען דעם זינדיגער׳ס פּלאַץ. איידער זיין טויט האָט ער צו די איבערטרעטער געבעדט ווערטער פון נחמה.

דער נביא זכריה האָט פּראָפעצייט אין קאַפּ. י״א: 12, אז דער גואל המשיח וועט גע׳מסר׳ט און פארראטען ווערען פון א גוטען פריינד פאר דרייסיג שקלים און ישו איז פאר׳מסר׳ט און פארראטען געוואָרען דורך זיין תלמיד יהודה, וואָס איז באַלוינט געווארען פון די פּריסטער פון יענער צייט. דער שטן האָט באַוועגט די פּריסטער דאָס צו טאָן.

דניאל הנביא האָט פּראָפעצייט, אז דער משיח וועט שטאַרבען ניט פאר זיך אליין, נאָר פאר אנדערע אלס א זינד־אָפּפער, און ער וועט פארשניטען ווערען אינמיטען דער וואָך. (דניאל ט׳: 25־27). לויט גאָט׳ס פּלאַן ווערט אין די צייט־רעכענונג, ווי ס׳איז שוין דערמאָנט געווארען, איין טאָג באַנוצט פאר א יאָהר. א וואָך באַשטעהט פון 7 טעג און דער מיטען פון דער וואָך מאכט אויס דריי־און־א־האלב טעג. דריי־און־א־האלב סימבאָלישע טעג שטעלען פאר דריי־און־א־האלב אַקטועלע יאָהרען. ישו האָט אָנגעפאנגען זיין כהונה אום יום־

כפור און געגוי דריי־און־האלב יאהר נאכדעם איז ער פאר־משפט געווארען ארום פסח, ווי דער נביא דניאל זאגט: „דער משיח וועט פארשניטען ווערען, אבער ניט פאר זיך". און ווייטער: „און דאס פאלק פונ'ם פרינץ וועט קומען צעשטע־רען די שטאט און דאס היילגטום". עס איז א באקאנטער פאקט, אז דער רוימישער הערשער איז געוועזן דערדאזיגער פרינץ און ער האט צעשטערט ירושלים און דעם בית־המקדש קורץ נאך ישו'ס טויט געגוי לויט דער נבואות.

דוד האט פראפעצייט, אז דער גואל המשיח וועט שטאר־בען מיט א שרעקליכען טויט. אבער עס וועט ניט א ביין פון זיין גוף געבראכען ווערען. (תהלים ל"ד: 19, 20). דאס געזעץ האט פארלאנגט, אז קיין ביין פון פסח־לאם זאל ניט געבראכען ווערען. דער דאזיגער פסח־לאם איז א בילד געוועזן פונ'ם גואל המשיח. ישו איז געקרייציגט געווארען אויפ'ן צלם, אבער עס איז א באקאנטער פאקט, אז לויט דעם מנהג פון קרייציגונג איז קיין ביין אין איהם ניט פארלעצט געווארען. דוד האט פראפעצייט בנוגע דעם משיח: „ווייל דו וועסט ניט לאזען מיין נפש אין שאול, וועסט ניט צוגעבען, אז דיין הייליגער זאל זעהן די פארדערבעניש. דו וועסט מיר לאזען וויסען דעם וועג פון לעבען. פאר דיין פנים איז א טאג פון פרייד, און ליבליכקייטען זיינען די דיין רעכטע האנד ביז אויף אייביג." (תהלים י"ו: 10, 11).

א סך הונדערטע זיינען עדות געוועזן פון זיין תחית־המתים 3 טעג נאך דער קרייציגונג. זיין גוף איז אוועקגע־נומען געווארען, און האט ניט געזעהן פארדערבעניש.

קען עמיצער באהויפטען, אז די ערשיינונגען זיינען גע־שעהען בלויז אלס א צופאל? האט עמיצער געלעבט, א גוי אדער א איד, וואס האט אזוי דערפיהלט אין אלע פרטים די נבואה ווי ישו? געוויס קיינער ניט.

מיר האבען געזעהן, אז דער גואל פון דער מענשליכער ראסע מוז זיין א פולקאמענער מענש, דערפאר מוז ער פון גאט געשיקט זיין און טאר ניט גענומען ווערען פון דעם מענשליכען מין, ווי ישעיה הנביא האט פראפעצייט: „דארום וועט דער האר אליין אייך געבען א צייכען — זעהט, די יונג־

מרוי וועט טראָגעדיג ווערען, געווינענדיג א זוהן, און זיין נאָמען וועט גערופען ווערען עמנואל." (ישעיה ז׳: 14). גענוי אין אנקלאנג מיט דער נבואה איז ישו געבוירען געוואָרען פון א יונגפרוי. דעם פאקט קאָן קיינער ניט באשטרייטען. דער שטן האָט זיך דערוואוסט, אז דאָס דאָזיגע קינד איז פאַר־שפּראָכען געוואָרען און דערפאר האָט דער שטן זיך באמיט, אז די מוטער פון דעם קינד זאָל געשטייניגט ווערען איידער דאָס קינד וועט געבוירען, אָבער גאָט האָט פארשטעלט דעם שטן׳ס צוועק. מיר קאָנען באמערקען אז אויף ישו׳ן פאסען זיך אלע תנאים: נעמליך, אז ער וועט שטאמען פון יהודה׳ס שטאם, אז ער וועט געבוירען ווערען פון א יונגפרוי, אז ער וועט פארשטויסען ווערען פון מענשען און פארפאָלגט ווערען פון די פיהרער פון ישראל, מען האָט איהם פארראטען פאר 30 שקלים און ער איז געשטאָרבען מיט א שרעקליכען טויט.

אין אלע צייטען האָט גאָט געגעבען זיין רוח הקודש פאר א פאָר מענשען, וואָס זיינען געווען אונטער דער לייטונג פון גאָט. יואל האָט פראָפעצייט, אז אין די לעצטע שרעקליכע טעג פון די אידען נאָך דער באלאגערונג פון די רוימער, וועט גאָט פילע מענשען באשענקען מיט זיין גייסט און א סך ווע־לען פראָפעצייען. (יואל ב׳: 28, 29). נאָכדעם ווי דאָס איז דערפיהלט געוואָרען לויט דעם פארשפרעכען, אין א צייט פאר דעם גרויסען שרעקליכען טאָג ווען די רוימער האָבען חרוב געמאכט ירושלים, זאָל די עדות פון דעם האר גענומען ווע־רען אלס א דערפיהלונג.

פעטער איז געווען איינער פון ישו׳ס תלמידים. ער האָט שטרענג געהאלטען די תורה. קורץ נאָך פסח, ארום שבועות, נאָך ישו׳ס קרייציגונג, האָבען פעטער און אנדערע תלמידים גע־וואָרט אין ירושלים און אין יענער צייט איז יואל׳ס נבואה דערפיהלט געוואָרען.

אין יענער צייט זיינען אין ירושלים געווען א סך אי־דען, וואָס האָבען אויף פארשידענע לשונות גערעדט. די־דאָזיגע אידען האָבען באמערקט פעטער׳ן און אנדערע ניט געלערענטע לייט, שפרעכענדיג כלערליי שפּראכען, האָבען זיי זיך געוואונדערט און זיי האָבען געשפּעט, זאָגענדיג: „זיי זויי

נען שיכורים", אָבער פעטער האָט זיי אזוי געענטפערט: די דאָזיגע מענשען זיינען גארניט שיכור, נאָר איהר קאָנט זעהן די דערפיהלונג פון יואל'ס נבואה, וואָס מיר האָבען דערמאָנט. דאָס באווייזט פעטער'ס עדות. דאָס באווייזט די דערפיהלונג פון יואל'ס נבואה און אזוי האָט ער עדות געזאָגט אויף דעם משיח:

„איהר, מענער פון ישראל, הערט צו די דאָזיגע ווערטער: ישוע הנוצרי, א מאַן, וואָס איז אייך באוויזען געוואָרען דורך גבורות און וואונדער און צייכען, וואָס גאָט האָט דורך איהם געטאָן צווישען אייך, אזוי ווי איהר אליין ווייסט. איהם, וואָס איז געשיקט געוואָרען דורך דער עצם און פאָרזעהונג פון גאָט, האָט איהר גענומען און געקרייציגט און אומגעבראַכט דורך אומגערעכטע הענט. וועמען גאָט האָט אויפגעוועקט, ווען ער האָט אויפגעבונדען די ווייטאָגען פון דעם טויט, ווייל עס איז ניט געווען מעגליך, אז ער זאָל פון דעם געהאַלטען ווערען. וואָרים דוד זאָגט אויף איהם. (תהלים ט"ז: 8-11). איך האָב דעם האר תמיד פאַר מיר געזעהן, וואָרים ער איז ביי מיין רעכטער האַנט, אזוי אז איך זאָל ניט ווערען באוועגט: דאַרום האָט זיך מיין הארץ געפרעהט, און מיין צונג איז געווען פרעהליך; און מיין פלייש וועט אויך רוהען אין זיכערקייט, ווייל דו וועסט ניט לאָזען מיין נשמה אין שאול און וועסט ניט צולאָזען, אז דיין הייליגער זאָל זעהן פאַרדאַרבונג. דו האָסט מיך געלאָזט וויסען דעם וועג פון לעבען, דו וועסט מיך פול מאַכען מיט פרייד פון דיין פנים."

„איהר מענער און ברידער, ערלויבט מיר איך זאָל צו אייך ריידען מיט פרייהייט פון דעם הויפט־פאָטער דוד, אז ער איז געשטאָרבען און באַגראָבען געוואָרען, און זיין קבר איז מיט אונז ביז צום היינטיגען טאָג, אָבער ווייל ער איז געווען א נביא און האָט געוואוסט, אז גאָט האָט צו איהם געשוואוירען מיט א שבועה, אז ער זאָל ברענגען דעם משיח פון די פרוכט פון זיינע לענדען נאָך דעם פלייש, אז ער זאָל זיצען אויף זיין טראָהן־שטוהל, אזוי האָט ער דאָס פאָראויסגעזעהן און האָט גערעדט וועגען תחית־המתים פון משיח, אז ער זאָל ניט פאַרלאָזען ווערען אין שאול און זיין פלייש זאָל ניט זעהן פאַרדאַרבונג. דעם ישוע האָט גאָט אויפגעוועקט, און מיר אַלע זיינען עדות. דערפאַר וואָס ער איז דערהויבען דורך דער העכסטער האַנט פון גאָט און האָט דערהאַלטען דורך דעם פאָטער די הבטחה פונ'ם רוח־הקודש, אזוי האָט ער דאָס אויסגעגאָסען, וואָס איהר זעהט און הערט, ווייל דוד

איז ניט ארויפגעגאנגען אין הימעל, אבער ער זאגט: „דער האר האט געזאגט צו מיין האר, זיץ דו ביי מיין רעכטער האנט, ביז איך וועל מאכען דיינע פיינט פאר א פוסבענקעל אונטער דיינע פיס.“ (תהילים קי"א). דערפאר לאז דאס גאנצע הויז ישראל וויסען, אז גאט האט געמאכט דעם ישוע'ן וועמען איהר האט געקרייציגט פאר א האר און משיח. „און ווען זיי האבען דאס געהערט, האט עס זיי געשטאכען אין הארצען און זיי האבען געזאגט צו פעטער'ן און צו די איבעריגע שלוחים: איהר מענער און ברידער, וואס זאלען מיר טאן? און פעטער האט צו זיי געזאגט: טוט תשובה און ווערט איטליכער גע'טובל'ט אין דעם נאמען פון ישו המשיח צו פארגעבונג פון אייערע זינד און איהר וועט דערהאלטען די מתנה פון דעם רוח־הקודש. ווארים די הבטחה איז צו אייך און צו אייערע קינדער און צו אלע, וואס זיינען פון ווייטען, וועלכע דער האר אונזער גאט וועט רופען.... די וואס האבען זיין ווארט גערן אנגענומען, זיינען גע'טובל'ט געווארען און אין דעם זעלבען טאג זיינען צו זיי צוגעקומען דריי טויזענט נפשות.“ (מפעלות ב': 22-39, 41).

די עדות זיינען דער פונדאמענט פון די נביאות, אנדוויטענדיג ישו הנוצרי אלס משיח; און דריי טויזענד גלויביגע אידען האבען געהערט די עדות. יואל'ס נבואה באווייזט, אז גאט האט געמאכט אויך אנדערע פראפעצייען נאך פאר דער צעשטרייאונג פון די אידען דורך די רוימער. די דערפיהלונג פון דער נבואה זווייזט, אז גאט האט אויך אנדערע מענשען משפיע געווען און די אידען וואס האבען פראפעצייט, זיינען געווען ישו'ס תלמידים. זיי האבען אויפגעצייכענט די פארסירונגען אונטער גאט'ס איינפלוס און דערפאר זיינען זיי אמת. דערפאר זיינען די רשימות פון ברית חדשה אין פולען איינקלאנג מיט'ן תנ"ך, אנטהאלטענדיג גאט'ס ווארט אויפגעצייכענט אונטער גאט'ס השפעה. דאס איז כמעט אלץ פון אידען, אויסער איינעם, געשריבען געווארען.

ארטאדאקסישע אידען האבען לאנג פארווארפען דעם ברית חדשה, ווייל דער שטן האט באנוצט זיינע מיטלען צו פארבלענדען די אויגען פון די מענשען, אז דאס גרויסע ליכט פון אמת זאל ניט שיינען אויף זיי. נאך א ראיה פון פארווארפען איז דאס, וואס די זאגענאנטע גלחים האבען דעם ברית חדשה געהאלטען אין זייערע הענד און באנוצט ווי

א שטעקען. דאס זיינען דעם שטנ'ס פארטרעטער וואס פאר־דעקען דעם אמת פאר די אידען.

איצט איז שוין דער יובל געקומען און ישראל'ס מלחמה־צייט איז צו ענד. די בלינדקייט מוז באזייטיגט ווערען און זעהט די וואונדערבארע פארזעהונג ווי גאט האט געבראכט די ישועה צו די אידען כדי זיי צו באזעצען אין זייער לאנד.

וואס באווייזט דאס נייע טעסטאמענט בנוגע די גרויסע פראגע פון גאולת און פון משיח? דאס איז געגוי אין צוזא־מענהאנג מיט די נביאות פון תנ"ך, ד. ה. די מענשען־ראסע האט אין טויט געגידערט צוליב אדם'ס עברה. (רוימער ה': 12). די ראסע מוז דערלייזט ווערען פונ'ם טויט און דאס קאן נאר געשעהן דורכ'ן טויט פון א פולקאמענעם מענ־שען.

שאול פון תרשיש, א איד און א מיטגליד פון סנהדרין און א גרויסער למדן, איז אויך געווארען א תלמיד פון ישו, און ער האט געשריבען צו די אידען: •

„אבער מיר זעהען ישו'ן, וואס איז אביסעל נידעריגער פון די מלאכים, דורך דעם ליידען פון טויט, מיט הערליכ־קייט און כבוד געקרוינט, אז ער זאל דורך גאט'ס חסד פאר־זוכען דעם טויט פאר יעדען מענשען... דערפאר ווייל די קינ־דער האבען א טייל אין פלייש און בלוט, אזוי האט ער אויך א טייל אין זיי גענומען, כדי ער זאל דורך דעם טויט צו־שטערען דעם, וואס האט די מאכט פון דעם טויט, דאס איז דער שטן. און ער זאל באפרייען די, וואס דורך דער פורכט פונ'ם טויט זיינען זיי זייער גאנצען לעבען צו קנעכטשאפט אונטערוווארפען געווארען." (עברים ב': 9, 14, 15).

די ווייטערדיגע באווייזען זיינען, אז ישו איז אויפגע־שטאנען תחית המתים ארויפשטייגענדיג אין הימעל, ער האט איבערגעגעבען דעם שכר פון זיין אפפער אלס א זינד־אפ־פער פאר די מענשען. (עברים ט': 19-28; פיל. ב': 3-11).

מיר האבען עדות אז ישו המשיח וועט דעם שטן בינדען או פריכטען נייע הימעל און ערד, ד. ה. א נייע אומ־זעהבארע גבורה און א נייע זעהבארע מלוכה צווישען מענ־שען. די עדות האט געזאגט א איד, פעטער, וואס איז גע־

זאלבט געווארען דורכ'ן האר און האָט אזוי גערעדט שבועות־צייט:

„דער האר פארשפעטיגט ניט זיין הבטחה. איינינע מענשען רעכענען די פארשפעטיגטקייט, נייערט ער איז לאנג־מוטיג געגען אייך און וויל ניט, אז איינער זאָל פארלאָרען ווערען, נייערט ער זאָל אלע לאָזען אומקערען צו תשובה. אָבער דער טאָג פונ'ם האר וועט קומען אזוי ווי א גנב, אין וועל־כען די הימלען וועלען פארגעהן מיט א גרויסען רעש, און די גרונדען וועלען פאר היץ צושמאָלצען ווערען און צעגעהן, און די ערד און די ווערק, וואָס זיינען דרינען, וועלען פארברענט ווערען. ווען אלע די דאָזיגע זאכען וועלען אזוי צעגעהן, וואָסערע מענשען דארפט איהר זיין אין הייליגען וואנדעל און פרומקייט. דערוויל ווארט איהר און איהר באגערט ערנסט די ערשיינונג פונ'ם טאָג פון גאָט, דורך דעם די הימ־לען וועלען פארברענט ווערען און וועלען צעגעהן, און די גרונדען וועלען פאר היץ צעשמאָלצען און פארניכטעט ווע־רען, אָבער מיר ווארטען נאָך זיין הבטחה אויף נייע הימלען און א נייער ערד, דרינען גערעכטיגקייט וואוינט.“ (ב פעטער ג: 9-13).

ישעיה האָט פראָפעצייט, אז אין דער מלוכה פון משיח וועט זיין שלום און צדקות:

„וואָרים צו אונז איז א קינד געבוירען, א זוהן איז צו אונז געגעבען געוואָרען, און די הערשאפט וועט זיין אויף זיינע אַקסעל, און ער וועט זיין נאָמען רופען — וואונדער־בארער בעל־עצה, שטארקער גאָט, אייביגער פאָטער, שר פון שלום. צו פארמעהרען די הערשאפט, צו שלום וועט קיין ענד ניט זיין, ער וועט זיצען אויפ'ן טראָהן־שטהול פון דוד און איבער זיין קעניגרייך עס אוועקשטעלען און אונטערלעהנען עס מיט משפט און גערעכטיגקייט פון איצט אָן ביז אויף אייביג. דער אייפער פונ'ם האר צבאות וועט דאָס טאָן.“ (ישעיה ט': 6, 7).

עס איז פארצייכענט אין ברית חדשה, אז ווען ישו איז געבוירען געווארען אין בית־לחם, האָבען די מלאכים געזונ־גען: „שלום אויף דער ערד, גוטער ווילען צו די מענשען“ און די גוטע בשורה וועט אין א געוויסער צייט אויף אלע מענ־שען זיין. דאָס איז גענוי אין אנקלאנג מיט די נביאים'ס ווערטער. ישעיה האָט פראָפעצייט אז ווען דעם האר'ס מלוכה וועט אויפגעריכטעט זיין, וועט די תורה פון ציון ארויסגעהן

און גאט'ס ווארט פון ירושלים; ס'וועט קיין מלחמה מעהר נים זיין, נאר ער, וואס הערשט, וועט געוועלטיגען בשלום (ישעיה ב׳: 2-4). דערזעלבער נביא פראפעצייט: „זעה, א מלך וועט רעגירען אין גערעכטיגקייט, און פירשטען וועלען הערשען מיט רעכטפערטיגקייט." (ישעיה ל"ב: 1).

דער דעמאנטער קעניג איז דער משיח און די פירשטען לויט'ן תהלים מ"ה: 16, זיינען אברהם, יצחק, יעקב. די נביאים און אמאליגע הייליגע מענער, וואס וועלען צוריקקעהרען אויף דער ערד, און וועלען הערשער זיין צווישען אלע מענשען פון דער ערד און די אידען וועלען א מעכטיג פאלק זיין אויף דער ערד.

יעדער איד קאן איינזעהן, באטראכטענדיג די פארגעבראכטע באווייזען, וואס זיינען געגרינדעט אויף דעם תנ"ך, אז גאט וויל די אידען באזעצען אין ארץ ישראל, אז ער האט פארשפראכען דאס לאנד אברהם'ען און זיין זאמען, אז זיין צוועק איז צו דערפיהלען די הבטחה. גאט האט דורך פילע יאהרהונדערטער געלערענט די אידען, וואס זיינען דורכגעגאנגען פארשידענע נסיונות, אז ער איז גאט און ס'איז קיינער אויסער איהם; אז גאט האט דערלויבט, אז דער שטן זאל נאכגעהן זיין וועג און האט עס קאנטראלירט צו זיין א פרואוו פאר געהארכזאמע מענשען; און די וואס ווייזען ארויס זייער ליבע צו גאט און אמונה, וועלען באקומען זיינע ברכות.

די אידען, כדי צו דערפיהלען די נביאות, קערען זיך צוריק אום נאך ארץ ישראל. מען מוז אבער צוגעבען, אז דער גרעסטער טייל פון זיי האבען ווייניג אמונה אין גאט און אין זיינע הבטחות. מען קען זעהן פון די פילע פאסירונגען אין דער תורה, אז גאט וועט זיי נים דערלויבען אויפצובויען זייער לאנד סיידען דורך אמונה אין איהם. לאזען די אידען זיך צוריקקעהרען צו זייער גאט, שטודירען די נביאות און טרויען גאט'ס ווארט און דאן וועט זיי דער האר פיהרען אויפ'ן וועג צו אייביגע ברכות.

גאָט'ס פּלאַן.

א פאַרזיכטיג שטודיום פון תנ"ך וועט אויפדעקען דעם פאקט פון גאָט'ס פּלאַן אין קורצען: אז גאָט האָט באשאפען דעם מענשען פערפעקט, אז דער מענש האָט געזינדיגט און איז פאר'משפּט געווארען אויף טויט; אז גאָט האָט פארשפּראָכען איהם צו דערלייזען; אז דער גואל וועט זיין דער משיח, וואס איז פונ'ם זאמען פון דער הבטחה, דורך וועלכען די ברכות וועלען קומען אויף די מענשען, אז דערדאָזיגער גואל איז א פולקאָמענער מענש, אז ער האָט זיין לעבען געגעבען אלס דער שכר־פּדיון פאר די מענשען; קיין שום מענש האָט געקאָנט דערפיהלען די תנאים אויסער איהם; אז דער געהאָרכזאמער און טרייער גאָט'ס זוהן, דער לאָגאָס, איז געשיקט געוואָרען פון הימעל אויף דער ערד, וואָס איז דערצייגט פון גאָט'ס כח און געבוירען א פולקאָמענעם זכר און אלס מאַן האָט ער געליטען טויט אלס זינדאָפּפער; אז ער איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים און איז אויפגעשטיגען; און צום סוף פון דער וועלט וועט ער זיך אומקעהרען אויפצוריכטען די מלכות; אז די צייט איז געקומען פאר די אידען אויפצובויען פּאלעסטינע, און דער אויפבוי וועט זיין א ברכה פאר די פעלקער; אז די נחמה פון די אידען איז אנגעקומען, ווייל איהר מלחמה־צייט איז צו ענדע.

דאָס איז די צייט, ווען ישראל וועט וויסען, ווי קיינמאָל פריהער, אַ זיהוה איז זייער גאָט. „געבענשט איז דאָס פאָלק, וואָס דער האר איז זיין גאָט, דאָס פאָלק וועלכעס ער האָט זיך אויסדערוועהלט צו זיין נחלה". (תהלים ל"ג: 12).

דער טאָג פון יובל איז געקומען, די גוטע בשורה מוז אָנגעזאָגט ווערען צום פאָלק ישראל און צו אלע פעלקער פון דער ערד. (תהלים פ"ט: 15).

. די לאַנגע פינסטערע צייט פון ישראל'ס מלחמה־צייט איז צו ענדע. גאָט'ס חסד האָט זיך אומגעקעהרט צו איהם, און משיח, דער האר און שר שלום, דער גואל פון דער וועלט, מוז זיי באווייזען ווערען. ווער האָט ליב דעם האר מוז אויסברייטען די גוטע בשורה פון נחמה צו די אידען. דאָס איז

די צייט פאר דער דערפיהלונג פון די נביאות. לויבט ד' גאט און פארשפרייט די גוטע בשורה אין זיין נאמען, זאגענדיג:
„טרייסט זיך, טרייסט זיך מיין פאלק, זאגט אייער גאט. רעדט צום הארץ פון ירושלים און רופט אויס צו איהר, אז איהר באשטימטע צייט איז דערפילט געווארען, אז איהר זינד איז פארגעבען, ווארים זי האט גענומען פון גאט'ס האנט דאפעלט פאר אלע איהרע זינד... געה ארויף אויף א הויכען בארג, א ציון, וואס ברענגסט א גוטע בשורה! א ירושלים, וואס ברענגסט א גוטע בשורה! הויב אויף דיין קול מיט כח, הויב עס אויף, האב ניט קיין מורא, זאג צו די שטעדט פון יהודה — זעהט אייער גאט!" (ישעיה מ': 1, 9).

ארויסגעבער:
(ניט־מיסיאנערע, ניט־סעקטאנטישע ארגאניזאציע)
אינטערנאציאנאלע ביבעל סטודענטען געזעלשאפט
ברוקלין, ניו־יארק, אמעריקא.
אויך:
לאנדאן, טאראנטא, מעלבורן, קייפ־טאון, מאגדעבורג, בערן און נאך.

אינהאלטס-פארצייכנונג

ארץ־ישראל: לאנד און פאלק — — — — — — — — — — — — — — 5
הבטחות פון גאט צו ישראל — — — — — — — — — — — — — 13
אברהם — דער פאטער פון די פעלקער — — — — — — — — — 17
די אויסלייזונג פון מצרים — — — — — — — — — — — — — 21
ביים בארג סיני — — — — — — — — — — — — — — — — 25
דער צוועק פון דער תורה — — — — — — — — — — — — — 27
שטן'ס איינריכטונג — — — — — — — — — — — — — — — 28
דער אורטייל — — — — — — — — — — — — — — — — — 31
גאט'ס איינריכטונג — — — — — — — — — — — — — — — 34
אידען פארווארפען א קורצע צייט. פארוואס? — — — — — — — 38
„ביז ער וועט קומען" (יחזקאל כ"א: 27) — — — — — — — 45
ישראל'ס לאנגע מלחמה־צייט — — — — — — — — — — — — 47
צייט פון די גוים — — — — — — — — — — — — — — — 49
פארוואס האט ישראל געליטען — — — — — — — — — — — 51
ישראל'ס מלחמה צו ענדע — — — — — — — — — — — — — 57
די באלפור דעקלאראציע — — — — — — — — — — — — — 60
חלוצים — — — — — — — — — — — — — — — — — — 63
העברעאישער אוניווערזיטעט געעפענט — — — — — — — — — 65
דערפילט די נבואה — — — — — — — — — — — — — — 68
באקרעפטענדע עדות — — — — — — — — — — — — — — — 71
ישראל'ס דאפעלט (ישעיה מ': 1־2; ירמיה ט"ז: 14־18) — 75
ציוניזם ארגאניזירט — — — — — — — — — — — — — — — 78
יובל — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 80
צייט פון דערפילונג — — — — — — — — — — — — — — 86
טאל פון טרוקענע ביינער (יחזקאל ל"ז: 1־14) — — — — — 89
דער אטעם פון גוף — — — — — — — — — — — — — — — 93
א נייער ברית מיט ישראל — — — — — — — — — — — — — 96
אויסלייזונג — — — — — — — — — — — — — — — — — 104
דער משיח — — — — — — — — — — — — — — — — — — 113

דער ווידער אויפבוי פון פאלעסטינע.

יעדע פערזאן, איד אדער ניט־איד, וואס וויל העלפען דעם ווידעראויפבוי פון פאלעסטינע דורך די אידען, מעג שיקען זיינע פריינווילינעביישטערונגען צו דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

אדרעס:

Zionist Organization of America,
114 Fifth Ave., New York, N. Y.